STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01936

FUN MARKS BIZ LENIN

Morris Hillquit

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פון מארקס ביז לענין

פון

מארים הילקוויט

איבערזעצט פון ענגליש פון

ד. קאפלאן

ארויסגעגעבען פון

פארלאג „וועקער“

פון אידישען סאציאליסטישען פארבאנד

175 איסט בראדוויי, נ. י.

פעברואר, 1923

פּאָרוואָרט צו דער אידישער איבערזעצונג

עס איז שוין אַרום אַנדערהאַלבען יאָהר זינט איך האָב פאַרענדיגט דעם מאַנוסקריפּט פון מיין ביכעל „פון מאַרקס ביז לענין". דורך דער צייט זיינען פילע גרינדליכע ענדערונגען פּאָרגעקומען אין דער וועלט פון סאָציאַליזם, ווי אויך אין די טעאָריען און דער פּאָליטיק פון רוסישען באָלשעוויזם.

ווען מ'האָט מיר געבעטען שרייבען אַ פּאָרוואָרט צו דער אידישער איבערזעצונג פון אָט דעם ביכעל, האָב איך איהם נאָכאַמאָל איבערגעלעזען, מיט עפּעס אַ אונזיכערהייט און אַנגסט, צו זעהן אויב די אנזיכטען און באַשלוסען, וואָס ווערען דאָרט אויסגעדריקט, זיינען נאָך איצט ריכטיג. איך האָב אָבער ניט געפונען קיין אורזאַכע צו מאַכען אירגענד וועלכע ממשות'דיגע אויסבעסערונג.

די הויפּט טענה, דער „לייטמאָטיוו", פון מיין באַשיידענער ווערק איז, אַז די סאָציאַליסטישע אָרדנונג קען ניט איינגעריכטעט ווערען אין אונזער געזעלשאַפט כל זמן די צושטאַנדען פון דער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער אַנטוויקלונג פון יעדער לאַנד ערלויבען עס ניט. עס איז ניטאָ קיין שום נייעס אין דער דאָזיגער טעאָריע. דאָס איז דער פונדאַמענטאַלער מאַרקסיסטישער באַגריף, וואָס איז אין די פריהערדיגע יאָהרען אָנגענומען געוואָרען פון אַלע דענקענדע סאָציאַליסטען כמעט אַלס אַ אומבאַשטרייטבאַרער אמת. אין דער לעצטער צייט אָבער האָט מען אין געוויסע טיילען פון דער באַוועגונג גענומען שטאַרק צווייפלען אין דער ריכטיגקייט פון דעם דאָזיגען פעסטגעשטעלטען פּרינציפּ. אַ פּלוצלונגע און ערשטוינענדע קאַטאַסטראָפע האָט געטראָפען אונזער וועלט — אַ פיער־יאָהריגע מלחמה און אַזאַ שוידערליכע, מאוים'דיגע, וואָס איז כמעט אומבאַגרייפליך פאַר'ן מענשליכען מח. דאָס איז געווען אַ מין פּאָליטישע ערדציטערניש, וואָס האָט אויפגעטרייסעלט, אויסגעלינקט, דיזאָרגאַניזירט גאַנץ אייראָפּע. באַזונדערס גרינדליך און פּאָלשטענדיג איז די פּאָליטישע איבער־

קעהרעניש געווען אין רוסלאנד. די יאהרהונדערטע־לאנגע הער־שאפט פון די צארען איז אוועקגעשווענקט און פארטראגען געווארען ווי פון א שרעקליכען שטורם. דער פארזוך פון די ליבעראלע מי־טעל־קלאסען צו רעגירען האט זיך ארויסגעוויזען לעכערליך שוואך צו ספראווען זיך מיט דעם וואקסענדען כאאס. די רוסישע רע־גירונג האט ניט געהאט קיין שטארקע פיהרער. האבען די באל־שעוויקעס אריינגענומען די לייצעס אין די הענט. אלס א שריט פון ריין־פאליטישער געשיקטקייט איז דאס ווארשיינליך געווען א גאנץ לאגישע פאליסי, אבער דער טרויעריגער און פאטאלער טעות פון די סאוויעט־פיהרער איז געווען דאס, וואס זיי האבען פון א היסטארישען צופאל געמאכט אן אלוועלטליכע סאציאלע טעאריע און האבען צוזאמענגעמישט פאליטישע מאכט מיט עקא־נאמישער און געזעלשאפטליכער רייפקייט.

ווען זיי האבען פארכאפט די רעגירונג אין רוסלאנד, האבען די באלשעוויקעס זיך פארגעשטעלט, אז זיי קענען דורך דעקרעטען איינפיהרען סאציאליזם אין א לאנד, וואס איז לחלוטין ניט פאר־טיג פאר דעם. האבען זיי פארניכטעט די ביסעל אינדוסטרי וואס דארט איז נאך פארבליבען פון דער מלחמה און האבען נאך פאר־גרעסערט די־נויט און ליידען פונ'ם פאלק.

גלויבענדיג, אז זיי איז געלונגען דורכצופיהרען די סאציא־ליסטישע רעוואלוציע אין רוסלאנד, הגם דאס לאנד איז עקאנאמיש צוריקגעשטאנען, און אז זיי האבען עס באוויזען צו טאן בלויז מיט'ן כח פון זייער אייגענעם רעוואלוציאנערען מוטה און גע־וואגטקייט, האבען זיי ניט געזעהן קיין אורזאכע ווארום די סא־ציאליסטען פון אנדערע לענדער זאלען ניט נאכפאלגען זייער ביי־שפיל. אין זייער באגייסטערונג און זעלבסט־בארוישונג האבען זיי פראקלאמירט, אז מ'קען ארויפברייננען דעם משיח פון דער וועלט־רעוואלוציע, ווען מ'זאל עס נאר וועלען. אין נאמען פון אט דער וועלט־רעוואלוציע האבען זיי געשטעמפעלט אלס פאר־רעטער די מעהר־ניכטערע גענאסען פון אנדערע לענדער. וואס איך האב געפרואווט אנצייגען אין מיין ביכעל איז, אז די עקא־נאמישע פאליטיק פון דעם באלשעוויזם, ווי דאס ווערט פאר־טראטען פון דער סאוויעט־רעגירונג, און זיין טאקטישע סאציא־ליסטישע פאליטיק, אויסגעדריקט דורכ'ן דריטען אינטערנאציא־נאל, זיינען געגרינדעט אויף אן אילוזיע, א זעלבסט־נארעריי, און

דעריבער זיינען זיי פאַראורטיילט צו אַן אומפאַרמיידליכען דורכ־פאַל.

די ווייטערדיגע פּאַסירונגען האָבען גאַנץ שטאַרק געװעכט־פערטיגט די נבואה. די נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק („נעפּ") פון סאָוויעט־רוסלאַנד איז אַן אָפענע אנערקענונג, אַז זיי ציהען זיך צוריק פון זייער פריהערדיגער טאַקטיק און אַז זיי לאָזען זיך אַרונ־טער פון די וואָלקענס פון פאַנטאַזיע צו דער האַרטער ערד פון דער ווירקליכקייט. און דער קאָמוניסטישער אויפרוף פאַר אַ „פאַר־אייניגטען פראָלעטאַריער פראָנט" איז אַ וידוי, אַז זיי זיינען דורכגעפאַלען מיט זייער פריהערדיגער פּאָליטיק צוזושפּאַלטען די סאָציאַליסטישע און טרעיד־יוניאָן באַוועגונג.

מיר האָבען, הייסט עס, באַצאָהלט רבי־געלט. שמערצליכע ערפאַהרונג האָט אונז אויף אַזא אופן נאָך אַמאָל געלערנט, אַז ס'איז ניטאָ קיין קורצער וועג צום סאָציאַליזם. נאָך אַמאָל האָבען מיר דערזעהן, אַז אום צו האָבען ערפאָלג מוזען מיר געדולדיג אָנ־געהן מיט דער טאָג־טעגליכער אַרבייט פון אָרגאַניזירען און ער־ציהען די מאַסען און מאַכען שטופּענווייזע אויסבעסערונגען און פאָרטשריט.

דאָס איז אַ פּראָזאאישער און האַרעפּאַשנער וועג, אַ סך אַ שווערערער און אומעטיגערער ווי דער וואָס די קאָמוניסטישע ראָמאַנטישע היץ־קעפּ ווייזען אָן, אָבער דאָס איז דער איינציגער וועג, וואָס וועט סוף כל סוף פיהרען צום טריאומף פון סאָציאַליזם איבער דער גאַנצער וועלט.

מאררים הילקוויט.

ניו־יאָרק, דעצעמבער 27, 1922.

ערשטער קאַפּיטעל

הקדמה

די אויפגאַבע פון אָט די אַרטיקלען איז קלאָהר צו מאַכען די הויפּט־פּראָבלעמען און שטרייט־פראַגען פון דעם סאָציאַליזם ביי היינטיגען טאָג.

איך טרעט־צו צו מיין אויפגאַבע פאָלקאָם באַגרייפענדיג אַלע איהרע שוועריגקייטען. דער שטראָם פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג האָט, זינט דעם אויסברוך פון דער מלחמה, זיך גע־טראָגען אַזוי האַסטיג און אַלע ווייַלע אַזוי פּלוצלונג אומערוואַרטעט זיך אַ קירעווע געטאָן דאָ אַהער און דאָ אַהין, אַז ס'איז כמעט אומ־מעגליך אין יעדען פאַל צו באַשטימען איהר זין און טענדענץ. די סאָציאַליסטישע באַוועגונג פון פאַר דער מלחמה האָט צוזאַמענגע־בראָכען אָדער פאַרלאָרען איהר לעבענסקראַפט. די נייע באַוועגונג האָט זיך נאָך ניט קריסטאַליזירט; זי האַלט זיך נאָך אין פאָר־מירען: דאָס קאָן מען דייטליך זעהן פון די פיינדליכע לאַגערען, אויף וועלכע זי איז צעטיילט, און די העפטיגע צוזאַמענשטויסען צווישען זיי.

די באַוועגונג וועט סוף־כל־סוף זיין געצוואונגען צוצופּאַסען זי צו די נייע צושטאַנדען און פאָדערונגען, און וואָס שנעלער די סאָציאַליסטען פון אַלערליי שאַטירונגען וועלען אָפענהערציג און מיט ניכטערע אויגען זיך נעהמען אויספאָרשען און אַנאַליזירען די אורזאַכען פון זייערע שטרייטיגקייטען, אַלץ גיכער וועט קומען די ווידעראויפלעבונג פון דער באַוועגונג.

אונזער ערשטע אויפגאַבע, אַלזאָ, איז אויסצוגעפינען אַ פעס־טען גרונט פאַר אַזאַ אַנאַליז, אַן אַלגעמיין־אָנגענומענער שטאַנד־פּונקט פון וואַנען די דיסקוסיאָן זאָל קאָנען פרוכטבאַר אָנגעהן. אַלס אַזאַ פונדאַמענט קאָן דינען די אַלגעמיינע שטיצע אויפ'ן מאַרקס'ן. דער מאַרקסיזם איז נאָך אַלץ דער אני־מאמין פון אַלע שטרייטענדע סאָציאַליסטישע לאַגערען: יעדער איינער טענה'ט, אַז ער איז זעהר און זעהר טריי די לעהרע און דעם גייסט פון דעם

טעאָרעטישען גרינדער פון דער מאָדערנער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, און באַשולדיגט דעם געגנערישען צד אין איבערטרעטען די עשרת־הדברות פון אונזער סאָציאַליסטישען משה־רבינו.

דער עיקר פון דער מארקסיסטישער מעטאָדע ווי אַזוי צו שטודירען געשיכטע באַשטעהט אין דעם, דאָס יעדע וויכטיגע געזעלשאַפטליכע אָדער פּאָליטישע געשעהעניש מוז ערקלעהרט ווערען דורך מאַטעריעלע אורזאַכען. דאָס, וואָס די מעכטיגע סאָציאַליסטישע באַוועגונג, אַלגעמיין גערופען „צווייטער אינטערנאַציאָנאַל", איז פּלוצלונג פון דער מלחמה צושפּאָלטען געוואָרען, איז דאָך, אָהן צווייפעל, אויך אַזאַ היסטאָרישע פּאַסירונג. מוז עס דאָך אויך ערקלעהרט ווערען אויף'ן גרונט פון מאַטעריעלע פּאַקטען און אומשטענדען. צו ערקלעהרען די ריזיגע צוטיילונגען אין די סאָציאַליסטישע באַוועגונגען, וועלכע זיינען פאָרגעקומען איבער דער גאַנצער וועלט, בלויז מיט דעם, דאָס געוויסע טיילען פון דער באַוועגונג זיינען געוואָרען „סאָציאַל־פּאַטריאָטען" און פאַררעטער צו דער זאַך, ווערענד אַנדערע טיילען זיינען פאַרבליבען טריי צו די אידעאַלען פון רעוואָלוציאָנערען סאָציאַליזם — אַזוי צו ערקלעהרען הייסט אויסצומיידען די פראַגע, ווייל דאָס ערקלעהרט ניט די אורזאַכען ווארום אייניגע גרופּען זיינען אונטערפּאַלען דעם אַנגריף פון „סאָציאַל־פּאַטריאָטיזם", ווערענד אַנדערע זיינען עס ווידערשטאַנען.

יעדער גרויסער קריזיס אין אַ רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, ווען עס ווערט אויסגעפּרואווט די אויפריכטיגקייט און מוט פון יעדען איינעם, מוז אומפאַרמיידליך זיין אַ טויט־קלאַפּ פאַר פילע פיהרער פון דער באַוועגונג; און גאַנץ אָפט וועט די גרעסטע צאָהל דערזערטירער און פאַררעטער זיין צווישען די סאַמע היציגסטע, אָט די וואָס געהען געוועהנליך ניט אויף קיינע קאָמפּראָמיסען. די פּאַסירונגען פון די לעצטע עטליכע יאָהר האָבען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג געשטעלט צו דער שטרענגסטער פּראָבע, צום שווערסטען עקזאַמען אין איהר גאַנצער געשיכטע, און כמעט אין יעדען לאַנד האָבען גאַנצע גרופּען אָנפיהרער און נאָכפאָלגער זיך אונטערגעגעבען דעם שווערען דרוק פון די קאַפּיטאַליסטישע כחות. אָבער אָט דער אומבאַשטרייטבארער פאַקט איז איינער פון די סימנים פונ'ם צוזאַמענברוך פון דער אַלטער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, און ניט קיין ערקלעהרונג פון די אורזאַכען דערפון.

אין אַן עטוואָס עהנליכער לאַגע, וואָס איז אַרויסגעקומען פון דעם צוזאַמענפאַל פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין יאָהר 1848, האָט מאַרקס סאַרקאַסטיש געמאַכט דעם סך־הכל פון דער איבערפלעכליכקייט פון דער ליבעראַל־בורזשואַזער ערקלעהרונג פון איהר דורכפאַל, מיט די פאָלגענדע ווערטער: „אַז איהר נעהמט אויספאָרשען די אורזאַכען פון די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע ערפאָל־גען, ענטפערט מען אייך פון אַלע זייטען, אַז דאָס איז געווען דיזער הערר אָדער יענער הערר אָדער יענער בירגער, וואָס האָט פאַרראַטען דאָס פאָלק. אַזאַ אַנטוואָרט קאָן זיך זיין יאָ ריכטיג אָדער ניט ריכטיג, דאָס ווענדט זיך אָן די אומשטענדען, אָבער אין קיין פאַל און אונטער קיינע אומשטענדען איז דאָך דאָס קיין ער־קלעהרונג ניט. דאָס באַווייזט זאָגאַר ניט ווי אַזוי עס האָט פּאַסירט, אַז דאָס „פאָלק" האָט זיך ערלויבט פאַרראַטען צו ווערען."

אויך די מאָסקווער קלאַסיפיצירונג אויף „פליגלען" (רעכטער, לינקער, און צענטער אָדער מעסיגער) באַלויכט ניט גענוג די אור־זאַכען און דעם זין פון די צעטיילונגען און מחלוקות אין די סאָ־ציאַליסטישע רייהען. דאָס איז ניט מעהר ווי אַ פּאַרזוך צו מעסטען דעם גראַד „ראַדיקאַליזם" פון פאַרשיידענע סאָציאַליסטישע גרופּען און איינציגע סאָציאַליסטען. אין יעדער גרויסער מאַסען־באַוועגונג זיינען שטענדיג פאַראַן און וועלען שטענדיג זיין שאַרפע כאַראַק־טער־אונטערשיידונגען סאַי צווישען די גרופּען, סאַי צווישען די פּערזאָנען אין די גרופּען גופא. אין אַלע צייטען זיינען זיי געווען שטאַרק אויסגעשפּראָכען אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. דאָך, ביז'ן ערשטען אויגוסט, 1914, האָט זיך די באַוועגונג גע־האַלטען אַלס אַן אָרגאַניזירטע איינהייט, הויפּטזעכליך אויפ'ן אינ־טערנאַציאָנאַלען געביט.

דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל איז צושפּאָלטען געוואָרען פון צוויי הויפּט־אורזאַכען — די מלחמה און די רוסישע רעוואָלו־ציע. די אונטערשיידען צווישען די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין די קריג־פיהרענדע לענדער, וואָס זיינען אַרויסגערופען געוואָרען פון דער מלחמה, זיינען אין אַ גרויסער מאָס שוואַכער געוואָרען ווען די שלאַכטען האָבען אויפגעהערט. די רוסישע רעוואָלוציע

אָבער און דער סאָוויעט־רעזשים, וואָס זי האָט געגרינדעט, האָבען זיך אַרויסגעוויזען צו שפּילען אַ שאַרפערע און דויערענדערע ראָלע אין דער סאָציאַליסטישער אומאייניגקייט.

די סאָציאַליסטישע וועלט איז ניט געווען פערטיג פאַר אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. די געשעהעניש האָט אַלעמען געטראָפען ווי אַן אויפשווידערענדע איבעררואַשונג. דאָס האָט אומ־געשטירצט די טעאָריע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, און אַריינגעבראַכט אַ טומעל אין איהרע רייהען. די רוסישע רעוואָ־לוציע האָט בשום אופן ניט האַרמאָנירט מיט דעם באַגריף פון סאָציאַלער עוואָלוציאָן (געזעלשאַפטליכער אַנטוויקלונג אויף אַ נאַ־טירליכען אופן, ניט דורך געוואַלט), וואָס האָט פאַר דער מלחמה געהערשט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. זי האָט באַשאַפען אַ גאַנצע רייהע פון נייע געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען גאַנץ פאַרשיידען פון די יעניגע, וואָס זיינען פאַרשפּרייט אין אַנדערע לענדער. אָט דער אונטערשייד אין ממשות׳דיגען מאַטעריאַל און פּאָליטישע קאָנדיציאָנען, גיכער איידער בלויז טעאָרעטישע און כאַראַקטער־אונטערשיידען, איז עס די הויפּט־אורזאַך פון די היציגע דיסקוסיעס אין די רייהען פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג ביי היינטיגען טאָג.

צו פאַרמיידען פאַלשע מיינונגען, לאָמיר אויך באַהויפּטען גלייך פון אָנפאַנג, אַז דאָס וואָס איך געה איצט פּרואווען אַנאַלי־זירען די אייגענאַרטיגע אינסטיטוציעס פון דער רוסישער רעוואָ־לוציע און די פּאָליטיק פון דער סאָוויעט־רעגירונג, ווערט נישט בעאַבזיכטיגט צו „קריטיקירען״. דער נייער געזעלשאַפטליכער אויסזעהן פון סאָוויעט־רוסלאַנד האָט זיך פאָרמירט פון די כחות, וואָס זיינען איינגעוואָרצעלט אין די צושטענדע און פּאַסירונגען, וועלכע האָבען געבוירען די ערשטע סאָציאַליסטישע רעפּובליק. איהרע פּאָליסים האַלטען זיך נאָך אין אויסאַרבייטען. די געשיכטע האָט נאָך ניט פאַרצייכענט איהר ענדליכען אורטייל וועגען איהרע פאַרדינסטען, און אורטיילענדיג פון דער פּשוט׳ער, וואָכעדיגער פּראָבע פון זאָפאָרטיגען ערפאָלג, האָט דאָס קאָמוניסטישע רוסלאַנד פאָרלויפיג רעכט. עס זיינען, אָהן ספק, באַגאַנגען געוואָרען פעה־לערען און עקסצעסען, אָבער דאָס איז אומפאַרמיידליך אין גרויסע

רעוואָלוציעס, און אָרום און אַרום איז עס פאַרהעלטעניסמעסיג ניט וויכטיג. די רוסישע קאָמוניסטען האָבען אָפּגעפּילעוועט די רוסי־שע רעוואָלוציע און אָוועקגעשטעלט איהר אויף די פיס. מעגליך, אַז דאָס האָט געקאָנט געטאָן ווערען פונקט אַזוי גוט, צי אפשר נאָך בעסער, דורך אַנדערע וועניגער־שמערצליכע מעטאָדען. עס איז אָבער ניט מעהר ווי אַן השערה, ווערענד די אויפגעטאָנענע ארבייט פון די רוסישע קאָמוניסטען איז דאָך אַ פאַקט, וואָס מיר זעהען שוין.

צווייטער קאַפּיטעל

די מאַרקסיסטישע טעאָריע פון סאָציאַלער רעוואָלוציע

די מאַרקסיסטישע טעאָריע ווי אַזוי די געזעלשאַפט וואַקסט און ענדערט זיך איז אין תוך געגרינדעט דורכאויס אויף עקאָנאָמישע און עוואָלוציאָנערע געזעצען. זי שטיצט זיך אויף פאָלגענדע הויפּט־כּללים:

1. די עקזיסטירענדע מעטאָדע ווי אַזוי אַרטיקלען ווערען פּראָדוצירט און אויסגעביטען צווישען זיך, איז אין יעדער צייט דער פונדאַמענט פון דער געזעלשאַפט, און דאָס באַשטימט דעם פּאָליטישען אויסזעהן און די אינטעלעקטועלע אידעען פון דער געזעלשאַפט.*)

2. יעדע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג געפינט זיך שטענדיג אין אַ צושטאַנד פון וואַקסען און ענדערען זיך, און ענדליך מוז זי דער־גרייכען אַזאַ פונקט אין איהר אַנטוויקלונג, וואו איהרע פּאָליטישע און סאָציאַלע אָרגאַניזאַציאָנס־פאָרמען ווערען אַ שטערונג פאַר איהר ווייטערדיגען וואוקס. דאַן קומט פאַר אַ בראָך. די פּאָלי־טישע און סאָציאַלע אינסטיטוציעס, וואָס שטעהען אין וועג, ווערען אומגעשטירצט און זייער פּלאַץ ווערט פאַרנומען פון נייע אינסטי־טוציעס, צוגעפּאַסט צו די נייע נויטווענדיגקייטען. דאָס הייסט, אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע ווערט דורכגעפיהרט.

3. פאַרקעהרט, ווידער, כּל זמן אַן עקאָנאָמישע סיסטעם איז נאָך לעבענסקרעפטיג, קאָן מען איהר מיט גוואַלד ניט פאַרניכטען.

---

*) פרידריך ענגעלס אין דער הקדמה צום „קאָמוניסטישען מאַ־ניפעסט“.

קיין געזעלשאַפטליכע אָרדנונג קאָן ניט געבוירען קיין נייע איידער זי, די אַלטע, איז ניט פול צייטיג און פאָלשטענדיג אויסגעוואַקסען אַזוי, אַז ס'איז שוין פאַר איהר ניטאָ מעהר קיין מעגליכקייט צו וואַקסען. מ'קאָן ניט איבערהיפּען קיין איין שטופע אין דעם אַנט־וויקלונגס־גאַנג פון דער געזעלשאַפט.*)

4. יעדע געזעלשאַפט, אין וועלכער די סיסטעם פון פּראָדוק־ציאָן געפינט זיך אין אַ הויך־אַנטוויקעלטען צושטאַנד, מוז אומבאַ־דינגט באַשאַפען אַנטגעגענגעזעצטע קלאַסען — אייגענטום־באַזי־צער און אייגענטומלאָזע אַרבייטער, פּריווילעגירטע און אונטערדריק־טע. די ערשטע, די בעלי־בתים, זוכען, פאַרשטעהט זיך, שטענדיג אויפצוהאַלטען די אַלטע אָרדנונג, און פאַר די אַרבייטער, ווידער, לוינט זיך בעסער צו שטירצען איהר. דער צוזאַמענשטויס פון אינטערעסען ווערט פאַרוואַנדעלט אין אַ קאַמף צווישען די דאָזיגע קלאַסען, און דער פּאָליטישער זיג פון דעם אונטערדריקטען קלאַס איבער דעם הערשענדען קלאַס שטעלט מיט זיך פאָר דעם אויסער־ליכען אויסזעהן פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

אַט דער אַלגעמיינער און אומפאַרענדערליכער געזעץ פון עקאָ־נאָמישען דעטערמיניזם (אַז יעדע פּאַסירונג מוז געשעהן אומפאַר־מיידליך, ווייל ס'איז די פאָלגע פון פריהעריגע פּאַסירונגען) איז דער שליסעל צו פאַרשטעהן דעם מאָדערנעם קאַפּיטאַליסטישען שטאַט און איז אויך דער וועגווייזער צו דער קומענדער סאָציאַ־ליסטישער געזעלשאַפט.

די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג האָט זיך שטופענווייז אַנטוויר־קעלט פון דעם מיטעלאַלטערליכען פעאָדאַלען (פּריצים'שען) שטאַט, ווען די מאָדערנע אינדוסטריען האָבען גענומען וואַקסען און ארויס־שטופען די דאַמאָלסטדיגע עקאָנאָמישע אָרדנונג, וועלכע איז געווען איינגעוואָרצעלט אין לאַנדווירטשאַפט. דער וואוקס פון דער קאַ־פּיטאַליסטישער אָרדנונג האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם פּאָלי־טישען זיג פון דער בורזשואַזיע איבער דעם קלאַס פון די אדעליגע לאַנד־אייגנטימער און איז איינגעפיהרט געוואָרען פון דער אינ־

*) קאַרל מאַרקס אין דער הקדמה צו זיין „קריטיק פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע"

דוסטריעלער רעוואָלוציע אין ענגלאַנד און פון דער פּאָליטישער רעוואָלוציע אין פראַנקרייך.

די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט אָבער, פּונקט ווי אַלע פריי־הערדיגע געזעלשאַפטליכע אָרדנונגען, באַשאַפט מיט איהר שנעלען וואוקס די קערנער פון איהר אייגענער פאַרניכטונג. די קאַפּיטאַ־ליסטישע סיסטעם פון איינציגע פּראָדוצירער פאַר אייגענע אינטע־רעסען געבראָכט, אַנטוויקעלט און אָרגאַניזירט די געזעלשאַפטליכע כחות פון אַ העכערען זאָרט פּראָדוקציאָן — אַ פּראָדוקציאָן פאַר'ן גאַנצען קהל. ווען די מאָדערנע סיסטעם צו פּראָדוצירען אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב וואַקסט ביסלעכווייז אַרויס פון די נידריגערע שטופען פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקאָנאָמיע, וועלכע באַשטעהט פון איינציגע האַנדווערקער; ווען די אַרבייטס־געצייג פון פאַרצייטיגען מעכאַניקער אַנטוויקעלט זיך אין אַ מעכטיגער מאַשין, גע־טריבען פון פּאַרע און עלעקטריק; ווען דער קליינער וואַרשטאַט טרעט אָפּ דעם פּלאַץ פאַר דער ריזיגער פאַבריק; די אַמאָליגע בעל־העגלה'סקע בויד טרעט אָפּ דעם וועג דער אייזענבאַהן; די זעגעל־שיפעל — דער מאָדערנער גרויסער דאַמף־שיף; דער אַמאָ־ליגער בריף־טרעגער — דער איצטיגער פּאָטשט, טעלעגראַף, טע־לעפאָן און קעיבל, — דאַן ווערען אַלע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע באַציהונגען צווישען די קלאַסען פונדאַמענטאַל געענדערט, רעוואָ־לוציאָניזירט, און ס'ווערט געלעגט דער פונדאַמענט פאַר אַ נייער און העכערער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג.

דער קאַפּיטאַליזם פאַראייניגט די קליינע צעזעיטע־און־צע־שפּרייטע איינצעלנע פּראָדוקציאָנס־קרעפטען פון לאַנד און שמידט זיי צוזאַמען אין מעכטיגע צוזאַמענגעשמאָלצענע געשעפטען, און ער אָרגאַניזירט די אינדוסטריען אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב און אַ פּלאַנמעסיגען גרונט. אויף דיזען אופן ווערט פאַר דער אָרגאַ־ניזירטער געזעלשאַפט מעגליך איבערצונעמען אַלע אינדוסטריען און אָנפיהרען זיי אַלס אַ קהל'שע זאַך.

די מאָדערנע פאַבריק זאַמעלט צונויף גרויסע מאַסען אַרביי־טער אונטער איין דאַך און אָרגאַניזירט זייער שאַפען לויט דער מעטאָדע פון אַרבייט־צוטיילונג. די אַרטיקלען ווערען, אַלזאָ, ניט געשאַפען פון איינצעלנע מענשען באַזונדער, זאָנדערן פון אַ סך

וואָס אַרבייטען געמיינשאַפטליך. די אַרבייטער ווערען דורך דעם צוגעוואוינט צו קאָאָפּעראַציע, אַרויסצוהעלפען איינע די אַנדערע און צו אַרבייטען געגאָסענשאַפטליך.

אַז די קאַפּיטאַליסטישע מעטאָדע פון פּראָדוקציאָן אַנטוויקעלט זיך און פאַרפאָלקאָמט זיך, ווערען די איינציגע אָפּגעזונדערטע אינדוסטריעלע קרעפטען מעהר צוזאַמענגעשמאָלצען און קאָנצענטרירט. אומאָפּהענגיגע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען נעמען זיך אַלץ מעהר אויס און ס׳ווערט אַלץ קלענער די צאָהל פון אומאָפּהענגיגע קאַפּיטאַליסטען.

פון דער אַנדער זייט, ווידער, צוזאַמען מיט׳ן וואוקס פון אינדוסטריע, וואַקסט אויך די צאָהל פון די אַרבייטער, די לוין־פאַרדינער. זייערע רייהען ווערען פאַרשטאַרקט ניט בלויז פון דעם צופלוס פון די דאָרפסלייט, וואָס פּראָלאָזען די פעלדער און לויפען צו די פאַבריקען אין די שטעדט, נאָר אויך פון דעם שטייגענדען אונטערגאַנג פון קליינע אומאָפּהענגיגע פאַבריקאַנטלאַך און סוחרים׳לאַך, וועלכע זיינען געצוואונגען צו זוכען באַשעפטיגונג ביי די גרויסע קאַפּיטאַליסטען.

אָבער וואָס מעהר דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס ווערט קלענער אין צאָהל צוליב דעם, וואָס די אינדוסטריען ווערען פאַראייניגט און קאָנצענטרירט אין אייניגע הענט, אַלץ רייכער און מעכטיגער ווערט ער פון דעם. וואָס העכער אַנטוויקעלט אַ לאַנד שטעהט אינדוסטריעל, אַלץ גרעסער און אומבאַשרענקטער איז די הערשאַפט פון די קאַפּיטאַליסטען, זייער איינפלוס אויף דער רעגירונג, אויף דער פּרעסע און אַנדערע מיטלען צו קאָנטראָלירען דאָס לאַנד פּאָליטיש. אין דער זעלבער צייט ווערען דעם אַרבייטער׳ס מאַטעריעלע צושטענדע אַלץ ערגער און אומזיכערער, וואָרים אַנשטאַט אַ סך בעלי־בתים, וואָס קאָנקורירען צווישען זיך, האָט ער איצט בלויז איין האַרר, דעם מאָנאָפּאָל־קאָרפּאָרעישאָן אָדער טראָסט. די קלאַסען-געגנערשאַפט ווערט אויף אַזאַ אופן שאַרפער, און דער קלאַסענקאַמף מעהר פאַרביטערט.

אָט אין דעם אומאויפהערליכען אַנגעשטרענגטען קלאַסענקאַמף מוז די מאַכט פון די אַרבייטער וואַקסען אויפ׳ן חשבון

פון די פריווילעגירטע קלאסען. זייער מאכט מוז וואקסען ניט בלויז ווייל זייער אומאויפהערליך־וואקסענדע צאהל גיט זיי די אויבער־האנד, נאר אויך צוליב דעם, וואס די קאפיטאליסטישע אנטוויקלונג קלייבט זיי צוזאמען אין די גרויסע אינדוסטריעלע מיטעל־פונקטען ארום די אינדוסטריעלע אנשטאלטען און צווינגט זיי צו א גע־מיינשאפטליכען קאמף געגען אן אלגעמיינער אונטערדריקונג. דאס פאראייניגט זיי כמעט מעכאניש און ארגאניזירט זייערע כחות, אנטוויקעלט אין זיי דעם געפיהל פון קלאסען־באוואוסטזיין און קלאסען־סאלידאריטעט, ערציהט זיי צום אידעאל פון ארבייטער־קאנטראל און איבט זיי איין אין די מעטאדען פון אינדוסטריעלען און פאליטישען קאמף צו ערדייכען אט דעם אידעאל.

אט אויף דער דאזיגער וואקסענדער פיזישער, מאראלער און גייסטיגער קראפט פון די ארבייטער אין זייער קאמף געגען דער וואק־סענדער אונטערדריקונג פון דער קאפיטאליסטישער עקאנאמישער ארדנונג ווערט פראפעצייהעט דער ענדליכער טריאומף פון סא־ציאליזם.

די קאפיטאליסטישע געזעלשאפט האלט ביי אפטאן, פארענ־דיגען איהר ארבייט אין דער געשיכטע, און זי פארלירט איהר רעכט־פערטיגונג פאר ווייטערער עקזיסטענץ. זי האט אויסגעטראגען „אונטער'ן הארצען" דאס קינד — סאציאליזם, געבוירען עס און אויפגעהאדעוועט. איצט קומט דאס קינד נאך איהר ירושה.

אט דער געדאנק ציהט זיך ווי א רויטער פאדים דורך די ווערק פון מארקס און ענגעלס, און ביז דער מלחמה איז דער דא־זיגער געדאנק געווען דער גרונט־שטיין פון סאציאליסטישער פא־ליטיק און טאקטיק.

אין דעם „קאמוניסטישען מאניפעסט" שטארצען שוין קלאר ארויס די בולט'ע פונקטען פון אט דער טעאריע. נאך דעם ווי די פארפאסער פון אט דעם קלאסישען דאקומענט גיבען אן איבערבליק איבער דעם אלגעמיינעם עקאנאמישען און פאליטישען וואוקס פון דעם קאפיטאליסטישען קלאס אויף די חורבות פון דער פעאדאלער (מיטעלאלטערליכער) ארדנונג, זעצען זיי פארט און קומען צו פאל־גענדע שלוסען:

„אַן עהנליכע באַוועגונג געהט איצט פאָר פאַר אונזערע אויגען. די מאָדערנע בורזשואַזנע געזעלשאַפט מיט איהרע פאַרבינדונגען פון פּראָדוקציאָן, אויסבייט און אייגענטום, אַ געזעלשאַפט, וואָס האָט באַשאַפען אַזעלכע ריזיגע מיטלען פון פּראָדוקציאָן און אויס־בייט, איז ווי יענער מכשף, וועלכער קאָן מעהר ניט קאָנטראָלירען די כחות, וואָס ער האָט מיט זיין כשוף ארויסגערופען פון דער אונטערשטער וועלט.

„די וואַפען, מיט וועלכע די בורזשואַזיע האָט געשטירצט די פעאָדאַלע אָרדנונג, ווערען איצט אָנגעווענדעט געגען דער בורזשו־אַזיע זעלבסט.

„און ניט נאָר האָט די בורזשואַזיע אַליין אויסגעשמידט די וואַפען, וואָס ברענגען איהר דעם טויט, זאָנדערן זי האָט אויך געבראַכט צום עקזיסטענץ די לייטע, — דעם מאָדערנעם ארביי־טער־קלאַס, דעם פּראָלעטאַריאַט, — וואָס וועלען זיך באַנוצען מיט די דאָזיגע וואַפען.

„מיט דער אַנטוויקלונג פון אינדוסטריע ווערט דער פּראָלע־טאַריאַט ניט בלויז גרויס אין צאָהל, נאָר ער ווערט אויך קאָנ־צענטרירט אין גרעסערע מאַסען, זיין מאַכט וואַקסט און ער דער־פיהלט מעהר זיין קראַפט.

„די וואַקסענדע קאָנקורענץ אין דער בורזשואַזיע און די האַנ־דעלס־קריזיסען, וואָס מוזען פון דעם ארויסקומען, מאַכען אַלץ וואַקעלדיגער דעם ארבייטער'ס לוין. די אומאויפהערליכע אויס־בעסערונגען אין דער מאַשינעריע, וואָס אַנטוויקעלט זיך אַלץ מעהר און שנעלער, שטעלען דעם ארבייטער'ס פאַרדינסט אַלץ אין גרע־סערע ריזיקע. די צוזאַמענשטויסונגען צווישען איינציגע ארבייטער און איינציגע בעלי־בתים קריגען אַלץ מעהר דעם כאַראַקטער פון אַ קאַמף צווישען צוויי קלאַסען. הויבען די ארבייטער אָן צו פאַר־אייניגען זיך (טרעיד־יוניאָנס) געגען דער בורזשואַזיע; זיי נעמען זיך צוזאַמען אין חברות און פאַראייניגען, כדי אויפצוהאַלטען זייערע פאַרדינסטען. זיי גרינדען באַשטענדיגע געזעלשאַפטען, אום זיך פאָראויס צוצוגרייטען צו אַזוינע צופעליגע אויפשטאַנדען.

„דאָס אָרגאַניזירען זיך פון די פּראָלעטאַריער אין אַ קלאַס, און פאָלגליך אויך אין אַ פּאָליטישער פּאַרטיי, ווערט אומאויפהער־

ליך געשטערט פון דער קאָנקורענץ צווישען די ארבייטער גופא. אָבער ער וואַקסט און הויבט זיך, דער פּראָלעטאַריער, אַלץ שטאַרקער און מעכטיגער."

צוואַנציג יאָהר שפּעטער האָט קאַרל מאַרקס אויסגעדריקט אָט דעם געדאַנק זאָגאַר נאָך שאַרפער, קלעהרער און בולט'ער אין פאָלגענדען זאַץ אין זיין „קאַפּיטאַל".

„אזוי גיך ווי די ארבייט פון איבערענדערען די געזעלשאַפט דערגרייכט א הויכע שטופע, די געזעלשאַפט ווערט פון די ענדערונגען דורכגענומען, דורכגעטרייסעלט פון אויבען ביז אראָפּ; אזוי גיך ווי די ארבייטער ווערען פאַרוואַנדעלט אין פּראָלעטאַריער און זייערע ארבייטס-מיטלען אין קאַפּיטאַל; אזוי גיך ווי די קאַפּיטאַליסטישע מעטאָדע פון פּראָדוקציאָן שטעהט אויף די אייגענע פיס, — דאַן נעמט זיך אויף א נייעם וועג די ווייטערדיגע סאָציאַליזירונג אין דער געזעלשאַפט, צום ביישפּיל, די ארבייט ווערט מעהר סאָציאַליזירט, די ערד און די פּראָדוקציאָנס-מיטלען ווערען אַלץ מעהר אויסגעניצט פאַר'ן גאַנצען קהל און אייגענטום ווערט וואָס מעהר אוועקגענומען ביי פּריוואַטע לייטע. אָבער אָט די עקספּראָפּריאַציע, דאָס אוועקנעמען פּריוואַטען אייגענטום, ווערט געטאָן ניט פון דעם ארבייטער, נאָר פון דעם קאַפּיטאַליסט, וואָס עקספּלואַטירט די ארבייטער און נעמט אוועק אייגענטום ביי אַנדערע קאַפּיטאַליסטען.

„די עקספּראָפּריאַציע ווערט אויפגעטאָן דורך די געזעצען, וואָס זיינען איינגעוואָרצעלט אין דעם סיסטעם פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָנס-מעטאָדע — דורך דעם, וואָס קאַפּיטאַל קאָנצענטרירט זיך אין אייניגע הענט. איין קאַפּטיאַליסט פאַרניכטעט פילע. אָבער אין דער זעלבער צייט, וואָס די קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל קומט פאָר, און וואָס אייניגע קאַפּיטאַליסטען עקספּראָפּריאירען, נעמען אוועק דעם אייגענטום ביי פילע, אין דער זעלבער צייט אַנטוויקלען זיך אויך אַלץ אויף א גרעסערען און גרעסערען מאַסשטאַב די קאָאָפּעראַטיווע ארבייטער-קרעפטען, די אָנווענדונג פון וויסענשאַפט ווערט אַלץ באַוואוסטזיניגער, די באַארבייטונג פון דער ערד סיסטעמאַטישער, די ארבייטער-אינסטרומענטען ווערען פאַרוואַנדעלט אין אַזעלכע, וואָס קענען געברויכט

ווערען בלויז געמיינשאפטליך פון פאראייניגטע, סאָציאַליזירטע ארבייטער און דערביי קען די פּראָדוקציאָן געפיהרט ווערען אויף א מעהר עקאָנאָמישען אופן; אַלע פעלקער פון דער וועלט ווערען דורך דעם אריינגעפלאָכטען אין דעם נעץ פון'ם וועלט־מארק און דער קאפּיטאַליסטישער רעזשים קריגט אן אינטערנאציאָנאַלען כאַראקטער.

„צוזאמען מיט דער קאָנצענטראציע פון קאפּיטאל אין די הענט פון איינינע, וועלכע פארכאַפּען און מאָנאָפּיליזירען אַלע נוצען, וואָס די ענדערונג ברענגט, וואַקסט די אָרימקייט, נויט, אונטערדריקונג, שקלאַפעריי, ערנידערונג, עקספּלואַטאציע, און צוזאמען מיט דעם אויך דער אויפשטאנד פון ארבייטער־קלאַס, וועלכער וואַקסט אַלס אין צאָהל און ווערט אַלץ מעהר דיסציפּלינירט, פאראייניגט און אָרגאניזירט טאקע פון דער מאשינעריע פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן גופא. דער מאָנאָפּאָל פון קאפּיטאל ווירקט שוין איצט ווי א פענטע אויף דער פּראָדוקציאָנס-מעטאָדע, ד. ה. די פּראָדוקציאָנס־מעטאָדען אנטוויקלען זיך ניט ווייטער. די סאָציאַליזירונג פון ארבייט און קאָנצענטרירונג פון פּראָדוקציאָנס־מיטלען דערגרייכען ענדליך די שטופע, ווען זיי קענען זיך מעהר ניט האלטען אונטער דער קאפּיטאליסטישער הויט, וועלכע איז אויף זיי ארויפגעצויגען און וועלכע פּלאַצט שוין איצט פאנאנדער. דער טויטען־גלאָק פון קאפּיטאליסטישער פּריוואט־אייגענטום קלינגט. די עקספּראָפּריאטאָרס ווערען עקספּראָפּריאירט".

מ'קען אַלזאָ, מאכען פאָלגענדען סך־הכל פון די נויטווענדיגע קאָנדיציאָנען פאר א סאָציאַליסטישער רעוואָלוציאָן, לויט דער מארקסיסטישער שולע פון סאָציאַליזם:

1. א קאפּיטאליסטישע פּראָדוקציאָנס־סיסטעם אויף א הויכער שטופע פון אנטוויקלונג און קאָנצענטראציע.

2. אַלס רעזולטאט פון דעם מוז זיין קאָלעקטיווע אָדער „סאָציאַליזירטע" ארבייט אין אַזעלכע אינדוסטריען.

3. א מעכטיגער קלאַס פון קאפּיטאליסטישע מאגנאטען.

4. א גרויסער אינדוסטריעלער ארבייטער־קלאַס, וועלכער בילדעט די מאָיאָריטעט פון דער באפעלקערונג און איז גענעריג „דיסציפּלינירט, פאראייניגט און אָרגאניזירט."

5. א שאַרפער, טעטיגער און באוואוסטזיניגער קלאַסענקאַמף צווישען די קאַפּיטאַליסטען און די אַרבייטער.

קיין איינע פון אָט די צושטאַנדען איז ניט געווען אין רוסלאַנד אין יאָהר 1917.

רוסלאַנד איז כמעט דורכאויס געווען א לאַנדווירטשאַפטליכע, כמעט דורכאויס באַשטאַנען פון ערד־אַרבייטער און בלויז וואו־ניט־וואו אַן אָפּגעזונדערטער שטיקעל פּלאַץ פון אינדוסטריעלען קאַפּיטאַליזם.

די בורזשואַזיע איז געווען ניט גרויס און ניט מעכטיג און האָט ניט קאָנטראָלירט די רעגירונג.

די אינדוסטריעלע אַרבייטער זיינען געווען ווייניגער ווי איין צעהנטעל פון דער באַפעלקערונג; זייער קלאַסען־דיסציפּלין איז געווען זעהר שוואַך און זייער אָרגאַניזאַציאָן כמעט אומאַנטוויקעלט, אי פּאָליטיש, אי עקאָנאָמיש.

דער קאַמף צווישען דער רוסישער בורזשואַזיע און די אַרבייטער איז געווען אין איהר אָנפאַנג־שטופע; ער פלעגט אויסברעכען אין איינציגע און זעלטענע פאַלען און איז געווען פאַרהעלטניסמעסיג אומבאַדייטענד.

לויט אַלע אָנגענומענע מאַרקסיסטישע סימנים איז רוסלאַנד געווען דורכאויס ניט צוגעגרייט פאַר דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע.

קאַפּיטעל 3.

מאַרקס און ענגעלס וועגען רוסלאַנד

עס ווערט באַהויפּטעט, אז מאַרקס האָט אויסדריקליך געמאַכט אַן אויסנאַמע צו גונסטען פון רוסלאַנד געגען זיין אייגענער טעאָריע פון סאָציאַלער עוואָלוציאָן (אז די געזעלשאַפט וועט זיך אַנטוויקלען פון קאַפּיטאַליזם צום סאָציאַליזם). אָפט ציטירט מען מאַרקס'ען אויף א גאַנץ פרייען שטייגער, אז די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע קאָן אויסברעכען אין רוסלאַנד פריהער ווי אין אַנדערע לענדער.

אי מאַרקס, אי ענגעלס, האָבען זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אַנטוויקלונג, ווי אויך מיט

דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון רוסלאַנד. זייערע הויפּט־אַנזיכטען וועגען דעם האָט פרידריך ענגעלס צוזאַמענגעקליבען, צוגעפּערטיגט און אָפּגעדרוקט אין אַ באַזונדער קאַפּיטעל פון אַ פּאַמפלעט אונטער'ן נאָמען „אינטערנאַציאָנאַלעס אויס דעם פאָלקס שטאַאַט" (בערלין, 1894).

פון יענער שריפט קאָן מען גאַנץ גוט זעהן וואָס מאַרקס און ענגעלס האָבען געדענקט וועגען די מעגליכקייטען פון אַ סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. כדי דער לעזער זאָל אָבער אימשטאַנד זיין צו באַגרייפען די פולע באַדייטונג פון די מיינונגען, וואָס זיי דריקען אויס, מוז מען פריהער זאָגען עטליכע ווערטער וועגען דעם כאַראַקטער און די טעאָרעטישע יסודות פון דער רוסישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין די טעג פון מאַרקס און ענגעלס.

די פּיאָנערען פון רוסישען סאָציאַליזם, דאָס רוב ענטוזיאַסטישע אינטעליגענטע יונגע לייט, זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט'ן פייערדיגען וואונש שנעל דורכצופיהרען די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע, ניט אַכטענדיג אויף דעם צוריקגעשטאַנענעם עקאָנאָמישען צושטאַנד פון לאַנד. האָבען זיי אויסגעאַרבייט אַן אייגענע באַקוועמע סאָציאַליסטישע טעאָריע, וועלכע איז באַקאַנט אַלס „נאַראָדניטשעסטוואָ", אַ נאָמען, וואָס איז ניט אַזוי לייכט צו איבערזעצען און האָט אומגעפעהר די מיינונג פון „פּאָפּוליזם".

דאָס איז ניט געווען קיין מאַרקסיסטישע טעאָריע, נאָר אַ ספּעציפיש־רוסישע. זי האָט געלייגט די גאַנצע האָפנונג ניט אויף'ן לוין־אַרבייטער, אויף'ן שטאָדטישען פאַבריק־אַרבייטער, זאָנדערן אויף'ן פּויער: דאָס הייסט, די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע וועט אין רוסלאַנד קומען ניט פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, נאָר פון דער דאָרפס־קהלה.

די אינסטיטוציע פון דער דאָרפס־קהלה (אָבשטשינע) איז געגרינדעט אויף אַ מין קאָמוניסטישען ערד־אייגענטום: די ערד פון דאָרף געהערט צו דער גאַנצער קהלה פון דאָרף, און פון צייט צו צייט טיילט מען די ערד איבער אויף דאָס ניי צווישען די פאַמיליעס פון דאָרף, לויט דער גרויס פון די מיטגלידער פון די פאַמיליעס און דער צאָהל מאַנסבילען אין דער פאַמיליע, וואָס אַרבייטען אויף'ן

פעלד. די ערד, וואָס דער פויער באַארבייט, געהערט ניט צו איהם, און ער קאָן עס ניט פאַרקויפען אָדער איבערגעבען בירושה.

די „אָבשטשינע"־אינסטיטוציע עקזיסטירט אין פיל לענדער, וואָס שטעהען אויף אַ נידעריגער אַגריקולטורעלער שטופע פון אַנט־וויקלונג. אין רוסלאַנד איז זי געווען אין קראַפט פאַר און נאָך דער באַפרייאונג פון די פויערים פון פאַנסטשיזנע אין יאָהר 1861. אָט אויף דעם גרונד האָבען עס די ערשטע טעאָרעטיקער פון רוסישען סאָציאַליזם פראָקלאַמירט דעם רוסישען פויער אַלס אַן אמת'ן קאָ־מוניסט אי אין הארצען, אי אין פראַקטיקע, און די גאַנצע ארבייט פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע האָבען זיי רעדוצירט אויף מאַכען פון דער דאָרפס־אָבשטשינע אַ נאַציאָנאַלע סיסטעם פון קאָמוניסטישער פראָדוקציאָן, וועלכע זאָל זיין פריי פון דער עקס־פלואַטאַציאָן דורך די אַדעליגע לאַנד־אייגענטימער און פריי פון דעם פאָליטשען יאָך פון צאַרסקען רעזשים. ערשט אין אָנפאַנג פון די אַכציגער יאָהרען פון פאַרגאַנגענעם יאָהרהונדערט, ווען מ'האָט שוין גענומען שטאַרק אַנטווישט ווערען אין דער קאָמוניס־טישער פראָפאַגאַנדא צווישען די פויערים און די דאָרפס־אָבשטשי־נע האָט שוין אָנגעהויבען צופאַלען צו ווערען, דאַן האָט זיך גע־גרינדעט די מאַרקסיסטישע שוהל פון רוסישען סאָציאַליזם מיט געאָרג פלעכאַנאָוו אַלס אָנפיהרער. אָט די שוהל האָט אָנגענומען, אַז דער מאַרקסיסטישער געזעץ פון עקאָנאָמישער עוואָלוציאָן איז גילטיג פאַר רוסלאַנד פונקט אַזוי גוט ווי פאַר אַנדערע לענדער. האָט די דאָזיגע שוהל, אַלזאָ, געלעגט האָפנונג אויף דער אַנטוויק־לונג פון קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד און האָט אָפּגעקעהרט די הויפּט־פראָפּאַגאַנדא פון פויער צום וואַקסענדען קלאַס פון פאַבריק־אַר־בייטער. דער „מאַיאָריטעט־פליגעל" פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע (די באָלשעוויקעס מיט ניקאָלאַי לענין אַן דער שפּי־צע), וואָס האָט זיך דערנאָך פון דעם געגרינדעט, האָט אויך אָנגע־נומען דעם מאַרקסיסטישען געדאַנק.

פּיאָטר נ. טקאַטשאָוו, אַ רוסישער סאָציאַליסט און אנהענגער פון דער טעאָריע פון דער דאָרפס־אָבשטשינע, האָט אין יאָהר 1874 אָפּגעדרוקט אַ פּאָלעמישען „אָפענעם בריף צו מר. פרעדעריק ענ־געלס", אין וועלכען ער גיט אָן די די געוועהנליכע סאָציאַל־פּאָפּו־

ליסטישע מיינונגען וועגן די אויסזיכטען אויף א סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. פאָלגענדע באמערקונג געפינט זיך דאָרט:

„מיר האָבען קיין שטאָדטישען פּראָלעטאַריאַט ניט. דאָס ווערט פון אַלעמען צוגעגעבען; אָבער פון דער אנדער זייט האָבען מיר אויך ניט קיין בורזשואזיע. אונזערע ארבייטער וועלען האָבען צו באַקעמפען בלויז די פּאָליטישע מאכט — די מאכט פון קאפּיטאל איז ביי אונז ערשט אין סאמע אָנפאנג. און איהר, מיין ליבער הערר, ווייסט דאָך גאנץ גוט, אז דער קאמף מיט דער פּאָליטישער מאכט איז א סך לייכטער ווי מיט דער קאפּיטאַליסטישער".

איך ציטיר די פאָלגענדע באַלעהרענדע אויסצוגען פון ענגעלס' ענטפער:

„די רעוואָלוציע, וואָס דער מאָדערנער סאָציאַליזמוס זוכט צו מאַכען, איז, אין קורצען, דער זיעג פון דעם פּראָלעטאַריאַט איבער דער בורזשואזיע און דאָס איבעראָרגאַניזירען פון דער געזעלשאַפט דורך אָפּשאַפען אַלע קלאַסען־אונטערשיידען. דערצו פאָדערט זיך ניט בלויז א פּראָלעטאַריאַט, וועלכער זאָל דורכפיהרען די רעוואָ־לוציע, נאָר אויך א בורזשואזיע, אין וועמעס הענט די געזעלשאַפט־ליכע קרעפטען פון פּראָדוקציאָן האָבען זיך אנטוויקעלט צו אזא שטופע, אז ס'איז מעגליך איינגאַנצען אָפּצושאַפען די קלאַסען־אונטערשיידען. די עקזיסטענץ פון דער בורזשואזיע איז פון איין זייט פונקט אזא אומבאַדינגטע נויטווענדיגקייט פאַר דער סאָציאַ־ליסטישער רעוואָלוציע, ווי די עקזיסטענץ פון דעם פּראָלעטאַריאַט אַליין. דער יעניגער, אַלזאָ, וואָס זאָגט, אז ס'איז לייכטער דורכ־צופיהרען א רעוואָלוציע אין אזא לאַנד, וועלכע האָט ניט קיין פּראָ־לעטאַריאַט און אויך ניט קיין בורזשואזיע — אזא מענש, וואָס זאָגט עס, דאַרף נאָך לערנען דעם אַלף־בית פון סאָציאַליזם".

„טקאטשאָוו באַהויפּטעט, אז די געזעלשאַפטליכע אָרדנונג, צו וועלכער די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין מערב־אייראָפּא שטרעבט, וועט אריינגעבראַכט ווערען אין רוסלאַנד פריהער ווי מערב־אייראָפּא וועט עס דערגרייכען, און דאָס וועט געשעהען כאָטש די עקאָנאָמישע צושטענדע פון דער געזעלשאפט וועלען נאָך זיין אויף זעהר א נידעריגער אנטוויקלונגס־שטופע. און ס'ווערט באַ־הויפּטעט, אז דאָס אַלץ איז מעגליך, ווייל די רוסען זיינען, אזוי צו

זאָגען, אַז אויסערוועהלט פּאָלק פאַר'ן סאָציאַליזם, און זיי באַזיצען די אַרטעלען (קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען) און קאָמוניסטי־שען אייגענטום פון לאַנד".

„די סיסטעם פון באַזיצען די ערד קאָמוניסטיש איז אין רוסלאַנד אַריבער די תקופה פון בליהען און זי דערנעהנטערט זיך שוין צום פאַנאַנדערפאַלען. דאָך, עקזיסטירט אָהן צווייפעל די מעגליכקייט, אַז דיזע געזעלשאַפטליכע פאָרמע זאָל אַריבער אין אַ העכערער פאָרמע. אויב זי וועט זיך אויפהאַלטען ביז די קאָנדי־ציאָנען וועלען זיין פאַרטיג פאַר אַזאַ ענדערונג און אויב זי וועט זיך דורך דעם אַרויסווייזען פעהיג צו אַנטוויקלען זיך אויף אַזאַ אופן, דאָס די פויערים וועלען באַאַרבייטען די ערד קאָלעקטיוו, דאַן וועט פיליכט מעגליך זיין דורכצופיהרען דיזע איבערענדערונג, אַזוי אַז דער רוסישער פויער וועט ניט דאַרפען דורכמאַכען די דורכגאַנגס־שטופע פון אינדיווידועלער לאַנד־אייגענטום. דאָס קאָן אָבער גע־שעהן בלויז אויב אַ פּראָלעטאַריער־רעוואָלוציע וועט זיעגרייך דורכ־געפיהרט ווערען פריהער אין מערב־אייראָפּאַ איידער דאָס קאָמו־ניסטישע באַזיצען פון לאַנד וועט אינגאַנצען צופאַלען ווערען. אָט די זיגרייכע פּראָלעטאַריער־רעוואָלוציע וועט שאַפען פאַר די רוסי־שע פויערים די קאָנדיציאָנען, וואָס זיינען נויטיג פאַר זייער ענ־דערונג, הויפּטזעכליך די מאַטעריעלע צושטענדע, וועלכע זיינען איהם נויטיג אום צו קענען מאַכען די רעוואָלוציע אין זיין גאַנצער סיסטעם פון באַאַרבייטען די ערד. עס איז דאַריבער אַ פּשוט'ער אונזין, וואָס הערר טקאַטשאָוו זאָגט, אַז די רוסישע פויערים, כאָטש זיי זיינען „אייגענטימער", זיינען זיי נעהנטער צום סאָציאַליזם איידער די אייגענטומלאָזע אַרבייטער פון מערב־אייראָפּאַ. פּונקט פאַרקעהרט: אויב ס'איז פאַראַן עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן נאָך ראַטעווען קאָמוניסטישע לאַנד־אייגענטום אין רוסלאַנד און געבען איהר אַ מעגליכקייט אַריבערצוגעהן אין אַן אַנדער פאָרמע, אַ העכערע, לעבעדיגע פאָרמע, איז דאָס אַ פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע אין מערב־אייראָפּע".

„ווי אַזוי וואָלט די רוסישע דאָרפס־קהלה געקענט איבערבויען די אומגעהויערע קרעפטען פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן אין קהלשען אייגענטום איידער דער קאַפּיטאַליזם אַליין האָט דורכ־

געפיהרט אָט די רעוואָלוציע? ווי אַזוי וואָלט די רוסישע אָבשטשי־נע געלערנט די וועלט אָנצופיהרען אינדוסטריען אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב פאַרן קהלשען נוץ נאָך דעם ווי זי האָט שוין אַליין פאַרגעסען קאָלעקטיוו צו קולטיווירען די ערד?"

און ווייטער: „עס איז אַ היסטאָרישע אוממעגליכקייט פאַר אַ נידעריגערער שטופע פון עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג צו לעזען די פּראָבלעמען, וואָס ווערען אַרויסגעבראַכט און קאָנען אַרויסגע־בראַכט ווערען בלויז פון אַ סך אַ העכערער שטופע".

מ'דאַרף באַמערקען, אַז כאָטש ענגעלס נעמט אין קיין פאַל ניט אָן דעם געדאַנק דאָס רוסלאַנד וועט זיין די אָנפיהרערין אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, גיט ער דאָך צו, אַז ס'איז מעגליך אין רוסלאַנד זאָל זיך גרינדען אַ קאָ־מונסיטישער רעזשים איידער זי וועט דורכגעהן אַלע שטופען פון קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג. אָבער דאָס קאָן געשעהן נאָר אויף פאָלגענדע צוויי וויכטיגע קאָנדיציאָנען: 1) אַז די דאָרפס־אָבשטשינע זאָל זיך לאַנג אָנהאַלטען, און 2) אַז פריהער זאָל אין מערב־איירָאָפּאַ זיעגרייך דורכגעפיהרט ווערען אַ פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע.

אומגעפעהר אין דער זעלבער צייט (1877) האָט קאַרל מאַרקס אין אַ בריף צו אַ רוסישען זשורנאַליסט — אַ בריף, וועלכער איז אין רוסלאַנד פיעל דיסקוטירט געוואָרען — אויסגעדריקט פאָלגענ־דע ניט גאָר קלאָרע מיינונג: „אויב רוסלאַנד וועט פאָרטזעצען צו געהן מיט'ן וועג, אויף וועלכען זי האָט זיך גענומען זינט 1861, וועט זי פאַרלירען די פּראַכטפאָלסטע געלעגענהייט, וואָס די גע־שיכטע האָט ווען געגעבען אַ פאָלק, און וועט אַנשטאָט דעם מוזען דורכגעהן אַלע אוממפאַרמיידליכע, פאַרדערבליכע קאָנדיציאָנען פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם".

מאַרקס זאָגט דאָ ניט, וואָס פאַר אַ קאָנדיציאָנען דאָס זיינען, לויט וועלכע רוסלאַנד וואָלט זיך געקאָנט באַנוצען מיט דער „פּראַכטפאָלער" היסטאָרישער געלעגענהייט, אָבער ס'איז ניטאָ קיין אורזאַך צו דענקען, אַז זיינע אַנזיכטען איבער אָט דעם ענין זאָלען זיך ממשות'דיג אונטערשיידען פון ענגעלס' נאָר־וואָס צי־טירטע מיינונגען.

עטליכע יאָהר שפּעטער, ווען די העלדישע „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" האָט באַצוויבערט די גאַנצע סאָציאַליסטישע וועלט מיט אַ רייהע גלענצענדע און העכסט וואַגענדע העלדענטאַטען און די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין רוסלאַנד האָט געקראָגען אַן ערנסטערען כאַראַקטער, האָט מאַרקס און ענגעלס נאָכגעגעבען דעם גייסט פון דער צייט און געמאַכט גרעסערע הנחות פאַר די מעגליכקייטען פון אַ סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד.

אין דער הקדמה צו פּלעכאַנאָוו'ס רוסישע איבערזעצונג פון קאָמוניסטישען מאַניפעסט האָבען זיי, אין יאָהר 1882, געשריבען:

„צוזאַמען מיט דעם שנעל־וואַקסענדען קאַפּיטאַליסטישען שווינדעל און דער סיסטעם פון בורזשואַזען פּריוואַט־אייגענטום אין איר אָנפאַנגס־שטופע, געפינען מיר אין רוסלאַנד די גרעסטע טייל פון דער ערד אַלס קאָמוניסטישער אייגענטום פון די פּויערים. די פראַגע איז, צי די רוסישע דאָרפס־קהלה, אָט די פאָרמע פון געמיינשאַפטליכער ערד־אייגענטום, וועלכע האַלט שנעל אין צופאַלען ווערען, צי זי קען גלייך אַריבער אין אַ העכערע פאָרמע פון קאָמוניסטישען לאַנד־אייגענטום, אָדער זי מוז דורכמאַכען די זעלבע שטופען פון אויפלייזונג, אַזוי ווי די לענדער פון מערב־אייראָפּאַ. דער איינציגער מעגליכער ענטפער איצט איז דער פאָלגענדער: אויב די רוסישע רעוואָלוציע וועט דיענען אַלס סיגנאַל פאַר אַ רעוואָלוציע פון דעם ארבייטער־קלאַס אין מערב, אַזוי דאָסביידע וועלען אויספילען איינע די אַנדערע, דאַן איז מעגליך, אַז די רוסישע פאָרמע פון געמיינשאַפטליכען ערד־אייגענטום זאָל זיך אַרויסווייזען אַלס דער אָנפאַנג, דער אויסגאַנגס־פּונקט פאַר קאָמוניסטישער אַנטוויקלונג".

די פּראָפעסער גיבער דאָ צו, אַז די רעוואָלוציע קאָן אויסברעכען פריהער אין רוסלאַנד, אָבער איהר ערפאָלג ווענדט זיך אומבאַדינגט, צי ס'וועט אין דער זעלבער צייט אויסברעכען אַ רעוואָלוציע אין מערב־אייראָפּאַ און צי אין רוסלאַנד וועט זיך איינהאַלטען די קהל'שע לאַנד־באַזיצונג. צוועלף יאָהר שפּעטער (אין 1894) האָט ענגעלס אויסגעדריקט די מיינונג, אַז רוסלאַנד האָט שוין דורכגעלאָזען איהר היסטאָרישע געלעגענהייט, און ער שליסט, אַז אָהן אַן אַלגעמיינעם זיעג פון מאָדערנעם אינדוסטריעלען פּראָ־

לעטאריאַט קאָן רוסלאַנד ביי היינטיגען טאָג ניט דורכפיהרען קיין סאָציאַליסטישע איבערענדערונג, ניט דורך דער דאָרפס־אָבשטשינע און ניט דורכ'ן קאַפּיטאַליזם.

קאַפּיטעל 4.

דער כאַראַקטער פון דער רוסישער רעוואָלוציע

די רוסישע רעוואָלוציע האָט אפּנים זיך אויסגעלאַכט פון מאַרקס'עם און ענגעלס'עם אַלע נבואות, ווי אויך פון דעם אַלגעמיין־אָנגענומענעם מאַרקסיסטישען געזעץ פון סאָציאַלער עוואָלוציאָן (אַז די געזעלשאַפט מוז דורכגעהן דעם קאַפּיטאַליזם אויפ'ן וועג צום סאָציאַליזם). די רוסישע רעוואָלוציע איז געקומען אָהן אַ רעוואָלוציע פון אַרבייטער־קלאַס אין מערב־אייראָפּאַ. אויך איז זי ניט אַרויסגעקומען פון דער דאָרפס־קהלה. די אינסטיטוציאָן פון דער „אָבשטשינע" האָט שנעל און נאָכאַנאַנד געהאַלטען אין אונ־טערגעהן ביז'ן יאָהר 1917. די רעוואָלוציע האָט ניט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון אַ פאַרעלטערטער, אויסגעשפּילטער קאַפּיטאַליסטי־שער סיסטעם. דער קאַפּיטאַליזם האָט פאַרהעלטניסמעסיג פאַר־נומען ניט קיין באַדייטענדען אָרט אין דעם עקאָנאָמישען לעבען פון רוסלאַנד. די רוסישע רעוואָלוציע האָט מעהר צו פאַרדאַנקען די אומגעוועהנליכע צושטענדע, וואָס זיינען באַשאַפען געוואָרען פון דער מלחמה, ווי דעם נאָרמאַלען גאַנג פון דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אַנטוויקלונג פון לאַנד.

די הויפּט-אורזאַכען פונ'ם ערפאָלג פון דער רוסישער רעוואָ־לוציע זיינען:

1. דער פּלוצלונגער צוזאַמענברוך פון דעם גאַנצען בנין פון רוסישען נאַציאָנאַלען לעבען.

2. די פאָלשטענדיגע דעמאָראַליזאַציאָן פון דער ביוראָקראַ־טיע, פון דער צאַרסקער רעגירונג.

3. אַ שוואַכע און ניט־קיין־אָרגאַניזירטע בורזשואַזיע.

4. אַ פאַראָרימטע, אויסגעמאַטערטע פון דער מלחמה, רעבע־לירענדע און פאַרצווייפעלטע באַפעלקערונג.

5. אַן אומגעהויער־גרויסער קלאַס פּויערים, הונגעריגע נאָך ערד.

6. מיליאָנען ארבייטער און פויערים אָרגאניזירטע אין אַן ארמעע און פלוצלונג פריי־געוואָרענע פון מילטערישער דיסציפלין — דאָס הייסט, אַ באַפרייטער און אַ באוואפּענטער פאָלק, דער בעסטער מאַטעריאל פאר רעוואָלוציאָנערע ארבייט.

7. ספּאָנטאַן-באַשאפענע אָבער פארהעלטניסמעסיג־שטארקע און גוט־פאראייניגטע אָרגאניזאציאָנען פון אינדוסטריעלע ארביי־טער אין די גרויסע שטעדט, וועלכע זיינען געוועזן די איינציגע טעטיגע און צוזאמענגעבונדענע געזעלשאפטליכע כחות פון לאנד.

8. אַ קליינע אָבער ענטשלאָסענע גרופּע סאָציאליסטען, גוט־באהאוונטע אין די אייראָפּעאישע טעאָריען פון סאָציאליזם און פארטיגע איבערצונעהמען און אויסאיבען די אָנפיהרערשאפט.

די ערשטע סאָציאליסטישע באוועגונג פון רוסלאנד איז כאַ־ראקטעריזירט געוואָרען אלס די „אומגעזעצליכע קינד פון אזיא־טישען רוסלאנד און אייראָפּעאישען קאפּיטאליזם". פון דעם שטאנדפּונקט פון קאָנווענציאָנעלען מארקסיסטישען היסטאָריקער קען מען די רוסישע רעוואָלוציע אָנרופען די אומגעזעצליכע קינד פון אזיאטישען רוסלאנד און אייראָפּעאישען סאָציאליזם. זי איז ניט געבאָרען געוואָרען נאָך אַ געזעצליכער מארקסיסטישער חתונה, און צוליב אָט דעם פלעק אויף איהר געבורט זיינען ארויסגעקומען מאָדנע מחלוקות אין פארשידענע סאָציאליסטישע לאגערען.

דער באָלשעוויסטישער טעאָרעטיקער באהויפּטעט מיט עקשנות, אַז די רוסישע רעוואָלוציע איז געמאכט געוואָרען לויט אלע דינים פון מארקס'עס טעאָריע. דער ערשטער קאָנגרעס פון קאָמוניסטישען אינטערנאציאָנאל, וואָס איז אָפּגעהאלטען געוואָרען אין מאָסקווע אין מערץ, 1919, האָט דעריבער באהויפּטעט, אין באַצוג צו דער רוסישער רעוואָלוציע, אַז „די אַנטוויקלונג איז אָנ־געגאנגען לויט דעם פאָראויסגעצייכענטען וועג" פון קאָמוניסטישען מאַניפעסט, און דער קאָנגרעס האָט ווייטער ערקלערט: „מיר, קאָמוניסטען, פארטרעטער פון דעם רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאַ־ריאט אין פארשיידענע לענדער פון אייראָפּאַ, אמעריקע און אזיע, וואָס האָבען זיך פארזאמעלט אין דער מעכטיגער סאָוויעט־שטאָדט מאָסקווע, פיהלען און האלטען זיך אלס די נאָכפאָלגער און אנטייל־נעמער אין דער זאַך, פאר וועלכער די פּראָגראַם (קאָמוניסטישער

מאַניפעסט) איז אויסגעאַרבייט געוואָרען מיט צוויי און זיבעציג יאָהר צוריק.“

פון דער אנדער זייט, ווידער, ענטזאגען זיך פשוט אייניגע סאָציאַליסטישע קריטיקער פון סאָוועט־רעזשים אריינצולאָזען די „אומגעזעצליכע“ רוסישע רעוואָלוציע צווישען אנשטענדיגע סאָציאַליסטישע לייטע, און אין בעסטען פאַל רעכענען זיי איהר אַלס א „מיטעל־קלאַס“ רעוואָלוציע. אָט די פעדאַנטישע שטעלונג איז באַגרינדעט אויף דער מאַרקסיסטישער טעאָריע, אז פריהער מוז פאָרקומען א בורזשואַזע אָדער מיטעל־קלאַסישע רעוואָלוציע און דערנאָך ערשט וועט מעגליך ווערען דורכצופיהרען ערפאָלגרייך א סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע.

„די פראַקטישע רעוואָלוציאָנערע ערפאהרונגען פון יאָהר 1848-49 באַשטעטיגען די חשבונות פון דער טעאָריע, וואָס פיהרט צום שלום, אז פריהער מוז מען דורכלעבען די דעמאָקראַטיע פון קליינהענדלער איידער דער קאָמוניסטישער ארבייטער־קלאַס קען האָפען אויף שטענדיג אריינצונעהמען די מאַכט אין זיינע הענט און פאַרניכטען די סיסטעם פון לוין־שקלאַפעריי, וואָס האַלט איהם אונטער'ן יאָך פון דער בורזשואַזיע.

אזוי האָט מאַרקס געשריבען נאָך אין יאָהר 1852 *), און דער עצם־געדאַנק פון דער שיטה, וואָס ווערט זעהר אָפט ווידערהאָלט אין די ווייטערדיגע ווערק פון מאַרקס און ענגעלס, איז געוואָרען דער אני־מאמין פון דער סאָציאַליסטישער אמונה ביז די טעג פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

אין באַצוג צו דעם איז ווערטה צו באַמערקען, דאָס די רוסישע באָלשעוויקעס האָבען פאָלשטענדיג אָנגענומען אָט דעם געדאַנק, און פאַר דער שנעלקייט און אומערוואַרטעטער ווענדונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע איז אויך באַדייטענד, דאָס ביז סאַמע ערב די קריטישע נאָוועמבער־טעג פון יאָהר 1917 האָבען די באָלשעוויקעס נאָך אַלץ זיך געהאַלטען פעסט ביי דער טעאָריע, אז די רעוואָלוציעס מוזען געהן אין אָרדנונג איינע נאָך די אנדערע.

די לעצטע פאַר־דער־מלחמה־פּראָגראַם פון דער סאָציאַל־דע־

---

*) „רעוואָלוציאָן און קאָנטר־רעוואָלוציאָן“, זייט 186.

מאָקראַטישער ארבייטער־פּאַרטיי (געפיהרט פון די באָלשעוויקעס) האָט ניט געפאָדערט קיין זאָפאָרטיגען פּראָלעטארישען סאָוויעט־רעזשים, זאָנדערן אַ „דעמאָקראַטישע רעפּובליק“, צו וועלכער זי האַט אדרעסירט די פאָדערונג צו „קאָנפיסקירען די מאַיאָנטקעס פון די בעלי־בתים“ פאַר די פּויערים, און איינצופיהרען אַ „אכט־שטונדיגען ארבייטס־טאָג“, אַלס אַ הנחה פאַר די אינדוסטריעלע ארבייטער.*

אין 1912, ווען אַט די פּראָגראַם איז אָנגענומען געוואָרען, און כמעט ביז׳ן סאַמע אָנפאַנג פון דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע, האָבען אי די מענשעוויקעס, אי די באָלשעוויקעס געגלויבט, אַז די קומענדע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד וועט זיין הויפּטזעכליך פונ׳ם מיטעל־קלאַס. די מענשעוויקעס זיינען אָבער געווען דאַפיר, אַז מ׳זאָל געהן צוזאַמען מיט די ליבעראַלע טיילען פון דער בורזשואַ־זיע, אום דורכצופיהרען די רעוואָלוציע, וועהרענד די באָלשעוויקעס האָבען פאָרגעשלאָגען צו פאראייניגען זיך מיט די פּויערים געגען די אדעליגע לאַנד־אייגענטימער (פּריצים) און די אינדוסטריעלע קאַפּיטאַליסטען.

זאָגאַר נאָכדעם ווי צאַר ניקאָלאַי איז שוין ארונטער פון טראָן, ווען לענין האָט צום ערשטען פאָרמולירט דעם פּלאַן אריבערצו־פיהרען די רעגירונגס־מאַכט צו די סאָוויעטען, האָט ל. קאַמעניעוו, איינער פון די וויכטיגסטע פארטרעטער פונ׳ם באָלשעוויזם, גע־שריבען אין דער צייטונג „פּראַוודאַ“:

„וואָס אנבאַלאַנגט חבר לענינ׳ס אַלגעמיינעם פּלאַן, שיינט אונז, אַז מ׳קען עס ניט אָננעהמען צוליב דעם, וואָס ער רעכענט, דאָס די דעמאָקראַטיש־בורזשואַזע רעוואָלוציע איז שוין פאַרפאָל־קאָמט און מ׳קען איהר שוין נעהמען תיכף אנטוויקלען אין אַ סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע.“

און לענין האָט זיך גלייך צוגעאיילט צו פארטיידיגען זיך געגען דער קלאַגע פון אגיטירען אַ זאָפאָרטיגע סאָציאַליסטישע רעוואָלו־ציע, ערקלעהרענדיג:

---

*) „וסעראָסיסקאַיאַ קאָנפערענציאַ ראָסיסקאָי סאָציאַל־דעמאָקראַטי־טשעסקאָי ראַבאָטשעי פּאַרטיאי“, פּאַריז, 1912.

„אָבער זיינען מיר דען ניט אויסגעזעצט צו דער געפאהר פון אריינצופאלען אין סוביעקטיוויזם, וועלענדיג „איבערשפּרינגען" די ניט פאַרענדיגטע (ווייל זי איז נאָך ניט דורכגעגאנגען די פּויערים באוועגונג) דעמאָקראטיש-בורזשואזע רעוואָלוציע, אום צו קומען דירעקט צו א סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע?

„ווען איך וואָלט געזאָגט „קיין צאר, נאָר אָן ארבייטער-רעגירונג", וואָלט איך זיך געשטעלט אָט אין דער געפאהר. איך האָב עס אָבער ניט געזאָגט; געזאָגט האָב איך גאָר עפּעס אנדערש. איך האָב געזאָגט, אז א חוץ א קאפּיטאַליסטישער רעגירונג קאָן אין רוסלאנד ניט זיין קיין רעגירונג אויסער די ראטהען פון ארבייטער-סאָלדאטען און פּויערים-דעפּוטאטען. איך האָב געזאָגט, אז די מאכט קאָן איצט אריבערגעטראָגען ווערען פון גוטשקאָוו'ן און לוואָוו'ן בלויז צו די דאָזיגע ראטהען, און דאָס רוב פון זיי זיינען עס טאקע די פּויערים, די סאָלדאטען — דער נידעריגערער מיטעל-קלאַס (צו נוצען מארקסיסטישע טערמינען, באגרינדעט אויף די אונטערשיידען פון קלאסען, און ניט ווערטער פון געוועהנליכען געשפּרעך אָדער לעגאַלען לשון).

„איך האָב זיך אבסאָלוט פאַרזיכערט, אין מיין אָפּהאנדלונג געגען איבערהיפּען דעם אומערשעפּפטען פּויער, — אָדער, אין אַל-געמיין רעדענדיג, די נידעריגערע מיטעל-קלאַס באוועגונג; איך האָב זיך פאַרזאָרגט געגען דער אבזיכט פון „פאַרכאַפּען די מאכט" דורך אָן ארבייטער-רעגירונג, און געגען אירגענד וועלכע פאָרמע פון א בלאַנקיסטישע איבערקעהרעניש; וואָרים איך האָב זיך דייטליך באַצויגען אויף דער פּאַריזער קאָמונע. יענע ערפאהרונג, ווי ס'איז גוט באקאַנט און ווי מארקס האָט עס באוויזען אין יאָהר 1871 און ענגעלס אין יאָהר 1891, האָט אין גאַנצען אויסגעשלאָסען בלאַנקיזם און האָט גאַנץ שטארק גאראַנטירט די דירעקטע, זאָפאָרטיגע און אבסאָלוטע הערשאפט פון דער מאַיאָריטעט און די ווירקזאמע ראָלע פון די מאסען בלויז פּראָפּאָרציאָנעל צו דער באוואוסטזיניגיער טע-טיגקייט פון דער מאַיאָריטעט" *)

און ווייטער: „ניט נאָר רעכען איך ניט זאָפאָרט צו אנט-

*) צו די סאָוויעטען, פון נ. לענין, זייט 12.

ווינקלען אונזער רעוואָלוציע אין אַ סאָציאַליסטישער, נאָר איך וואָרן אויסדריקליך געגען אַזא אויסזיכט".

אין אַ זעקס מאָנאַט אַרום, נאָכדעם ווי דאָס איז געשריבען געוואָרען, איז אין רוסלאַנד פּראָקלאַמירט געוואָרען אַ „סאָציאַליסטישע סאָוויעט רעפּובליק" אונטער לענינ'ס אָנפיהרערשאַפט.

און ס'איז ניט מעהר ווי פּוסטע פּריטשעפּקעס אָפּצולייקענען דעם סאָציאַליסטישען כאַראַקטער פון דער רוסישער רעוואָלוציע. אַ סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע מיינט ניט תיכף צו גרינדען אַ סאָציאַליסטישע רעפּובליק. דאָס איז ניט מעהר ווי דער פּאָליטישער טאַט פון פאַרכאַפּען די רעגירונגס-מאַכט לטובת די ארבייטער און מיט'ן אַבזיכט צו פאַרניכטען דעם פּריוואַטען באַזיץ פון פּראָדוקציאָנס-מיטלען און איינפירען קאָלעקטיווע ארבייט און גענוס.

די רוסישע רעוואָלוציע האָט איבערגענומען די רעגירונג אין נאָמען פון די ארבייטער. זי האָט גאַנץ ווירקזאַם עקספּראָפּריאירט פּריוואַטע קאַפּיטאַליסטישע אייגענטימער און האָט נאַציאָנאַליזירט די גרעסטע טייל פון די אינדוסטריען. זי האָט אויך אריינגעשריבען אין איהר פּראָגראַם די סאָציאַליזירונג פון דער ערד. לויט אַלע פּראַקטישע סימנים, אַלזאָ, איז עס אַ סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע אין איהר כאַראַקטער אַזוי גוט ווי לויט איהר כונה.

אויב זי איז ניט געקומען אַלס רעזולטאַט פון דעם גאַנג פון דער היסטאָרישער און עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, ווי ס'איז באַצייכענט געוואָרען פון קאַרל מאַרקס, איז עס געשעהן דורך דער ווירקונג פון אַן אַנדער סעריע געזעלשאַפטליכע קאָנדיציאָנען און כחות, וועלכע האָבען זיך אַרויסגעוויזען שטאַרק גענוג צו באַשאַפען און אויפהאַלטען זי. איהר דויערענדע עקזיסטענץ, יאָהר נאָך יאָהר, פּנים אל פּנים מיט כמעט אומגלויבליכע שוועריגקייטען אינוועניג ביי זיך אין לאַנד און פאַרביטערטע אַטאַקעס פון דרויסען, באַווייזט, אַז מיר האָבען דאָ צו טאָן ניט מיט אַ קאַפּריזנעם צופאַל, זאָנדערן מיט אַן אויסערגעוועהנליכער גרויסער היסטאָרישער פּאַסירונג. אַ גרויסע היסטאָרישע פּאַסירונג איז עס אפילו ווען די סאָוויעט-רעגירונג פון רוסלאַנד זאָל זיך ניט קאָנען האַלטען ווער ווייסט ווי לאַנג און זאָל אָפּטרעטען דעם פּלאַץ אַן אַנדער סאָרט רעגירונג. דער אויסגעהאַלטענער מאַרקסיסט דאַרף זיין דער ער-

שטער צו אנערקענען עס.

די פאריזער קאמונע, אין איהר אנפאנג, איהר סאציאלע פראגראם און די צוזאמענשטעלונג פון איהר רעגירונג, איז געווען אזוי ווייט פון דעם ריינעם אידעאל פון א מאדערנער פראלעטאַרישער רעוואלוציע אין דעם מארקסיסטישען זין, ווי די שווערסטע קריטיקער פון דער סאוויעט־רעגירונג קאנען עס נאר ארויסשטעלען. זי איז געווען באשרענקט בלויז אויף איין שטאדט, זי האט זיך אויפגעהאלטען בלויז עטוואס מעהר פון צוויי מאנאטען און נאך איהר איז געקומען א שטארקע, ראכע־נעמענדע און רעאקציאנערע בורזשואזע רעגירונג. דאך האט איהר מארקס ניט אוועקגעמאכט גדלות'דיג מיט'ן האנט. אונטער אלע איהרע פעהלערן און רוי־קייט האט ער באמערקט „אין תוך אן ארבייטער־קלאס רעגירונג, דער פראדוקט פון דעם קאמף פון דעם פראדוצירענדען קלאס געגען דעם רויבערישען קלאס".*)

דאס, וואס די רוסישע רעוואלוציע איז „אפגעטראטען" פון דעם פאראויס אנגעצייכענטען מארקסיסטישען וועג פון סאציאלער אנטוויקלונג, באווייזט בלויז, אז מארקס און זיינע נאכפאלגער אין דער סאציאליסטישער באוועגונג פאר דער מלחמה האבען פארזעהן די מעגליכקייט פון א וועלט־קאטאסטראפע פון אזא אומערהערטער, אומגלויבליכער גרויס, ווי די לעצטע מלחמה, און די אומגעהויערע פאליטישע רעזולטאטען פון דעם צופעליגען צוזאמענברוך פון דער אינטערנאציאנאלער קאפיטאליסטישער ארדנונג.

קאפיטעל 5.

די אויפגאבע פון דער רוסישער רעוואלוציע

די רוסישע רעוואלוציע איז א גלייכער שפרונג פון א האלב־פעאדאלער (פריציש־פאנשטשינע) ארדנונג זאפארט צו א פאלי־טישען רעזשים פון אן ארבייטער־קלאס סאציאליזם. די צווישען־שטופע פון א דעמאקראטיש־בורזשואזער רעגירונג, וואס די מארק־סיסטישע טעארעטיקער האבען שטענדיג געהאלטען פאר אן אומ־פארמיידליכער נויטווענדיגקייט פאר דער אנטוויקלונג פון דער סאציאלער רעוואלוציע, איז אין רוסלאנד פשוט איבערגעהיפט גע־

*) בירגער־קריג אין פראנקרייך, זייט 48.

וואָרען, וואָרים מ'קאָן דאָך ערנסט ניט טענה'ן, אַז די לוואָוו-קער־רענסקי רעגירונג האָט אין דעם משך פון די אַכט מאָנאַטען פון איהר אומרוהיגער עקזיסטענץ דורכגעמאַכט אַ פולע תקופה פון אַ מיטעל־קלאַס רעוואָלוציע.

דער רוסישער עקספּערימענט, אַלזאָ, ווידערשפּרעכט די אָנגענומענע מאַרקסיסטישע טעאָריע פון פּאָליטישער עוואָלוציאָן (אַז אַ סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע קומט פון דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם). אָבער מאַכט עס אויך צו גאָרניט די מעהר גרינדליכע מאַרקסיסטישע געזעצען פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג? ניין, אין קיין פאַל ניט. פּאָליטישע אינסטיטוציאָנען זיינען נאָך אַלעמען הויפּטזעכליך באַזאַכטע פּראָדוקטען פונ'ם באַוואוסטזיניגען מוח, כאָטש ענדליך מוזען זיי זיך צופּאַסען צו דער עקזיסטירענדער מאַטעריעלער סיטואַציאָן. עקאָנאָמישע באַדינגונגען זיינען נאַטור־זאַכען, וואָס וואַקסען פון זיך אַליין. מ'קאָן אפשר אונטעראייַלען זייער אַנטוויקלונג, אָבער דעם עצם שטאָף זייערען קאָן מען גרינדליך ניט ענדערען דורך נייע געזעצען אָדער רעוואָלוציאָנערע אוקאַזען.

די רוסישע רעוואָלוציע האָט נאַציאָנאַליזירט די אינדוסטריען אויף דער שטופע ווי זיי זיינען געווען. זי האָט אַריינגעזעצט אַ סאָציאַליסטישע רעגירונג אויפ'ן פּלאַץ פון די פריהערדיגע קאַפּיטאַליסטישע בעלי־בתים, אָבער זי האָט דורך דעם ניט געענדערט זייער אַלגעמיינעם כאַראַקטער אָדער דעם צושטאַנד פון רייפקייט. רוסלאַנד האָט די זעלטענע געלעגענהייט צו אַנטוויקלען איהרע אינ־דוסטריען אונטער'ן אויפזיכט פון אַרבייטער־קלאַס אָנשטאָט קאַפּי־טאַליסטען. דאָס קאָן העלפען דורכצומאַכען אַ סך שנעלער און אויך פאַרשפּאָרען פיל ליידען און צרות, וואָס באַגלייטען די גע־זעלשאַפטליכע אַנטוויקלונג אין אַנדערע לענדער. זי קאָן אָבער ניט אַריבערשפּרינגען די אומפאַרמיידליכע שטופע אין דער עקאָ־נאָמישער אַנטוויקלונג פון קליין־פּראָדוקציאָן צו אינדוסטריען אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב, אויב זי וויל ווייטער געהן אויפ'ן וועג צום סאָציאַליזם צו.

אַ סאָציאַליסטישע אָדער קאָמוניסטישע געזעלשאַפט אין מאָ־דערנעם זין הייסט ניט בלויז, אַז קהל זאָל באַזיצען די אַרבייטס־געצייג, נאָר אויך אַ גוט־אָרגאַניזירטע סיסטעם פון פּראָדוצירען

ארטיקלען אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב — אַ סיסטעם, וואָס וועט אויף אַ געניגענדען אופן פאַרזאָרגען די נויטווענדיגקייטען פונ'ם פאָלק אויף אַ העכערער מדרגה פון ציוויליזאַציאָן. אַ פּאַרציייטיגע אָרדנונג פון קאָמוניטישען צוזאַמענלעבען, געגרינדעט אויף קוים־געניגענדע מיטלען, איז ניט קיין סאָציאַליזם.

„צווישען ווילדע און האַלב־ווילדע", באַמערקט ענגעלס אין דעם דערמאָנטען פּאַמפּלעט *), „איז אָפט ניטאָ קיין קלאַסען־אונ־טערשיידען, און יעדעס פאָלק איז דורכגעגאַנגען יענעם צושטאַנד. מיר וואָלטען קיינמאָל ניט געטראַכט צוריקצוקעהרען זיך ווידער צו אַזאַ צושטאַנד, אויב אַפילו ניט צוליב קיין אַנדער אורזאַך, איז צוליב דעם, ווייל קלאַסען־אונטערשיידען מוזען נויטווענדיגערווייזע ארויסקומען ווען ס'אַנטוויקלען זיך די געזעלשאַפטליכע פּראָדוק־ציאָנס־קרעפטען. בלויז אויף אַזאַ שטופע אין דער אַנטוויקלונג פון די געזעלשאַפטליכע פּראָדוקציאָנס־קרעפטען, וואָס איז צו הויך פאַר די קאָנדיציאָנען פון אונזערע צייטען, ווערט מעגליך צו פאַר־גרעסערען די פּראָדוקציאָן צו אַזאַ גראַד, וואו די פאַרניכטונג פון קלאַסען־אונטערשיידען איז אַן אמת'ער פּאָרטשריט און קאָן זיך אָנהאַלטען לאַנג, ניט פאַראורזאַכענדיג דערביי קיין אָפּהאַלט אָדער אַפילו אַן אָפּרעכענונג אין דער געזעלשאַפטליכער פאָרמע פון פּראָדוקציאָן."

די זאָפאָרטיגע אויפגאַבע פון דער סאָציאַליסטישער רעגירונג אין רוסלאַנד איז אויפצובויען די אינדוסטריען פון לאַנד, און קיינער שעצט ניט אָפּ שטאַרקער די גרויס און דרינגענדע נויטווענדיגקייט פון אָט דער אויפגאַבע ווי די רוסישע קאָמוניסטען אַליין, וועלכע קאָנצענטרירען, הויפּטזעכליך די לעצטע צייט, זייערע כחות צו אַנטוויקלען אַ סיסטעם פון פּראָדוקציאָן אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב.

נ. בוכארין, איינער פון די שטאַרקסטע קאָמוניסטישע טעאָרע־טיקער, ערקלערט די נויטווענדיגקייט פון דעם דאָזיגען פּלאַן אין פאָלגענדער פּשוט'ער און אויפריכטיגער שפּראַך:

„די צוקונפטיגע אָרדנונג ווערט באַאַבזיכטיגט צו באַפרייען די אַרבייטער פון צוויי אומגליקען און צרות. ערשטענס, פון דעם, וואָס איין מענש אונטערדריקט דעם צווייטען, איינער בארויבט דעם צווייטען, איינער זיצט ביים צווייטען אויפ'ן קאַרק. דאָס וועט

*) „אינטערנאַציאָנאַלעס אוים דעם פאָלקסשטאַאַט", ז. 50.

דערגרייכט ווערען דורך ארונטערוואַרפען פון זיך דעם יאָך פון קאַ־
פּיטאַל און אַוועקנעמען דעם פאַרמעגען ביי די קאַפּיטאַליסטען.
דאָס איז אָבער ניט די איינציגע פּראָבלעם. מיר דאַרפען זיך אויך
באַפרייען פון אונטער'ן יאָך פון דער נאַטור און אונטערואָכען די
נאַטור צו אונזערע פאַרלאַנגען, כדי צו קאָנען אָנפירען די פּראָ־
דוקציאָן אויף דעם בעסטען, סאַמע פּאָלקאָמסטען אופן. בלויז
דאַן וועט מעגליך זיין פאַר יעדען מענשען אָפּצוגעבען נאָר אַ קליי־
נעם טייל פון זיין צייט אויף דער פּראָדוקציאָן פון די נויטיגע שפּייז,
קליידער, הייזער, א. אז. וו., און די פאַרבליבענע צייט זיינע ווידמען
צו שטודירען, צו קונסט, צו אַלע זאַכען, וואָס באַשעהנען דעם מענש־
ליכען לעבען. די אור־עלטערן פון דעם היינטיגען מענשען, וואָס
האָבען געלעבט אויף דער שטופע פון האַלבע אָבעזיאַנעס, זיינען
געווען גלייך צווישען זיך. זיי האָבען אָבער געפירט אַ לעבען פון
חיות, ווייל זיי האָבען ניט פאַרשקלאַפט די נאַטור; פאַרקעהרט, די
נאַטור האָט זיי געהאַלטען פאַרשקלאַפט. פון דער אַנדער זייט,
ווידער, די פּראָדוקציאָן אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב אונטער דער
קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם האָט אויסגעלערנט מענשען צו באַזיגען
די נאַטור, אָבער די ארבייטער לעבען ווי פיה, ווייל צוליב דער
עקאָנאָמישער אומגלייכהייט זיצען די קאַפּיטאַליסטען אויף זייער
קאַרק. וואָס פאַר אַ שלום קאָן מען פון דעם ציהען? אַז די עקאָ־
נאָמישע אומאָפּהענגיגקייט (גלייכהייט) מוז געהן צוזאַמען מיט
פּראָדוקציאָן אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב. ס'איז נאָך ניט גענוג
אָפּצושאַפען די קאַפּיטאַליסטען. עס איז אויך נויטיג איינצוריכטען
פּראָדוקציאָן אויפ'ן מעגליכסט גרעסטען, ברייטסטען מאַסשטאַב.
אַלע קליינע און אומוויכטיגע אונטערנעמונגען מוזען אונטערגעהן.
די גאַנצע ארבייט מוז קאָנצענטרירט ווערען אין די מעגליכסט־
גרעסטע פאַבריקען און אימעניעס (פאַרמס). עס דאַרף זיין איין
איינציגער פּלאַן. אַ וואָס גרעסערען שטח אָט דער איינציגער פּלאַן
נעמט אַרום, אַלץ בעסער. די גאַנצע וועלט מוז ענדליך ווערען איין
גרויסער ווערקשטאַט, איין אונטערנעמונג, אין וועלכער די גאַנצע
מענשהייט זאָל קאָנען ארבייטען פאַר זיך אַליין לויט אַן איינציגען,
שטרענג־אויסגעפיהרטען פּלאַן, אָהן אירגענד וועלכע בעלי־בתים
אָדער קאַפּיטאַליסטען, מיט די בעסטע מאַשינען און אין די בעסטע
ארבייטס־פּלעצער. אום צו געבען אַ שטויס די פּראָדוקציאָן זי

זאָל נעמען שנעלער געהן פאָרוועדטס, וועלען מיר ניט נאָר ניט דארפען אוועקוואַרפען די ריזיגע פּראָדוקציאָן, די פאַרבליבענע ירושה פונ'ם קאַפּיטאַליזם, זאָנדערן, פאַרקעהרט, מיר וועלען עס נאָך מוזען פאַרגרעסערען".*)

ווי איהר זעהט פון דעם אויבען געבראַכטען אויסצוג, באַשרענקט ניט בוכארין די פּראָדוקציאָנס-סיסטעם בלויז אויף אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, זאָנדערן ער נעמט אויך אריין די „פאַרמס". און דאָס איז טאַקע גאַנץ ריכטיג. קיין רעגולירטע סיסטעם פון נאַציאָנאַלער עקאָנאָמיע קאָן ניט אָרגאַניזירט ווערען אויב מען נעמט ניט אין אנבאַטראַכט דעם וויכטיגען אגריקולטור-געביט. ארויסצוברייגען די מעגליכסט גרעסטע פּראָדוקציאָן פון פאַרם-ארטיקלען מיט דער קלענסטער פאַרשווענדונג פון מענשליכער ענערגיע דורך אָנווענדען מאָדערנע מאַשינעריע און וויסענשאַפטליכע מעטאָדען; צו פאַרלייכטערען די שווערקייט, אומעטיגקייט און לאַנגווייליגקייט פון דאָרפישען לעבען און צו דערהויבען די פעלד-האָרעפּאַשניקעס צו אומגעפעהר דער זעלבער מדרגה פון באַקוועמליכקייט, פרייע צייט און קולטור, וואָס די שטאָדטישע ארבייטער געניסען אָדער זוכען צו געניסען — דאָס איז פאַר דורות לאַנג געווען איינע פון די סאַמע ברענענדסטע פּראָבלעמען פון אונזערע פעלקער. פון באַזונדערער וויכטיגקייט איז עס אין רוסלאַנד, באַטראַכטענדיג די שמערצליך-טרויעריגע צוריקגעשטאַנענקייט פון איהרע אַגריקולטורעלע מעטאָדען.

די אַגראַר-פראַגע (וועגען דער פאַרטיילונג פון ערד) האָט שטענדיג געבראַכט אין פאַרלעגענהייט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג, וועלכע איז גרעסטענטיילס באַשטאַנען פון אינדוסטריעלע אַרבייטער. דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליזם האָט, אייגענטליך, קיינמאָל ניט אויסגעאַרבייט קיין אומפאַסענדע און אַלגעמיין-אָנגענומענע פּראָגראַם פון אַגראַר-רעפאָרמען. דער אַלגעמיינער באַגריף פון אַן אַגריקולטור-אָרגאַניזאַציאָן אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט איז אַ ריזיג-גרויסע פאַרם, מיט די סאַמע נייעסטע און וויסענשאַפטליכע געצייג, וואָס געהערט צום קהל און ווערט באַ-

*) „פּראָגראַם פון די קאָמוניסטען", אויסגאַבע פון „אַמעריקאַנער קאָמוניסטישער פּאַרטיי", ז. 14.

ארבייט געמיינשאַפטליך פון ארבייטער-שיכטען, וועלכע ווילען קרי־גען געגוג רוה און ערהאָלונג. דער דאָרפישער לעבען דאַרף ווערען מעהר אינטערעסאנט און מיט מעהר גייסטיגען אינהאַלט דורך דעם, וואָס מ'וועט אריבערפיהרען פון שטאָדט אין דאָרף די אינ־דוסטריען, הויפּטזעכליך די וואָס האָבען אַ נעהענטערע שייכות צו פעלד־פּראָדוקטען, און מ'וועט איינריכטען מעהר און בעסערע שולען, ביבליאָטעקען און אונטערהאַלטונגס־פּלעצער.

די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען, די באָלשעוויקעס אריינגע־רעכענט, האָבען געוועהנליך אָנגענומען אָט דעם פּראָגראַם, און די באָלשעוויקעס האַלטען נאָך איצט אויך דעם דאָזיגען פּראָגראַם אַלס ענדליכען אידעאַל. אָבער די פּראַקטישע נויט פון דער סיטו־אַציאָן אין דער צייט פון דער רעוואָלוציאָן האָט זיי געצוואונגען אָנצונעמען אַ גאַנץ אַנדער פּראָגראַם ווי די סאָציאַליסטישע.

די רוסישע פּויערים האָבען באַקומען לעבערליך־קליינע, ווייט ניט גענוגענדע חלקים ערד, ווען זיי זיינען אין יאָהר 1861 באַ־פרייט געוואָרען פון פּאַנשטשינע, און זייער געשריי פאַר נאָך לאַנד איז געוואָרען אַלץ שטאַרקער און ביטערער מיט יעדען דור, ווייל די צאָהל מענשען אין זייערע פאַמיליעס איז גרעסער געוואָרען, וועהרענד דער חלק פעלד איז געבליבען דער זעלבער. ווען דער צארסקער רעזשים איז געפאַלען, איז זייער איינציגע פאָדערונג גע־ווען מ'זאָל באַלד צוטיילען די גרויסע פּריצישע אימעניעס און די גאַנצע ערד פון דעם צאַר'ס פאַמיליע, און זאָגאר נאָך פאַר דער נאָ־וועמבער רעוואָלוציע האָבען זיי אין פילע פּלעצער אַליין, אויף זייער איינענעם רעכנונג, אָנגעפאַנגען צו צעטיילען די ערד. די באוועגונג איז געקומען ספּאָנטאַן און זיך שטאַרק פארשפּרייט, האָט די באָל־שעוויסטישע רעוואָלוציע ניט פיל געקאָנט טאָן און האָט די ערד־צעטיילונג ערקלערט געזעצליך און געהאָלפען די צעטיילונג.

דער דעקרעט וועגען דער „סאָציאַליזירונג פון דער ערד“, וואָס איז אָפיציעל ארויסגעגעבען געוואָרען דעם 19טען פעברואַר, 1918, ענטהאַלט, צווישען אַנדערעס, פאָלגענדע פּונקטען:

„פּונקט 1. יעדער אייגענטום פון לאַנד, אוצרות אין דער ערד, וואַסערען, וועלדער און לעבעדיגע נאַטור־זאַכען אויף דער טעריטאָריע פון דער רוסישער פעדעראַלער סאָוויעט־רעפּובליק, ווערט אויף אַלע מאָל אָפּגעשאַפט.

„פונקט 2. די ערד ווערט איבערגעגעבען דעם גאנצען אר־בייטער־פאָלק צו באנוצען זיך מיט דעם אָהן אָפּענע אָדער געהיימע אויסלייז־צינזען.

„פונקט 9. די פארטיילונג פון אגריקולטורעלע לאנד צווישען דער ארבייטער־באַפעלקערונג דארף אויסגעפיהרט ווערען פון די סאָוויעט־דעפּארטאמענטען פון דער גובערניע, אויעזד, אָדער דאָרף, לויט זייער וויכטיגקייט.

„פונקט 12. די פארטיילונג פון לאנד צווישען דער ארביי־טער-באַפעלקערונג זאָל אויסגעפיהרט ווערען לויט'ן פּרינציפּ פון אויסגעגלייכטע ארבייט אויף אזא ארט, דאָס די נאָרמאלע מאָס פון שפּייז און ארבייט, וואָס ווערט אָנגעווענדט ביים באארבייטען די ערד, זאָל ניט איבערשטייגען די ארבייטס־פעהיגקייט פון דעם ערד־ארבייטער'ס געזינד און דאָך זאָל די געזינד האָבען גענוג צום לעבען.

נאָמינאַל, אַלזאָ, איז די רוסישע ערד סאָציאַליזירט. דער באזיץ־רעכט אויף דער ערד געהערט געזעצליך צום קהל. דער פּויער קריגט בלויז דאָס רעכט צו נוצען די ערד. ער קאָן זי ניט פארקויפען אָדער איבערגעבען בירושה. פונדעסטוועגען, אין דער ווירקליכקייט באזיצט דער פּויער זיין נייע שטיקעל ערד פונקט אזוי גוט און אומבאשרענקט ווי זיין פריהערדיגען אייגענטום. דער רע־גירונג צאָהלט ער דערפאר ניט קיין ארענדע און ניט קיין צינזען און ער אנערקענט ניט, אז די רעגירונג זאָל האָבען דאָס רעכט אויף דעם. עס וואָלט געווען זעהר אַ געפעהרליכע אונטערנעמונג פאר דער סאָוויעט־רעגירונג צו פּרובירען מיט גוואַלד צו פארקלענערען אָדער אוועקנעמען ביים פּויער די אייגענטום־קאָנטראָל איבער זיין ערד.

דאָס, וואָס דער רוסישער רעוואָלוציע איז ניט געלונגען זאָ־פאָרט צו סאָציאַליזירען די פּויערשע ערד, קאָן מען ניט זאָגען, אז זי האָט אָפּגעטראָטען פון סאָציאַליסטישען ציעל און מעטאָדען אין באצוג צו איהר אגראר־שטעלונג. זאָגאר קארל קאוטסקי, איינער פון די שטרענגסטע סאָציאַליסטישע קריטיקער פון דעם סאָוויעט־רעזשים, גיט צו, אז אויך אין די מערב-לענדער וועט אַ פּראָלעטאַ־רישע רעוואָלוציע ניט זוכען מיט גוואלד זיך צומישען אין דעם פּויער'ס פּריוואטען ערד־אייגענטום. „אין קיין פאַל", זאָגט ער,

„פאַדערען מיר ניט, אַז דער פּראָלעטאַריאַט זאָל באַנוצען זיין מאַכט, ווי נאָר ער וועט איהר אַריינקריגען, אויף עקספּראָפּריאירען די פּויערים און נאָך וויניגער אויף קאָנפיסקירען זייער ערד".

„דער זיגרייכער פּראָלעטאַריאַט דאַרף זעהן, לויט אַלע אור־זאַכען, אַז די פּראָדוקציאָן פון שפּייז זאָל ניט געשטערט ווערען. צו עקספּראָפּריאירען די פּויערים וואָלט געהייסען אַריינצוברייגגען אַ שרעקליכע אומאָרדנונג אין דער אָפּטיילונג פון דעם לאַנד'ס פּראָדוקציאָן און אויסזעצען דעם נייעם רעזשים צו אַ הונגער־גע־פאַהר. די פּויערים מעגען, אַלזאָ, זיין זיכער, אַז מ'וועט זיי ניט טשעפּען. זייער עקאָנאָמישע נויטווענדיגקייט פאַר'ן לאַנד וועט זיי באַשיצען געגען עקספּראָפּריאַציאָן, שוין ניט ריידענדיג וועגען דעם, וואָס דער פּשוט'סטער שכל וואָלט גערעדט געגען אַזאַ טאַקטיק, וועלכע וואָלט אַרויסגערופען די שנאה פון אַ גרויסען טייל פון דער באַפעלקערונג.

„דער זיגרייכער פּראָלעטאַריאַט וועט האָבען די מיטלען אַזוי גוט ווי די אורזאַכען צו העלפען דעם פּויער אויסצובעסערען טעכ־ניש זיינע מעטאָדען, צו באַזאָרגען איהם מיט מיסט, פּיה און פאַר־פאָלקאָמטע געצייג, אום אויף אַזאַ אַרט צו פאַרגרעסערען די פּראָ־דוקציאָן.

„אויב מיר ערוואַרטען, אַז דאָס זאָל ניט פיהרען צו פאַר־שטאַרקען די קליינבירגערליכע פּויערשע ווירטשאַפט, איז נאָר דער פאַר, ווייל מיר זיינען זיך משער, דאָס וויפיל זייטיגע שטיצע ס'זאָל ניט געגעבען ווערען, קאָן עס אַלץ די קליין פּויערשע פּראָדוקציאָן ניט העלפען צו באַנוצען זיך געהעריג מיט מאָדערנע טעכניק־מע־טאָדען; און אַז די פּויערים וועלען, דאַריבער, פ ר י י ו ו י ל י ג אוועקוואַרפען די אינדיווידועלע פּראָדוקציאָנס־פאָרמע (יעדער איי־נער פאַר זיך), ווייל דאָס וועט זיך אַרויסווייזען אַ שטערונג פאַר זייער ווייטערדיגען סאָציאַלען פאָרטשריט, ווי נאָר ס'וועט באַ־שטימט איינגעריכטעט ווערען די סאָציאַליסטישע פּראָדוקציאָנס־פאָרמע. לויט אַלע אורזאַכען וועט די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט דאַרפען העלפען די פּויערים אין דעם איבערגאַנג צו העכערע סאָרטען פּראָדוקציאָנס־מעטאָדען, ווייל זי וועט זיך נויטיגען אין

מעהר שפייז און רויהען מאטעריאל".*)

די רוסישע קאמוניסטען קאן מען ניט באשולדיגען, אז זיי באמיהען זיך ניט גענוג אונטערצואיילען דעם פרייווילגיען איבערגאנג פון אינדיווידועלער צו קאלעקטיווער, פון איינצעלנער צו קהל'שער, באארבייטונג פון דער ערד. זיי האבען געמאכט עפעס אן אנפאנג צו נאציאנאליזירען די פעלד־ארבייט און צו פיהרען עס אויף א געמיינשאפטליכען אופן; זיי סטארען זיך אויסצובעסערען אגריקולטורעלע מעטאדען אויף ווי ווייט זייערע פאראליזירטע מיטלען ערלויבען זיי, און זיי פיהרען אין די דערפער אן א ברייטע פראפאגאנדע פאר קאאפעראטיווע און קהל'שע פעלד־ארבייט.

דאך איז פאראן א שארפער אונטערשייד צווישען דעם כאראקטער און די ווירקונג פון דעם פארגעלעגטען ערד־פלאן פון מערב־אייראפעאישען סאציאליזם און די טאקטיק, וואס די רוסישע רעוואלוציע האט געמוזט אננעמען צוליב די ספעציעלע באדינגונגען פון יענער לאנד.

א זיגרייכע פראלעטארישע רעוואלוציע אין מערב (אייראפא) וועט וואהרשיינליך ניט זוכען צו עקספראפריאירען די פויערשע קליינע שטיקער לאנד־אייגענטום, אבער זי וועט גלייך נעמען נאציאנאליזירען די גרויסע מאיאנטקעס, וואס ווערען שוין באארבייט פון מאדערנע מעטאדען און מיט געדונגענע ארבייטער. די פויערים פון מערב־אייראפא זיינען ניט הונגעריג נאך ערד. ניט מעהר ערד פאדערען זיי, נאר ערלייכטערונג פון די קאפיטאליסטישע מלוים, ארענדאטארען, תבואה־מאגאזינען, קאמיסיאן־הייזער און אייזענבאנען, ווי אויך בעסערע באקוועמליכקייטען פאר ארבייט. זיי פאדערען ניט די צעטיילונג פון גרויסע אימעניעס. ווען די קאמוניסטישע רעוואלוציע אין רוסלאנד האט צעטיילט די גרויסע פריצישע אימעניעס צווישען די קליינע פויערים אייגענטימער, האט זי ניט נאר בארויבט זיך אליין פון אלע דירעקטע און אונדירעקטע נוצען פון א שטארקען קערענדעל פון סאציאליזירטע לאנד־באארבייטונג, זאנדערן אין דער פארווירקליכונג פון דער ענדליכער לאנדפראגראם פונ'ם סאציאליזם האט זי אויך געמאכט אן אנטשיידענעם

---

*) קארל קאוטסקי: „די סאציאליזירונג דער לאנדווירטשאפט", בערלין, 1919, זייט 70.

שריט ריקווערטס, ווייל זי האָט פאַרשטאַרקט די אינסטיטוציאָן פון פּריוואַטע לאַנד־אייגענטום.

אַז די דאָזיגע טאַקטיק איז ניט אָנגענומען געוואָרען פרייד־וויליג, נאָר אַלס אַ באַשטימטע הנחה צו די ספּעציפיש־רוסישע קאָנדיציאָנען, וועלכע זיינען ניט פּאַסיג פאַר סאָציאַליסטישע רע־וואָלוציאָנען אין אַלגעמיין, דאָס קאָן יעדער איינער זעהן און ס'איז ניטאָ איבער דעם וואָס צו דעבאַטירען. אייגענטליך גיבען עס צו די אָפענהערציגערע וואָרט־פיהרער פונ'ם באָלשעוויזם, און קיינער טוט עס ניט אַזוי אָפען ווי נ. לענין. „אין דעם סאַמע אָנפאַנג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע", זאָגט ער, „האָבען מיר גע־שלאָסען אַן אומאָפיציעלען (אַ זעהר וויכטיגען און העכסט ערפאָלג־רייכען) פּאָליטישען אָפמאַך מיט דעם קליין־בורזשואַזען פּויערטום, אָננעמענדיג אין גאַנצען, אָהן איין איינציגער ענדערונג, די „סאָ־ציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערע" אַגראַר־פּראָגראַם. דאָס הייסט, מיר האָבען אָהן צווייפעל געמאַכט אַ קאָמפּראָמיס, אום צו באַווייזען די פּויערים, אַז מיר האָבען ניט בדעה צו הערשען איבער זיי, זאָנדערן מיר ווילען קומען צו אַ פאַרשטענדניס מיט זיי.*)

און ווייטער: „איך ציה אייער אויפמערקזאַמקייט צו דעם פאַקט, דאָס אָט די פונדאַמענטאַלע פּרינציפּען פונ'ם געזעץ (דער אוקאַז איבער דער לאַנד־סאָציאַליזירונג) זיינען אויסגעאַרבייט גע־וואָרען ווען די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט ניט בלויז אויסגעפיהרט איהר אייגענע פּראָגראַם, נאָר האָט אויך באַוואוסטזיניג געמאַכט הנחות צו די יעניגע, וועלכע האָבען אויף אירגענד וועלכען אופן אויסגעדריקט דעם קלאַסען־געפיהל און דעם ווילען פון דעם „מיט־טעלקלאַס־פּויערטום". מיר האָבען געמאַכט און מיר מאַכען אויך נאָך היינט אַזעלכע הנחות. און מיר טוען עס, ווייל ס'איז אוממעגליך פּלוצלונג מיט אַמאָל אויסצופיהרען דעם איבערגאַנג צו אַ קאָלעקטיווער, קהל'שער פאָרמע פון לאַנד־אייגענטום, צו געמיינ־שאַפטליכער ערד־באַאַרבייטונג, צו סאָוויעט־פאַרוואַלטונג פון אַלע לאַנד־גיטער".*)

---

*) „לינקער פליגעל קאָמוניזם — אַ קינדיש אונאָרדנונג", לאָנדאָן, זייט 54.

*) „די לאַנד־רעוואָלוציאָן אין רוסלאַנד", אַרויסגעגעבען פון דער אינדעפּענדענט לייבאָר פּאַרטי, לאָנדאָן, 1919, זייט 15.

אָט די פּראָבלעם איז ניט קיין אייגענאַרטיג־רוסישע און דאַ־ריבער וועט אויך אַ פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע אין די מערב (איי־ראָפּעאישע) לענדער האָבען מיט איהר צו טאָן, כאָטש אין עטוואָס אַ מילדערען גראַד, ווייל אין יענע לענדער זיינען מעהר אַנטוויקעלט די מאַטעריעלע קאָנדיציאָנען פאַר געמיינשאַפטליכער ערד-באַאַר־בייטונג. די הויפּט־זאַך איז אָבער, וואָס אין יענע לענדער וועט עס ניט זיין אַזוי געפעהרליך וויכטיג פאַר דער סאַמע עקזיסטענץ פונ'ם סאָציאַליסטישען רעזשים, ווי דאָס איז אין רוסלאַנד. אין די פאָרטגעשריטענערע לענדער פון אייראָפּאַ, אַזוי ווי אין די פאַראיי־ניגטע שטאַטען פון אַמעריקע, איז די הויפּט־געוויכט אַריבער פון אַגריקולטור צו אינדוסטרי. די פאַבריקען־סיסטעם מיט איהרע אומגעהויערע פּראָוויקעלטע פאַרצווייגונגען, באַהערשט דעם עקאָ־נאָמישען און פּאָליטישען לעבען פון פאָלק און האַלט אויס דעם גרעסטען טייל פון דער באַפעלקערונג. ווען די אַרבייטער וועלען אַריינגעמען אין זייערע הענט די קאָנטראָל פון דער פאַבריקען־סיסטעם, וועט זייער הערשאַפט זיין געבויט אויפ'ן ברייטען און פעסטען גרונט צו פיהרען עס פאַר די נוצען פון דער מאַיאָריטעט. אין אַ לאַנד, ווי רוסלאַנד, וואו אַגריקולטור איז די הויפּט חיונה פון לאַנד און די שטאָדטישע אינדוסטרי איז פאַרהעלטניסמעסיג אומבאַדייטענד, קאָן אַ פּאָליטישער רעזשים, געבויט אויף דער ווי אַ פּיראַמידע, אָן אַוועקגעשטעלטע אויף איהר שפּיץ. ער קאָן זיך האַלטען בלויז אויף ספּעציעלע מאַסרעגלען און הנחות. די הערשאַפט פון אינדוסטריעלען אַרבייטער־קלאַס, אַזוי זיך האַלטען מאַסרעגלען מעגען זיך זיין אומפאַרמיידליכע און פּאַנינפטיגע אונ־טער די אומשטענדען פון דער רוסישער רעוואָלוציע, אָבער זיי זיינען אַרויסגעקומען פון די ספּעציעלע באַדינגונגען און האָבען געמוזט אויף זייער אייגענאַרטיגען אופן באַאיינפלוסען די פאָרמע, די מעטאָדען און די טעטיגקייט פונ'ם סאָוועט-רעזשים.

קאַפּיטעל 6.

די סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקער פון דער צייט פון ערשטען און צווייטען אינטערנאַציאָנאַל האָבען מיט אַלע כחות אויסגע-מידען צו דיסקוטירען די איינצעלהייטען ווי אַזוי עס וועט זיין אָרגאַניזירט די סאָציאַליסטישע רעגירונג, וועלכע זיי ווילען איינ־

פיהרען, און וואָס פאַר אַ ממשות'דיגע טאַקטיק זי וועט אָנפיהרען. זיי האָבען זיך באַשעפטיגט בלויז מיט דער פראַגע ווי אַזוי צו פאַרכאַפּען די רעגירונגס־מאַכט און ניט ווי אַזוי צו פאַרוואַלטען זי. דער „וויסענשאַפטליכער" מאַרקסיסטישער סאָציאַליסט האָט זיך באַנוגענט מיט דער טעאָריע, דאָס ווען דער רעוואָלוציאָנערער אַרבייטער־קלאַס וועט זיין שטאַרק גענוג צו „פאַרכאַפּען" די רע־גירונגס־לייצעס, וועט ער עס אויסנוצען צו איינריכטען דעם סאָציאַ־ליזם אויף אַזאַ אופן און דורך אַזעלכע מיטלען, ווי עס וועלען פאָדערען די באַדינגונגען פונ'ם קאַמף אין יענער צייט און אין יענעם פלאַץ. ווייטער האָט ער ניט געוואָלט נאָכטראַכטען. אין זיין באַ־ריהמטער קריטיק פון דער גאָטהא'ער פּראָגראַם פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, אין יאָהר 1875, האָט מאַרקס אָפּגע'פּטר'ט דעם ענין מיט אָט דעם עלעגאַנטען זאַץ: „די פּראָ־גראַם דאַרף אין איצטיגען מאָמענט ניט מעהר זיך באַשעפטיגען מיט דער איבערגאַנגס־פּעריאָדע (פון סאָציאַליזם צום קאַפּיטאַליזם) ווי מיט'ן כאַראַקטער פון דעם צוקונפטיגען שטאַט אין דער קאָמו־ניסטישער געזעלשאַפט". פאַר די גאַנצע פערציג יאָהר נאָכדעם האָבען זיינע נאָכפאָלגער געהאַלטען זיך ביי אַן עהנליכער שטעלונג. יעדער פאַרזוך צו באַשרייבען די געבוי און די אַרבייט פון דער סאָציאַליסטישער רעגירונג איז אַרונטערגעריסען געוואָרען אַלס „אוטאָפּיע", פּוסטע פאַנטאַזיע, און מ'האָט פון דעם חוזק געמאַכט אַלס „צוקונפט־מוזיק".

די פראַגע איז אַרויפגעשוואומען און געוואָרען פון ממשות'־דיגער, פּראַקטישער און זאָפאָרטיגער וויכטיגקייט צוליב דער רו־סישער רעוואָלוציע, וועלכע איז געקומען באַלד נאָך דער „קורץ־יאָהריגער" סאָציאַליסטישער רעגירונג אין פינלאַנד, און באַלד נאָך איהר האָבען פּונקט אַזוינע „קורצע יאָהרען" געהאַט דער קאָמונים־טישער עקספּערימענט אין אונגאַרן און די סאָציאַליסטישע מאַכט אין דייטשלאַנד און עסטרייך.

וואָס איז די היסטאָרישע פאָרמע, די אָרדנונג פון אַ סאָציאַ־ליסטישער רעגירונג?

אז מ'וויל ענטפערען אויף אָט דער פראַגע, דאַרף מען נעמען אין אָנבאַטראַכט, דאָס מאַרקס' תלמידים קוקען ניט אויף פּאָליטי־שע אינסטיטוציאָנען ווי אויף דויערהאַפטע אומבאַוועגליכע איינ־

ריכטונגען, און אויך ניט ווי אויף באַשטימט-געגרענעצטע היס־טאָרישע פּעריאָדען. די סאָציאַליסטישע פּאָליטישע רעוואָלוציע שטעלט מיט זיך פאָר בלויז דעם באוואוסטזיניגען אָנפאַנג פון דער תקופה פון איבערענדערונג, אריבערגאַנג אין סאָציאַליזם, אָבער ניט מעהר ווי דער אָנפאַנג פון דער דאָזיגער תקופה.

די רעוואָלוציע, וועלכע גיט איבער דעם אַרבייטער־קלאַ די פּאָליטישע מאַכט, לאָזט אויף דערווייל איבער די עקאָנאָמישע מאַכט אין די הענט פון די קאַפּיטאַליסטען. אין דעם טאָג פון דער רעוואָלוציע באַזיצט נאָך אַלץ דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס די הויפּט־מיטלען און געציייג צו פּראָדוצירען און פאַרשפּרייטען אַרטיקלען. ער פאַרוואַלטעט די פינאַנציעלע, אינדוסטריעלע און קאָמערציעלע אינסטיטוציאָנען פון לאַנד און קאָנטראָלירט דעם פאַרוויקעלטען און קונציג־צוזאַמענגעפלאָכטענעם עקאָנאָמישען לע־בען פון פאָלק. אַריבערצופיהרען אַלע אינדוסטריען פון פּריוואַטען קאַפּיטאַליסטישען באַזיץ צו קאָמוניסטישען אייגענטום און קהל־שער פאַרוואַלטונג; אין קורצען, שטירצען דעם קאַפּיטאַליזם און אויפבויען אַ ריין סאָציאַליסטישע אָרדנונג — דאָס פאָדערט אַ רייהע פּלאַנמעסיגע און גרינדליכע אינדוסטריעלע און פּאָליטישע ענדערונגען. אַזעלכע ענדערונגען וועלען, פאַרשטעהט זיך, ניט אונטערנומען ווערען פון דעם קאַפּיטאַליסטישען קלאַס. זיי קאָנען געבראַכט ווערען נאָר דורך די אַרבייטער. אום אויסצופיהרען עס, מוזען די אַרבייטער האָבען דעם קאָנטראָל איבער דער רעגירונגס־מאַשין און אָנהאַלטען די קאָנטראָל ביז ס'וועט אָפּגעטאָן ווערען די גאַנצע אַרבייט פון סאָציאַליזירען די אינדוסטריען, ביז ס'וועלען אָפּגעשאַפט ווערען אַלע עקאָנאָמישע קלאַסען־אינטערעסען, דער אַר־בייטער־קלאַס וועט אויפהערען צו עקזיסטירען אַלס אַ קלאַס, און די אַרבייטער־רעגירונג וועט אָפּטרעטען דעם פּלאַץ פאַר אַ קלאַסענ־לאָזער פאַרוואַלטונג פון אַ סאָציאַליסטישען רעזשים. די אַנט־וויקלונגס־שטופען, וואָס וועלען קומען אומגעפעהר איינע נאָך די אַנדערע, קאָנען באַטראַכט ווערען פון פאַרשיידענע שטאַנדפּונקטען און כאַראַקטעריזירט ווערען לויט אָט די שטאַנדפּונקטען.

באַטראַכטענדיג די דאָזיגע שטופען אין זייער היסטאָרישער רייהע, קאָן מען זיי אָנרופען אַזוי: די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע — אַלס דער קאַפּיטאַליסטישער פּעריאָד; די צייט פון די ענדע־

רונגען, וואָס די רעוואָלוציע ברענגט, ווערט געוועהנליך גערופען אַלס דער „איבערגאַנגס״-פּעריאָד; און ווען די אינדוסטריען ווערען שוין איינגאַנצען סאָציאַליזירט, הייסט עס דער פּעריאָד פון סאָ־ציאַליזם אָדער קאָמוניזם.

צו אילוסטרירען עס בעסער (זעה פיגור), שטעלט זיך פאָר צוויי הייזער, א און ג, וועלכע זיינען פאַראייניגט דורך א פאָרהויז, אָדער קאָרידאָר ב. לאָמיר אָננעמען, אז איין הויז א פאַרנעמט דעם אָרט פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם און די צווייטע הויז ג שטעלט מיט זיך פאָר א פאָלקאָמענעם סאָציאַליסטישען רעזשים. דאַן וועט די פאָרהויז ב, וואָס פאַראייניגט ביידע הייזער, פאַר־נעמען דעם פּלאַץ פון דעם איבערגאַנגס-פּעריאָד.



די דאָזיגע צוויי היסטאָרישע פּעריאָדען קאָנען אויך באַטראַכט ווערען פונ'ם שטאַנדפּונקט פון זייערע פּאָליטישע אויפגאַבען. פון אַט דעם שטאַנדפּונקט, קאָן די ערשטע הויז א באַצייכענט ווערען אַלס דער קאַפּיטאַליסטישער שטאַט, די פאָרהויז ב אַלס דער סאָ־ציאַליסטישער שטאַט, און די צווייטע הויז אַלס די קאָמוניסטישע רעפּובליק.

עס וועט ניט שאַדען צו ערקלעהרען מיט א פּאָר ווערטער די נעמען און טערמינען, וואָס ווערען דאָ געברויכט.

אין דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור איבער דעם ענין ווערט דער וואָרט „שטאַט״ ניט גענוצט אין דעם געוועהנליך-באַקאַנטען זין פון „אָרגאַניזירטע געזעלשאַפט״, נאָר אין דעם שטרענג-פאָרמעלען זין אַלס די אָרגאַניזירטע קראַפט, מיט וועלכער די רעגירונג פאַר־טיידיגט איהר עקזיסטענץ און איבט אויס איהר אונטערדריקונגס־מאַכט. אין אַט דעם זין איז דער שטאַט ניט די קערפּערשאַפט פונ'ם פאָלק, וואָס איז אָרגאַניזירט אין א פּאָליטישער קהלה, נאָר די רעגירונגס-מאַשין דורכצופיהרען די געזעצען אָדער דעם ווילען פונ'ם הערשער — די ביוראָקראַטיע, אַרמעע, פּאָליציי, געריכטען,

טורמעס, א. אז. וו., א מאַשינעריע וואָס מ׳קאָן געברויכען ניט בלויז אומאָפּהענגיג פון פאָלק, ניט אָנפרעגענדיג ביים פאָלק, ניט לטובת דעם פאָלק, נאָר זאָגאָר געגען דעם פאָלק.*)

„דער שטאַט“, זאָגט פרידריך ענגעלס, „איז אַן אָרגאַניזאַציאָן פון עקספּלואַטירענדע קלאַסען מיט׳ן צוועק אויפצוהאַלטען די עקזיסטירענדע מעטאָדען פון פּראָדוקציאָן און הויפּטזעכליך מיט גוואַלד איינצוהאַלטען די עקספּלואַטירטע קלאַסען אין צושטאַנד פון אָפּהענגיגקייט, אין וועלכער די פּראָדוקציאָנס־מעטאָדען האַלטען זיי (שקלאַפעריי, פאַנשטשיזנע, לוין־ארבייט).“

און קאַרל מאַרקס פיהרט אונטער אזא סך הכל פאַר׳ן כאַראַקטער פונ׳ם קאַפּיטאַליסטישען שטאַט:

וואָס מעהר און שנעלער דער וואוקס פון דער מאָדערנער אינדוסטריע האָט אַנטוויקעלט און פארשטאַרקט די געגנערשאַפט צווישען קאַפּיטאַל און ארבייט, אַלץ מעהר און מעהר האָט די שטאַטס־מאַכט אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון נאַציאָנאַלער מאַכט פון קאַפּיטאַל איבער ארבייט, פון אַן עפענטליכער מאַכט, וואָס איז אָרגאַניזירט פאַר געזעלשאַפטליכער פארשקלאַפונג, פון א מאַשין פאַר קלאַס־אונטערדריקונג און טיראַניי.*)

דער איבערגאַנגס־פּעריאָד, אָדער סאָציאַליסטישער שטאַט, איז ניט קיין אויסנאַהם פון כלל. ער שטעלט אויך מיט זיך פאָר די אָרגאַניזירטע אונטערדריקונגס־מאַכט פון דער רעגירונג. אָבער די רעגירונג, וועלכער אָט דער שטאַט דינט, איז דעם ארבייטער־קלאַס׳ רעגירונג. איז דעריבער די אויפגאַבע פון דעם סאָציאַליס־

---

*) דער באַגריף איז ניט דוקא אַ ריין מאַרקסיסטיש־סאָציאַליסטישער. די צוואַנגס־קראַפט פון דעם שטאַט אַלס הערשער, זיין אומבאַדינגט־נויטווענדיגע מאַכט דורכצופיהרען געזעצען און אַרויפלעגען צינזען איז אנערקענט געוואָרען פון פילע בורזשואַזע עקאָנאָמיסטען און סאָציאַלאָגען, אַריינגערעכענט לערוא־בוליע, שאַרל בענוא, דזשערעמי בענטעם, פריינקלין ה. גידדינגס און דזש. וו. בוירדזשעס. אָבער צי די אפּטיילונג איז פּינקטליך ריכטיג צי ניט, שאַדט עס אין קיין פאַל ניט די שטאַרקייט פון די מאַרקסיסטישע באַווייזע. די צוואַנגס־מאַכט פון דער רעגירונג עקזיסטירט דאָך אָהן צווייפעל, און דער נאָמען שאַדט ניט איהר ווירקונג.

*) „בירגער־קריג אין פראַנקרייך“, ז. 40.

טישען שטאַט אויפצוהאַלטען די פּראָלעטאַריער־רעגירונג און צו אונטערדריקען די כחות פונ׳ם פאַרבליבענעם קאַפּיטאַליזם, וואָס שטרעבט צו שטירצען איהר.

בלויז ווען אַלע קלאַסען און קלאַסען־מלחמות וועלען אָפּגע־שאַפט ווערען און מען וועט זיך מעהר ניט נויטיגען אין צוואַנג־מיטלען פאַר איין קלאַס צו געוועלטיגען איבער׳ן צווייטען, דאַן וועלען ווערען נוצלאָז אַלע אונטערדריקונגס־קערפּערשאַפטען פון דער רעגירונג, ווי די אַרמעע, די פּאָליציי, א. אז. וו. דער שטאַט פאַרשווינדט דאַן. די רעגירונג ווערט פון איצט אָן אַ קלאַסענלאָזע פאַרוואַלטונג פון די געשעפטען פונ׳ם גאַנצען פאָלק דורך זייערע ערוועהלטע פאַרטרעטער, — אַ סאָציאַליסטישער קהל און ניט קיין „שטאַט“.

„דורך ווערען ווירקליך דער פאַרטרעטער פון דער גאַנצער גע־זעלשאַפט, מאַכט זיך דער שטאַט פאַר אַן איבריגע זאַך. אַזוי שנעל ווי ס׳איז ניטאָ אין דער געזעלשאַפט קיין קלאַס, וועלכען מ׳זאָל דאַרפען האַלטען אונטערדריקט; אַזוי שנעל ווי עס וועלען באַזייטיגט ווערען די קלאַסען־הערשאַפט און דער קלאַסען־קאַמף פאַר עקזיסטענץ, וואָס איז געגרינדעט אויף דער מאָדערנער אַנאַרכיע אין פּראָדוקציאָן, און צוזאַמען מיט דעם פאַרשווינדען אויך די צו־זאַמענשטויסען און עקסצעסען, דאַן וועט מעהר ניט זיין וואָס צו אונטערדריקען, וועט מען מעהר ניט דאַרפען האָבען קיין אונטער־דריקונגס־מאַכט, קיין שטאַט. דער ערשטער אַקט, אין וועלכען דער שטאַט ערשיינט ווירקליך אַלס פאַרטרעטער פון דער גאַנצער גע־זעלשאַפט — דאָס פאַרכאַפּען פון די פּראָדוקציאָנס־געצייג אין נאָמען פון דער געזעלשאַפט — איז אין דערזעלבער צייט אויך זיין לעצטער אומאָפּהענגיגער אַקט אַלס אַ שטאַט. ס׳איז מעהר ניט נויטיג דער שטאַט זאָל זיך אַריינמישען אין געזעלשאַפטליכע באַ־ציהונגען און האַנדלונגען. מ׳דאַרף ניט מעהר רעגירען פּערזאָנען, זאָנדערן פאַרוואַלטען זאַכען און אָנפיהרען די פּראָדוקציאָן פון לאַנד. דער שטאַט ווערט ניט „אָפּגעשאַפט“. ער שטאַרבט אָפּ“. — (פרידריך ענגעלס).

וועגען די געזעלשאַפטליכע קרעפטען, וואָס שטעהען הינטער די דאָזיגע פּאָליטישע פאָרמען פון די דריי היסטאָרישע עפּאָכען, וועגען וועלכע מיר רעדען דאָ, קאָן מען זאָגען, אַז די ערשטע (א) שטעלט

מיט זיך פֿאַר די הערשאַפֿט פֿון דער בורזשואַזיע, אָדער דעם קאַ־פּיטאַליסטישען קלאַס ; די דריטע (ג) — די העכסטע מוסטער־האַפֿטע געזעלשאַפֿט פֿון דורכאויס גלייכע, אָהן שום קלאַסען ; און די צווייטע (ב), די צווישענדיגע עפּאָכע, שטעלט מיט זיך פֿאַר די הערשאַפֿט פֿון דעם ארבייטער־קלאַס. מאַרקס און ענגעלס האָבען אָט דעם פּעריאָד פֿון דער הערשאַפֿט פֿונ'ם ארבייטער־קלאַס אָנ־גערופֿען מיט פֿאַרשידענע נעמען : אַמאָל „הערשאַפֿט", אַמאָל „מאַכט" און אַמאָל „רעגירונג". זיי האָבען עס אויך כאַראַקטערי־זירט אַלס די דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט, און די באָלשעוויקעס האָבען אויסגעקליבען דעם לעצטען אויסדרוק פֿאַר דעם פּאָליטישען נאָמען פֿון דעם איצטיגען רעוואָלוציאָנערען רעזשים אין רוסלאַנד.

א סך דעבאַטען זיינען ארויסגעקומען איבער דעם, צי דער נאָמען „דיקטאַטור" פּאַסט זיך פּינקטליך פֿאַר דער פּאָליטישער הערשאַפֿט פֿון דעם ארבייטער־קלאַס אין דעם איבערגאַנגס־פּעריאָד. גראַמאַטיקאַליש און היסטאָריש איז פֿאַראַן פֿיל צו צווייפֿלען אין דער ריכטיגקייט פֿון דעם נאָמען. קאַרל קאַוטסקי איז גענייגט צו גלויבען, אַז מאַרקס האָט ניט געהאַט בדעה צו נוצען איהם אין דעם אָנגענומענעם בוכשטעבליכען זין. וואָרים, אַז מ'זאָל איהם נעמען בוכשטעבליך, זאָגט קאַוטסקי, הייסט דיקטאַטור „די אויבערהער־שאַפֿט פֿון אַן איינציגער פּערזאָן, וואָס איז ניט געבונדען מיט קיין געזעצען, אַן אויבערהערשאַפֿ, וואָס אונטערשיידעט זיך פֿון אַ זעלבסטהערשאַפֿט מיט דעם, וואָס זי רעכענט זיך אַלס אַ פֿאַר־איבערגעהענדע תקופֿה, וועלכע איז נויטיג פֿאַר די אומשטענדען פֿון דער רגע, און ניט אַלס שטענדיגע אינסטיטוציע פֿון שטאַט." *)

אין זיין ענטפֿער צו קאַוטסקי'ן זאָגט לענין, אַז אפֿילו בוכ־שטעבליך הייסט ניט דיקטאַטור די הערשאַפֿט פֿון אַן איינציגער פּערזאָן (כאָטש איך גלויב, אַז ס'וואָלט איהם געווען שווער צו באַווייזען עס היסטאָריש), אָבער ער גיט אין עצם צו די וואָרהייט פֿון די איבריגע פּונקטען אין קאַוטסקי'ס באַהויפּטונג. לענין שלאָגט פֿאָלגענדעס פֿאַר אַלס אַ ריכטיגע מאַרקסיסטישע ערקלעהרונג פֿון דיקטאַטור : „דיקטאַטור איז אַ פֿאָלמאַכט, וואָס שטיצט זיך די־רעקט אויף גוואַלט, און איז ניט געבונדען פֿון קיין געזעצען. די

*) „די פּראָלעטאַריער רעוואָלוציאָן", לאָנדאָן, ז. 15.

רעוואָלוציאָנערע דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט איז אַ מאַכט, וואָס ווערט אויפגעהאַלטען פונ'ם פּראָלעטאַריאַט דורך גוואַלט־מיטלען איבער און געגען דער בורזשואַזיע, און איז ניט געבונדען פון קיינע געזעצען." *)

אַט די זייט פון דער ערקלעהרונג, וועלכע אי קאַוטסקי אי לענין נעמען אָן, אַז דיקטאַטור איז אַ מאַכט ניט קיין געבונדענע פון קיינע געזעצען, צייגט קלאָר, אַז דער נאָמען איז ניט פּינקטליך טעכניש צוגעפּאַסט צו דער הערשאַפט פון פּראָלעטאַריאַט. אַ רעדי געזעצען פון דער געשטירצטער בורזשואַזיע. דער רעזשים קאָן ענדערען די געזעצען, אָפּשאַפען זיי אָדער גאָר איגנאָנצען ניט נעמען זיי אין אַכט. ער קאָן און מאַכט טאַקע אַן אייגענעם שולחן־ערוך פון געזעצען, וואָס פּאַסען זיך צו צו די פאָדערונגען פון די אומשטענדען. דאָס ווערט געטאָן ענטוועדער דורך איינפיהרען געזעצען פון אַ געזעצגעבענדער קערפּערשאַפט אָדער דורך רעוואָלוציאָנערע אוקאַזען. אָבער ער געהט אָן מיט אַט דער ארבייט אויפ'ן גרונד פון זיינע אייגענע געזעצען, און ניט געגען אירגענד וועלכע געזעצען. יעדע וויכטיגע טאַט פון דער רעוואָלוציאָנערער סאָוויעט־רעגירונג אין רוסלאַנד שטיצט זיך אויף אַ דירעקטער אָדער אַן אונדירעקטער הסכמה פון עפּעס אַ געזעץ אָדער דעקרעט. ווען מען זאָגט, אַז אַ רעגירונגס־קלאַס איז ניט געבונדען פון קיין געזעץ, ווייל ער קאָן מאַכען און ענדערען דעם געזעץ, דאַן האָט דער דאָזיגער נאָמען קיין שום זין ניט, וואָרים יעדער הערשענדער קלאַס האָט דאָך אַזאַ מאַכט, קיין אונטערשייד צי די רעגירונגס־פאָרמע איז אַ דיקטאַטור אָדער אַ דעמאָקראַטיע.

די גראַמאַטיקאַלישע רעכטפערטיגונג אויף צו געברויכען אַ נאָמען אָדער אַן אויסדרוק איז אָבער נאָך אַלעמען ניט מעהר ווי אַ טעאָרעטישער אינטערעס. פאַר פּראַקטישע צוועקען קריגט אַ וואָרט אָן דעם טייטש און מיינונג וואָס ווערט איהם געגעבען פון די, וועלכע נוצען איהם. די ווערטערביכער זיינען אָבער פול מיט אָפּטייטשונגען פון ווערטער פונקט קאַפּויר פון זייער גראַמאַטיקאַלישען אורשפּרונג. מאַרקס און ענגעלס האָבען געברויכט דעם וואָרט „דיקטאַטור" אין באַצוג צו דער צייט פון פּאָליטישער הער־

*) „די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט", לאָנדאָן, ז. 43.

שאפט פונ'ם ארבייטער־קלאס ; די סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט דעם נאָמען אדאָפּטירט, און די רוסישע רעוואָלוציע האָט זיך מיט איהם באַנוצט, האָט איהם באַטאָנט און פּאָפּולאַריזירט. אַלזאָ, ניט אַכטענדיג אויף די ניט־פּינקטליכע גראַמאַטיקאַלישע ריכטיגקייט פונ'ם נאָמען, ווערט די געזעלשאַפטליכע אַנטוויקלונגס־שטופע, וואָס קומט מיט דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, אָנגערופען מיט פאַרשיידענע נעמען". פון געוויסע שטאַנדפּונקטען רופט מען עס דער „איבערגאַנגס־פּעריאָד" און דער „סאָציאַליסטישער שטאַט", און פון אַן אַנדער שטאַנדפּונקט ווערט עס גערופען די „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט". אין דעם זין קאָן דער פּעריאָד פאַר דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, וועלכער איז באַקאַנט אַלס קאַפּיטאַליזם אָדער „קאַפּיטאַליסטישער שטאַט", אויך כאַראַקטעריזירט ווערען אַלס די „דיקטאַטור פון קאַפּיטאַליסטען־קלאַס", און די גאַנצע תקופה פון דער סאָציאַלער אַנטוויקלונג קאָן באַטראַכט ווערען (א) אַלס קאַפּיטאַליסטישע דיקטאַטור, (ב) פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור, (ג) אַ קהל פון גלייכע אָהן שום קלאַסען.

די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט איז ניט דער קאָנטראַסט פון „דעמאָקראַטיע", ווי דאָס רוב מיינען עס. פון מאַרקסיסטישען שטאַנדפּונקט קאָנען זיי ביידע גראַילאַך הויזען צווישען זיך.

די בורזשואַזע פּראָפעסער פון לעהרביכער און ווערטערביכער ערקלעהרען געוועהנליך, אַז דעמאָקראַטיע איז אַ רעגירונג פון פאָלק, אָדער אַ פּאָליטישע סיסטעם, אין וועלכער די רעגירונג ווערט דירעקט געפיהרט פון פאָלק געמיינשאַפטליך. זאָגאַר קאַרל קאַוטסקי באַהויפּטעט, אַז דעמאָקראַטיע באַדייטעט, „די הערשאַפט פון דער מאַיאָריטעט און אויך אַ שוץ פאַר דער מינאָריטעט, ווייל דאָס מיינט גלייכע רעכט און אַ חלק אין די פּאָליטישע רעכט פאַר יעדען איינעם, צו וועלכען קלאַס אָדער פּאַרטיי ער זאָל ניט געהערען." *)

טעאָרעטיש איז די אָפּטייטשונג ריכטיג. דעמאָקראַטיע איז אַ סיסטעם פון פּאָליטישער און געזעצליכער גלייכהייט. אָבער אין דער פּראַקטיקע איז עס פאַלש, וואָרים עס קאָן ניט זיין קיין גלייכהייט, אפילו ניט אין פּאָליטיקע, צי פאַר'ן געזעץ, כל זמן עס עק־

*) „די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט", ז. 133.

ויסטירט הימעלשרייענדע אומגלייכהייט פון עקאָנאָמישער מאַכט. כל זמן דער הערשענדער קלאַס באַזיצט דאָס רעכט צו געבען די אַרבייטער באַשעפטיגונג; כל זמן ער באַזיצט די סקוהלס, די צייטונגען, און אַלע אָרגאַנען פאַר שאַפען און אויסדריקען די עפענטליכע מיינונג; כל זמן ער מאָנאָפּאָליזירט אַלע ערפאַהרענע טשינאָווניקעס און האָט די דעה איבער אומבאַגרענעצטע קאַפּיטאַלען צו באַאיינפלוסען די וואַהלען — כל זמן דאָס אַלעס עקזיסטירט, איז די רעכט־גלייכהייט מעהרסטענטיילס ניט מעהר ווי אַן אויגענבלענדעניש. כל זמן די געזעצען ווערען געמאַכט פון דעם הערשענדען קלאַס און די געריכטען ווערען געפיהרט פון מיטגלידער פון אָט דעם קלאַס; כל זמן די לאָיערס פאַרקויפען זייער קענטניס, פעהיגקייט און טאַלאַנט צו דעם, וואָס באַצאָהלט מעהר; כל זמן זיך משפט'ן קאָסט זעהר טייער און די פאָרמאַליטעט ווערט אָפּגעהיט מעהר ווי דער זין פון געזעץ, — איז די כלומר'שטע געזעצליכע גלייכהייט ניט מעהר ווי אַ ביטערער שפּאַס, אַ חוזק.

אין אַ קאַפּיטאַליסטישען רעזשים אַרבייט די גאַנצע מאַשין פון דער דעמאָקראַטיע מיט אַלע כחות אויפצוהאַלטען אין מאַכט די מינאָריטעט פון הערשענדען קלאַס דורך שטימרעכט פאַר דער מאַיאָריטעט פון אַרבייטער־קלאַס, און ווען די בורזשואַזע רעגירונג פיהלט זיך אין געפאַהר פון דעמאָקראַטישע אינסטיטוציאָנען, ווערען יענע אינסטיטוציאָנען אָפּט אונטערדריקט אָהן אַ האָר געוויסענביסע. צו באַשטעטיגען אָט די באַהויפּטונג קאָנען מיר אָנווייזען ניט בלויז אויף דער ווילקירליכער אונטערדריקונג פון אַלע איינגעאָרדענטע פּאָליטישע און לעגאַלע רעכט אין דער צייט פון אַ מלחמה־„נויטפאַל". אַלס אויסגעצייכענטער באַווייז קאָן דינען דאָס, וואָס מ'שאַפּט אָפּ די רעכט פאַר פרייע רעדע און פאַרזאַמלונגען דורך ערקלעהרען „קריגס־צושטאַנד" ווען נאָר עס ברעכט אויס אַ וויכטיגער אינדוסטריעלער קאַמף; וואָס מען אונטערדריקט דעם אַרבייטער'ס שריפטען; וואָס אין פרידליכע צייטען שליסט מען פון געזעצגעבענדע קערפּערשאַפטען אויס געהעריג־ערוועהלטע פאַרטרעטער פון אַרבייטער־קלאַס. דעמאָקראַטיע פאַרזיכערט ניט קיין „גלייכע רעכט און אַ חלק אין פּאָליטישע רעכט פאַר יעדען איינעם, צו וואָס פאַר אַ קלאַס אָדער פּאַרטיי ער זאָל ניט באַלאַנגען." בלויז די עקזיסטירענדע עקאָנאָמישע אומגלייכ־

הייטען קריגען ביי איהר א פרייען פּאָליטישען שוואונג. די דע־מאָקראַטיע פון יעדען סאָציאַלען רעזשים איז צוגעריכט צום צוועק אויפצוהאַלטען יענעם רעזשים. דעמאָקראַטיע אונטער קאַפּיטאַליזם איז אויף אזא אופן ניט קיין אַלגעמיינע אבסטראַקטע דע־מאָקראַטיע, נאָר א ספּעציפיש־בורזשואזע דעמאָקראַטיע, א דעמאָ־קראַטיע אינערהאַלב דער בורזשואזיע, אָדער, ווי לענין רופט איהר, דעמאָקראַטיע פאַר דער בורזשואזיע.

אויפ'ן זעלבען אופן איז א קלאַס־אינסטיטוציאָן אויך די אַר־בייטער־קלאַס־דעמאָקראַטיע, ד. ה. די סיסטעם פון פּאָליטישע און לעגאַלע רעכט פון דעם סאָציאַליסטישען (איבערגאַנגס) שטאַט. דאָס הייסט גלייכהייט אין די רייהען פון די פּראָדוצירער, דעמאָ־קראַטיע פאַר'ן ארבייטער־קלאַס. דאָס איז א באַשרענקטע פאַר־מע פון דעמאָקראַטיע, אָבער ס'איז א העכערע פאָרמע ווי די דע־מאָקראַטיע פון דער בורזשואזיע, ווייל דאָס מיינט די ווירקליכע הערשאַפט פון דער מאַיאָריטעט איבער דער מינאָריטעט, ווערענד די בורזשואזע דעמאָקראַטיע איז די הערשאַפט פון דער מינאָריטעט איבער דער מאַיאָריטעט.

אין טעכנישען זין איז דעמאָקראַטיע אויך א פאָרמע פון פּאָ־ליטישער מאַכט און די מאַכט ווערט אָנגעפיהרט געגען א קלאַס פון פאָלק. „דעמאָקראַטיע", זאָגט לענין, איז א שטאַט, וועלכער אַנערקענט די אונטעראָרדנונג פון דער מינאָריטעט צו דער מאַיאָ־ריטעט, דאָס הייסט אַן אָרגאַניזאַציאָן, וואו איין קלאַס, איין טייל פון דער באַפעלקערונג זאָל פּלאַנמעסיג געברויכען געוואַלדטאַטען געגען צווייטען קלאַס, געגען דער אַנדער טייל פון דער באַפעל־קערונג." *)

בלויז ווען אַלע קלאַסען־אונטערשיידען וועלען פאַרשווינדען אין דער ריינער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, וועט הערשען ווירק־ליכע גלייכהייט, פּאָליטישע און עקאָנאָמישע, און לויט ווי מ'קאָן זיך משער זיין וועט די מיטגלידער פון יענער געזעלשאַפט וועניג אַרען צי זייער סאָציאַליסטישע רעפּובליק וועט זיך רופען דעמאָ־קראַטיע, צי ניט.

---

*) „דער שטאַט און רעוואָלוציאָן", לאָנדאָן, 1919, ז. 85.

קאַפּיטעל 7.

די באַשעפּטיגונג פון דער קאָמוניסטישער דיקטאַטור

די סאָציאַליסטען פון דעם פּעריאָד פאַר דער מלחמה האָבען אַרויסגערעדט דעם אויסדרוק „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט", באַטאָנענדיג דעם וואָרט „פּראָלעטאַריאַט" מעהר ווי דעם וואָרט „דיקטאַטור". מ'האָט גערעכענט, אַז די הויפּט־אַרבייט פון דעם סאָציאַליסטישען שטאַט דאַרף זיין ניט צו ענדערען די רעגירונגס־מעטאָדען, נאָר אַרויפצוזעצען אַ נייעם רעגירונגס־קלאַס אויפ'ן אָרט פונ'ם אַלטען.

דער נאָמען „פּראָלעטאַריאַט", וואָס מאַרקס און ענגעלס האָבען געגעבען דעם „קלאַס פון מאָדערנע אַרבייטער, וועלכע האָבען ניט קיין פּראָדוקציאָנס־מיטלען (מאַשינען) און זיינען דעריבער געצוואונגען צו פאַרקויפען זייער אַרבייטס־קראַפט אום צו לעבען" *) — איז ברייט אויסגעטייטשט געוואָרען אַריינצונעמען דעם גאַנצען קלאַס לוין־אַרבייטער, וואָס בילדען מיט זיך די גרויסע מאַסע פון דער באַפעלקערונג אין אַלע לענדער מיט הויכער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג. „די פּראָלעטאַרישע באַוועגונג איז די ציעל־באַוואוּסטע, אומאָפּהענגיגע באַוועגונג פון דער אומגעהויערער מאַיאָריטעט", באַהויפּטעט דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט.

אַזאַ סאָרט פּראָלעטאַרישער רעזשים שטעלט מיט זיך פאָר אַן איינהייטליכע, גלייכאַרטיגע הערשאַפט, וועמענס פּאָליטישע מאַכט האַלט זיך אויפ'ן פעסטען גרונט פון אַ גרויסער, שטאַרקער מאַיאָריטעט, ווי אויך אויף איהר גייסטרייכען, ערהאַבענעם אידעאַל.

די רוסישע רעוואָלוציע האָט גלייך פון סאַמע אָנפאַנג זיך אָנגעטראָפען מיט אַ גאַנץ אַנדערע, שווערערע און ווידערשפּרעכענדע סיטואַציאָן. אַלס אַ פּאָליטישע רעוואָלוציע צו זיגען און אָנצוהאַלטען די מאַכט האָט זי געדופט אויף דער דויערענדער שטיצע פון דער מאַיאָריטעט פון דער באַפעלקערונג. אַלס אַ סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע איז זי באַאַבזיכט געוואָרען איינצוזוריכטען די הערשאַפט פון דעם פּראָלעטאַריאַט. אָבער דער פּראָלעטאַריאַט איז

---

*) אין די אָנמערקונגען צו סעמועל מור'ס (ענגלישע איבערזעצונג פון דעם „קאָמוניסטישען מאַניפעסט".

געוועזן בלויז א קליינע מינאָריטעט פון פאָלק, איז אום אויפצו־האַלטן זיין הערשאַפט, האָט דער פּראָלעטאַריאַט געמוזט זיך פאַראייניקן מיט א גרעסערער ניט־פּראָלעטארישער קלאַס. אזא קלאַס איז אַנטדעקט געוואָרן אין דעם „אָרימען פויער", וועמענס עקאָנאָמישער צושטאַנד איז ערקלערט געוואָרן פאר „האַלב־פּראָ־לעטאַריש". א רעוואָלוציאָנערע פאַראייניקונג פון די ארבייטער מיט די פויערים איז מעגליך געוואָרן צוליב דעם ספּעציפיש־רו־סישן צושטאַנד פון דעם שאַרפן הונגער אויף דער ערד צווישן די פויערים און דורך א „שטומען" קאָמפּראָמיס, לויט די באַדינ־גונגען פון וועלכע די ערד איז צעטיילט געוואָרן צווישן די פויערים אַלס זייער אינדיווידועלע אייגענטום, ווערענד די אינ־דוסטריען זיינען פון די שטאָדטישע ארבייטער איבערגענומען גע־וואָרן אַלס געמיינשאַפטליכער אייגענטום. ווען די רעוואָלוציע האָט דערגרייכט דעם צווייזייטיקן צוועק פאר ביידע צדדים, האָט דער בונד צווישן די אינדוסטריעלע ארבייטער און די קליינע פויערים־אייגענטימער זיך געהאַלטן אויף א וואַקעלדיקן, ניט־שטאַנדהאַפטן פונדאַמענט. עס האָט איהר געפעהלט געזעלשאַפט־ליכע גלייכאַרטיגקייט און עקאָנאָמישע איינהייטליכקייט. די פּסי־כאָלאָגיע און דער גייסיגער הויך פון דעם פויער זיינען אנדערש ווי ביים שטאָדטישן ארבייטער, און זייערע מאַטעריעלע אינטע־רעסן זיינען אָפט אין געגענזאַץ איינע צו די אַנדערע. כל זמן ס'וועלן נישט אינגאַנצן סאָציאַליזירט ווערן אי די שטאָדטישע אינדוסטריען און אי די דאָרפישע ערד־באַארבייטונג, וועלן די באַציהונגען צווישן די צוויי קלאַסן זיין אזוי ווי צווישן פּראָ־דוצירער און פאַרברויכער: די פויערים זוכן צו קריגן וואָס מעהר פאַבריצירטע ארטיקלען פאר וואָס ווייניגער שפּייז און רויהען מאַ־טעריאַל, און די אינטערעסן פון די שטאָדטישע ארבייטער זיינען פונקט פאַרקערט — צו קריגן וואָס מעהר תבואה און רויהען מאַטעריאַל פאר וואָס ווייניגער פאַבריק־ארטיקלען.

איז דעריבער נויטווענדיג געווען צו אַנטוויקלען א נייע קראַפט צו פאַראייניגן און צוזאַמענבינדען אָט די צוויי מאַכטהאָבענדע קלאַסען, און אזא קראַפט האָט מען געפונען אין דער קאָמוניסטי־שער פּאַרטיי.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון רוסלאַנד שפּילט אַ זאָנדערבאַרע ראָלע אין דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג פון לאַנד. זי באַשטעהט אַן ערך פון 600,000 מיטגלידער, צווישען וועלכע עס געפינען זיך כמעט אַלע סאָוויעט־באַאַמטע, ציווילע און מיליטערישע, נאַציאָנאַלע און לאָקאַלע; שטעלט זי דעריבער מיט זיך פאָר די סאַמע באַוואוסטזיניגע, טעטיגסטע און פאַרטרויענסווערטסטע אָרגאַניזירטע שטיצע פון דער רעוואָלוציע. די קאָמוניסטען פאַלט אויס די שווערסטע און געפעהרליכסטע מלאכות, אָבער דערפאַר קריגען זיי אומבאַשרענקטע הערשאַפט. די מאַכט פון די קאָמוניסטען איז געוואַקסען ביסלעכווייז, כמעט אומבאַמערקט. איצט האָבען זיי פולע מאַכט איבער אַלץ און דאָס ווערט אָפען אַנערקענט. דער צווייטער קאָנגרעס פון דעם קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל (פּעטראָגראַד־מאָסקווע, 19טען יולי ביז'ן 7טען אויגוסט, 1920) האָט אָפען פּראָקלאַמירט דער פּאַרטיי'ס אויבערמאַכט איבער אַלע אָפיציעלע רעגירונגס־אינסטיטוציעס.

„די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד", ווערט געזאָגט אין דער פּלאַטפאָרמע־רעזאָלוציאָן, וואָס איז אָנגענומען געוואָרען פון יענעם קאָנגרעס, „האָט אַרויסגעבראַכט צום פאָדערגרונט די פונדאַמענטאַלע פאָרמע פון אַרבייטער־דיקטאַטור, ד. ה. דעם סאָוויעט. אין דער נאָהענטער צוקונפט וועט זיך אײַנשטעלען פאָלגענדע צעטיילונג: ערשטענס, די פּ א ר ט י י; צווייטענס, די סאָוויעטען; און דריטענס, די שאַפענדע יוניאָנס. אָבער די אַרבייט אין די סאָוויעטען און אין די רעוואָלוציאָניזירטע שאַפענדע יוניאָנס מוז תמיד און סיסטעמאַטיש אָנגעפיהרט ווערען פון דער פּאַרטיי פונ'ם פּראָלעטאַריאַט, ד. ה. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי." *)

און ווידער: „די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז דער הויפּט און פונדאַמענטאַלער אינסטרומענט פאַר דער באַפרייאונג פון אַרבייטער־קלאַס".

---

*) איך ציטיר פון אַן עטוואָס מאָדנעם קוואַל — אַ פּאַמפלעט מיט'ן נאָמען „דער צווייטער קאָנגרעס פון קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל. ווי ס'איז באַריכטעט און פאַרטייטשט אין די אָפיציעלע צייטונגען פון סאָוויעט־רוסלאַנד", אַרויסגעגעבען פון סטייט־דעפּאַרטמענט אין וואַשינגטאָן, ד. ס.; אָבער ניט אַכטענדיג אויף דעם „פאַרטרויענסווערטען" כאַראַקטער פון דער אויסגאַבע, האָט דער דאָקומענט אַלע סימנים פון אמת'קייט.

פאר דעם זעלבען קאָנגרעס האָט ג. זינאָוויעוו אין א רעדע ערקלעהרט, וואָרום די קאָמוניסטישע פארטיי קריגט אָט די אוי־בערמאכט. איך נעם פון דער רעדע ארויס פאָלגענדען אויסצוג:

„עס איז אמת, אז איינינע לייטע זאָגען אמאָל אזוי ווי קאוט־סקי: „אין רוסלאנד איז דאָ א דיקטאטור ניט פון דעם ארבייטער־קלאס, נאָר א דיקטאטור פון א פארטיי“. זיי מיינען, אז דאָס איז פאר אונז א פאָרוואורף. עס הויבט זיך גאָר ניט אָן. מיר האָבען א דיקטאטור פונ'ם ארבייטער־קלאס, און פאָלגליך אויך א דיק־טאטור פון דער קאָמוניסטישער פארטיי. די דיקטאטור פון דער קאָמוניסטישער פארטיי איז פשוט א פונקציע, א צייכען פון דעם אויסדרוק פון דער דיקטאטור פונ'ם ארבייטער־קלאס. וואָס איז אין דער אמת'ן אונזער פארטיי? מ'דארף עס ניט צוזאמענ־מישען מיט אנדערע פארטייען, וואָס באשטעהען פון אדוואָקאטען. אין אונזער פארטיי געהען אריין זעקס־זיבען הונדערט טויזענד פון די בעסטע ארבייטער; דאָס איז די פאָרטגעשריטענסטע אָפטיילונג פונ'ם פראָלעטאריאט. און ס'איז דאָך קלאָהר, אז די געשעפטען פונ'ם ארבייטער־קלאס ווערען געפיהרט פון די בעסטע פאָרשטעהער זיינע. איז אויף דעם אופן איינצייטיג איינגעריכטעט געוואָרען די דיקטאטור אי פון דעם פראָלעטאריאט, אי פון דער קאָמוניס־טישער פארטיי. דאָס רעכט צו קאָנטראָלירען די פארשיידענע אָרגאניזאציעס געהערט דער פארטיי. און אזוי דארף עס טאקע זיין אין צייט פון א פראָלעטאריער־רעוואָלוציע.“

וועהרענד זינאָוויעוו פארלייכטערט עס און שטעלט אוועק אויף א גלייכען גראד דעם פראָלעטאריאט און די קאָמוניסטישע פארטיי, שרייבט דער מעהר־אויסגעשפראָכענער בוכארין אין דער „פראוודא“ פון 3טען אויגוסט, 1920:

„אָבער אויב עס איז קלאָהר, אז די רעוואָלוציע איז א ביר־גער־קריג, אז דאָס איז א באוואפענטער קאמף פון די ארבייטער געגען דער בורזשואזיע, דאן איז אויך גאנץ קלאָהר, אז דער אר־בייטער־קלאס, פונקט ווי א מלחמה־פיהרענדע לאנד, מוז האָבען א פעסט־פאראייניגטען אוואנגארד, מיט א מיליטערישער דיסציפּלין, מיט א מיליטערישען שטאב אָנצופיהרען דעם קאמף, און אלע מוזען זיין אונטערוואָרפען צו דעם שטאב. אזא אוואנגארד איז די פארטיי.“

די באַשעפטיגונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אַלס דער קאָנטראָלירענדער טייל פון דער רוסישער רעוואָלוציע, ווערט ער־קלעהרט אין דער פּלאַטפאָרמע־רעזאָלוציע, איז צו דינען גלייך די אינטערעסען פון דעם עקאָנאָמישען, פּאָליטישען און קולטורעלען קאַמף פון דעם גאַנצען אַרבייטער־קלאַס.

די פּרינציפּען־ערקלעהרונגען, וואָס זיינען פאָרגעשלאָגען גע־וואָרען דעם קאָנגרעס, אַנטהאַלטען אַ מעהר־דירעקטע אַנדייטונג אויף איינעם פון די פּראַקטישע נוצען פון דער פּאַרטיי:

„די געשיכטע פון דער רוסישער רעוואָלוציע ווייזט אונז, אַז אין אַ געוויסען מאָמענט געהען די סאָוויעטען געגען דער פּראָ־לעטאַריער־פּאַרטיי און העלפען די באַדינער פון דער בורזשואַזיע. אום די סאָוויעטען זאָלען ערפילען זייער היסטאָרישע מיסיאָן, איז נויטיג אַ קאָמוניסטישע פּאַרטיי, וואָס איז שטאַרק גענוג ניט „צו־צופּאַסען" זיך צו די סאָוויעטען, נאָר אויסצואיבען אויף זיי אַן אַנטשידענעם איינפלוס, צו צווינגען זיי ניט צוצופּאַסען זיך צו דער בורזשואַזיע און דער אָפיציעלער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע." *)

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז הויפּטזעכליך אַ פּאַרטיי פון אינדוסטריעלע אַרבייטער. דער פּראַקטישער צוועק פון איהר איינ־אַרטיגקייט איז: 1) איינצוריכטען די הערשאַפט פון דעם פּראָלע־טאַריאַט אין דער פּאָליטישער שותפות פון דעם פּראָלעטאַריאַט און דעם פּויערטום; 2) צו באַפעסטיגען די הערשאַפט פון די קאָמו־ניסטען אין די רייהען פון דעם פּראָלעטאַריאַט.

„די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז די הויב־מאַשין פון דער פּאָ־ליטישער אָרגאַניזאַציע, דורך וועלכער דער פּאָרטגעשריטענער טייל פון אַרבייטער־קלאַס פיהרט אויפ'ן ריכטיגען וועג די מאַסע פונ'ם פּראָלעטאַריאַט און האַלב־פּראָלעטאַריאַט." *)

די דיקטאַטור, אַלזאָ, וואָס האַנדעלט אין נאָמען פון גאַנצען אַרבייטער־קלאַס און אַלע אָרימע פּויערים, ווערט גאָר אין דער ווירקליכקייט פאַרוואַנדעלט אין דער הערשאַפט פון אַן אָרגאַניזאַ־

---

*) ציטירט אין בערטראַנד ראַססעל'ס „באָלשעוויזם: פּראַקטיקע און טעאָריע", ז. 73.

*) „פּלאַטפאָרמע רעזאָלוציאָן פון צווייטען קאָנגרעס פון קאָמוניס־טישען אינטערנאַציאָנאַל".

ציאָן, וועלכע באַשטעהט פון 600,000 אינדוסטריעלע ארבייטער פון איין פּאָליטישער סעקטע.

די מעטאָדע צו האַלטען דעם רעגירונגס־איינפלוס אונטער׳ן קאָנטראָל פון אַ פּארטיי, איז ניט דוקא קיין רוסישע (אַלע מאָדערנע רעגירונגען זיינען פּארטיי־רעגירונגען). אָבער דער הויפּט אונטער־שיד צווישען דער מאָדערנער ארבייטער־קלאַס פּארטיי אין „מערב" און די קאָמוניסטישע פּארטיי אין רוסלאַנד, איז וואָס די ערשטע איז אין דער ווירקליכקייט אָפט טאַקע פון דעמזעלבען שניט ווי דער ארבייטער־קלאַס און איז שטענדיג אָפען פאר׳ן גאַנצען קלאַס, און די קאָמוניסטישע פּארטיי איז אַ פארשלאָסענע קערפּערשאַפט, אַ קלאַס אין אַ קלאַס.

דער אויסשליסליכער כאַראַקטער פון דער פּארטיי ווערט אָפיציעל צוגעגעבען און גערעכטפערטיגט אין פאָלגענדען אבזאַץ פון דער פּלאַטפאָרמע־רעזאָלוציע פון קאָמוניסטישען אינטערנאַ־ציאָנאַל:

„כל זמן דער פּראָלעטאַריאַט האָט ניט באַזיגט די רעגירונגס־מאַכט, כל זמן דער פּראָלעטאַריאַט האָט ניט איינמאָל פאר אַלע מאָל פעסטגעשטעלט זיין הערשאַפט און האָט ניט געזיכערט דעם ארבייטער־קלאַס געגען אַ מעגליכקייט פון אַ בורזשואַזער צוריק־קעהרונג צו מאַכט, וועט די קאָמוניסטישע פּארטיי על־פּי דין האָבען אין איהרע רייהע בלויז אַ מינאָריטעט פון די ארבייטער. ביז וואַנען מ׳וועט פאַרכאַפּען די רעגירונגס־לייצעס, און אויך אין דעם איבער־גאַנגס־פּעריאָד, קאָן די קאָמוניסטישע פּארטיי אין גינסטיגע אומ־שטענדען אויסאיבען אינגאַנצען איהר פּאָליטישען און געדאַנקען־איינפלוס אויף אַלע פּראָלעטאַרישע און האַלב־פּראָלעטאַרישע שיכטען פון דער געזעלשאַפט, אָבער זי קאָן זייערע רייהען נישט צוזאַמענברענגען אויף אַן אָרגאַניזירטען אופן. בלויז נאָכדעם ווי די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור וועט אוועקנעמען ביי דער בורזשואַ־זיע אַזעלכע מעכטיגע איינפלוס־וואָפען, ווי די פּרעס, די שוהל, דער קלויסטער, דער פּאַרלאַמענט, דער רעגירונגס־אַפּאַרט, א. אז. וו.; בלויז נאָכ׳ן ענדליכען צוזאַמענברוך פון דער בורזשו־אַזער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג, וועט יעדער איינער קלאָר דער־זעהן (אַז מ׳דאַרף מעהר ניט קיין פּאָליטישע פּארטייען — מ. ה.). בלויז דאַן וועלען אַלע, אָדער כמעט אַלע, ארבייטער נעהמען אריינ־

טרעטען אין די רייהען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי."

אין דעם פּלאַן פון דער רוסישער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט פיהרט, אַלזאָ, די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אויס די ראָלע פון א פּאָליטישען אַפּטרופּוס פאַר'ן גאַנצען פּראָלעטאַריאַט און דעם אָרימען פּויערטום. דאָס איז די הערשאַפט פון א מינאָריטעט, וואָס ווערט, אמת, אויסגעאיבט אין נאָמען און פאַר די אינטערעסען פון א מאַיאָריטעט, אָבער דער מינאָריטעט און ניט דער מאַיאָריטעט ווערט ערלויבט אויסצוטייטשען און באַשטימען אָט די אינטערעסען.

אַלזאָ, די הויפּט כאַראַקטער־שטריכען פון דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, לויט'ן רוסישען באַגריף, זיינען : די אייגענאַרטיגע עובדא און דער צוזאַמענזאַץ פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און איהר אַלערהעכסטע פּאָליטישע הערשאַפט. מיט וואָס נאָך פאַר א כאַראַקטער־שטריכען צייכענט זי זיך אויס ?

די טעאָרעטיקער פון דער רוסישער רעוואָלוציע שטימען צווישען זיך ניט איינגאַנצען איין אויף אָט דעם העכסט־וויכטיגען פּונקט און ניט אַלע מאָל זיינען זיי אויסגעהאַלטען מיט זיך אַליין. די מיינונגען פון די באָלשעוויקעס שיינען גרעסטענטיילס צו זיין, אז א חוץ דעם קאָנטראָלירענדען איינפלוס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי זיינען די אַנטשיידענע שטריכען פון דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט — דער סאָוויעט, אַלס איהר פּאָליטישע פאָרמע, און דער „טעראָר" (אין דער ברייטסטער באַדייטונג פונ'ם וואָרט) אַלס איהר וואָפע.

אָט דער באַגריף איז באַגרינדעט אויף די היסטאָרישע ערפאַהרונגען פון דער רוסישער רעוואָלוציע. די פאָרמע און טאַקטיק פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָט זיך אויסגעאַרבייט טיילווייז פון די ספּעציפישע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע באַדינגונגען, וואָס האָבען עקזיסטירט אין רוסלאַנד נאָך דער מלחמה, און טיילווייז אונטער'ן דרוק פון די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע פאַרשווערונגען פון דער רוסישער בורזשואַזיע, די באַוואַפענטע אַטאַקעס און דער עקאָנאָמישער בלאָקאַדע פון אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטישע מעכטע, וואָס זיינען אָנגעפיהרט געוואָרען געגען איהר ניט ווייל זי איז געווען א רוסישע רעוואָלוציע, נאָר ווייל זי איז געווען א פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע.

עס איז פון דער העכסטער וויכטיגקייט פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג צו באַשטימען, אויב מעגליך, ביז אַ וואָסער גראַד זיינען די דאָזיגע פאָרמען און טאַקטיק אַרויסגערופען געוואָרען פון די אייגענטימליכע רוסישע קאָנדיציאָנען און ווי ווייט זיי זיינען אומפאַרמיידליך אין יעדען רעזשים פון פּראָלעטאַריער־דיקטאַטור.

קאַפּיטעל 8.

סאָוויעטען אָדער אַ פּאַרלאַמענט?

דער מאַניפעסט פונ׳ם עקזעקוטיוו קאָמיטעט פון קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען דעם 1טען סעפּטעמבער, 1919, פּראָקלאַמירט, אַז: „די אַלגעמיינע פּאַראייניגענדע פּראָגראַם אין איצטיגען מאָמענט איז די אַנערקענונג פון דעם קאַמף פאַר דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט אין דער פאָרמע פון סאָוויעט־מאַכט.“

די פּלאַטפאָרמע־רעזאָלוציאָן פון צווייטען קאָנגרעס פון קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל כאַראַקטעריזירט דעם סאָוויעט אַלס „די הויפּט־פאָרמע פון דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, וואָס די געשיכטע האָט אַרויסגעבראַכט“, און ערקלעהרט, אַז די „פּראָלעטאַריער־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָט אַרויסגעשטופּט צום פאָדערגרונט די פונדאַמענטאַלע פאָרמע פון אַרבייטער־דיקטאַטור, ד. ה. דעם סאָוויעט.“

אין זיין „פּראָגראַם פון די קאָמוניסטען“ שרייבט בוכארין:

„ביז איצט, ביז דער רוסישער רעוואָלוציע פון 1917, איז פיל געשריבען געוואָרען וועגען דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. אָבער קיינער האָט נישט געוואוסט פונקט ריכטיג ווי אַזוי די דיקטאַטור וועט פאַרווירקליכט ווערען. די רוסישע רעוואָלוציע ווייזט וואָס פאַר אַ פאָרמע די דיקטאַטור וועט אָננעמען: דאָס איז די פאָרמע פון דער סאָוויעט-רעפּובליק. צוליב אָט דער אורזאַכע טראָגען די פאָהנען פון דער פאָדערשטער רייהע פון אינטערנאַציאָנאַלען פּראָלעטאַריאַט דעם אויפשריפט: „אַ סאָוויעט־רעפּובליק, די גאַנצע מאַכט צו די סאָוויעטען“. צוליב דער אורזאַכע איז אונזער אויפגאַבע איינצופיהרען די סאָוויעט-מאַכט איבער דער גאַנצער וועלט.“

און ווידער:

„פריהער פון אלץ האט די רוסישע רעוואלוציע געלייזט די פראגע וועגען דער פארמע פון דער דיקטאטור. זי האט געלייזט די פראגע, וואס אזוינס זאל זיין די מאכט פון פראלעטארישען שטאאט. די סאוויעטען, די סאוויעט־מאכט — דאס איז די פארמע וואס איז געבארען געווארען פון אונזער רעוואלוציע. פון אנפאנג האט מען נאך געקאנט אפשר דענקען, אז די סאוויעטען זיינען א ספעציפיש־רוסישער פראדוקט. אבער די ווייטערע ערפאהרונגען פון מערב־אייראפא האבען באוויזען, אז דאס איז די אלגעמיינע פארמע וואס איז איינגעווארצעלט אין די הויפט־באדינגונגען פון דעם קאמף פון די ארבייטער געגען דער בורזשואזיע. און אלע די, וואס פארטיידיגען די דיקטאטור פון פראלעטאריאט, מוזען טאקע צוליב אט דער אורזאכע שטיצען די סאוויעט־מאכט.*)

אויף דער האלע־קאנווענשאן פון די אומאפהענגיגע סאציא־ליסטען פון דייטשלאנד, אין אקטאבער, 1920, האט זינאוויעוו אין א רעדע אויסגעדריקט דעמזעלבען געדאנק מיט פונקט אזוי פיל קראפט:

„גלאט ווערטער, וואס ווערען גערעדט מיט'ן מויל און ניט געמיינט מיט'ן הארצען", זאגט ער, „הערען מיר גאנץ אפט. אבער האט עס ניט קריספיען ערקלעהרט, ריידענדיג מיט לעגינ'ען: „נו, איז די דיקטאטור עפעס א נייע זאך? איז עס שוין ניט ארויס־געשטעלט געווארען אין דער ערפורטער פראגראם?"... א דיק־טאטור פון פראלעטאריאט אין דעם זין פון דער ערפורטער פרא־גראם האט קיין שום באדייטונג ניט... א דיקטאטור אין יענעם זין וועט, פארשטעהט זיך, אונטערשטיצט ווערען פון אלע מענשעווי־קעס. איצט איז אבער די פראגע וועגען דער ממשות'דיגער דיק־טאטור פון פראלעטאריאט, וועגען דער פארמע, וועלכע מיר האבען ניט „אויסגעזויגען פון פינגער", זאנדערן וועגען דער היסטארישער פארמע פון דער דיקטאטור פון פראלעטאריאט, וואס דער אינטערנאציאנאלער ארבייטער־קלאס האט באשאפען, ד. ה. די סאוויעטען."

---

*) פון ארטיקעל „וואס איז ניי אין דער רוסישער רעוואלוציאן", סאוויעט־ראשיא מעגעזין, ניו־יארק, 12טען פעברואר, 1921.

ווייטער אין זיין רעדע קוקט אויס, אז ער מאכט מילדער זיין באהויפּטונג, ווייל ער זאָגט: „אויב דער דייטשער ארבייטער־קלאַס וועט שאַפן אַן אַנדער פאָרמע, וועלען מיר עס אויפנעמען מיט פרייד, וואָרים מיר האָבען שטענדיג געזאָגט, אַז ס'מוז ניט זיין אַלץ פונקט ווי ס'איז אין רוסלאַנד, און די אַרבייטער אין אַנדערע לענדער וועלען אפשר אויפטאָן בעסער פון אונז". דאָס איז אָבער ניט קיין הנחה, זאָנדערן גיכער אַן אויפפאָדערונג, ווייל גלייך נאָכדעם באַמערקט ער: „אָבער פאָרלויפיג איז די סאָוויעט־רעגירונג די היסטאָריש־אַנטוויקעלטע פאָרמע פון דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט." *)

פון דער אַנדער זייט, ווידער, אין זיין „בריף צו די אַמעריקאַ־נער אַרבייטער" (ניו־יאָרק, 1918) באַשרייבט לענין דעם סאָוויעט אַלס „אַ באַזונדער פאָרמע פון דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט", און דער עקזעקוטיוו קאָמיטעט פון קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָ־נאַל אין זיין ענטפער צו דער „אינדעפּענדענט לייבאָר־פּאַרטי" פון ענגלאַנד, נעמט וועגען דעם ענין אַן אַ ניט־אַהער־און־ניט־אַהין שטעלונג.

„אונזערע ענגלישע חברים, ווערט דאָ געזאָגט, ווילען וויסען וואָס נאָך פאַר אַ סאָרטען פאָרמען פון סאָוויעט־רעגירונג זיינען מעגליך אין אַנדערע לענדער. אויף דעם קאָנען מיר קיין באַשטימ־טעם ניט זאָגען. מ'דאַרף צוגעבען, אַז טעאָרעטיש איז פאַראַן די מעגליכקייט פאַר ניין וואַריאַציאָנען פון רעגירונגס־פאָרמען לויט די פאַרשידענע עקאָנאָמישע בנינים פון פאַרשידענע לענדער אין דער צייט פון אַ רעוואָלוציע. מען מוז, פונדעסטוועגען, זאָגען, אַז די ביז־איצטיגע ערפאַהרונג פון דער אַנטוויקלונג פון דער רעוואָ־לוציע האָט נאָך ניט געגעבען קיין סימנים פאַר דער פאַרווירקליכונג פון דער טעאָריע. די מיינונג פון דעם קאָמוניסטישען אינטערנאַ־ציאָנאַל איז, אַז ס'איז ניט זיין עסק אָנצוצייגען די פּינקטליכע פאָרמע פון דער אַנטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע.*)

*) א. ס. פּ. ד. פּראָטאָקאָל איבער די פאַרהאַנדלונגען דעם אויסער־אָרדענטליכען פּאַרטייטאַגעס אין האַללע", בערלין, 1920, ז. 155.

*) די א. ל. פּ. און דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל, לאָנדאָן, 1920, ז. 44.

איז דער סאָוויעט די „היסטאָריש־אנטוויקעלטע פאָרמע“ פון סאָציאַליסטישען שטאַט, אָדער אפשר קאָן אזא שטאַט פונקט אזוי גוט אָנגעפיהרט ווערען פון א מאָדיפיצירטער פאָרמע פון א פארלאַמענטאַרישען רעזשים?

דער פּאַרלאַמענט, ווי ער עקזיסטירט ביי היינטיגען טאָג, איז דורכאויס ניט־צוגעפּאַסט צו דינען אלס אינסטרומענט צו פאַרוואַנדלען דעם קאַפּיטאַליסטישען שטאַט אין א קאַפּיטאַליסטישער רעפּובליק. די אינסטיטוציאָן פון שטאַט, אמת, האָט שוין עקזיסטירט נאָך פאַר דער הערשאַפט פון קאַפּיטאַליסטישען קלאַס, אָבער אָט דער קלאַס האָט אין זיין לאַנגער פּאָליטישער הערשאַפט אזוי גרינדליך געענדערט זיין באַשעפטיגונג און פאָרמע, אז א מאָדערנער פּאַרלאַמענטאַרישער רעזשים זעהט הויפּטזעכליך צו באַשיצען און פאַרלענגערען די הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע. דער עקאָנאָמישער לעבען פון א פאָלק, די פאַרוואַלטונג פון זיינע אינדוסטריען און די פאַרטיילונג פון דער פּראָדוקציאָן ווערט אין א קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט כמעט אינגאַנצען איבערגעלאָזען צו פּריוואַטער אונטערנעהמונג. די רעגירונג איז ווייניג פאַראינטערעסירט אין דעם געביט, איהר באַשעפטיגונג איז גרעסטענטיילס א פּאָליטישע. זי קוקט אויף די מיטגלידער פון דער קהלה ניט ווי אויף שאַפער און פאַרברויכער פון סחורות, נאָר ווי אויף „בירגער“ אין אַלגעמיינעם אבסטראַקטען זין. לויט דעם בליק איז די פאַרטרעטערשאַפט אין פאַרלאַמענטען געגרינדעט אויף פּאָליטישע ליניען און געאָגראַפישע וואַהל־קערפּערשאַפטען.

דערצו האָט דער מאָדערנער קאַפּיטאַליסטישער שטאַט די דאָפּעלטע אויפגאַבע אויפצוהאַלטען דעם אויסערליכען אויסזעהן פון פּאָליטישער גלייכהייט און אין דערזעלבער צייט באַוואָרענען די ממשלה פון הערשענדען קלאַס, און זיין פאַרלאַמענטאַרישער רעזשים איז באַאבזיכטיגט צום אַלעם ערשטען גלאַט אָפּצוטאָן די דאָזיגע דעליקאַטנע שטיקעל אַרבייט.

די סיסטעם „פון וועקסלען און באַלאַנסען“, מיט וועלכער עס שטאָלצירט אזוי די פאַרלאַמענטאַרישע אינסטיטוציאָן, בעזאָנדערס אין די לענדער פון דער אנגלאָ־זאַקסישער ציוויליזאַציאָן, איז א ביטרע־אויסגעטראַכטער פּלאַן צו האַלטען אונטערדריקט דעם ווילען און מאַכט פון די מאַסען, ד. ה. דעם אַרבייטער־קלאַס, און די פּאָ־

ליטישע מאַכט זאָל בלייבען אויפ'ן זייט פון די רעגירענדע קלאַסען.

דורך דער ווירקונג פון דער דאָזיגער סיסטעם פאַרלירט איהר גאַנצע קראַפט די „אונטערשטע הויז" פון פאַרלאַמענט, וואָס איז ערוועהלט פון אַ פאָלקס־אָפשטימונג. די „אויבערשטע הויז" איז געצילט צו דינען אַלס „קאָנסערוואַטיווע", צוימענדע השגחה איבער די פאָרשטעהער פון זיין מאַיעסטעט דאָס פאָלק. די מיטגלידער פון דער „הויז" זיינען אַריסטאָקראַטען בירושה, ווי למשל אין ענגלאַנד, צי אין איטאַליען, אָדער ערוועהלטע אויפ'ן גרונד פון אונדירעקטער שטימרעכט, ווי אין פראַנקרייך, אָדער ערוועהלטע פון אומגלייכע וואַהל־קערפּערשאַפטען, ווי אין די פאַראייניגטע שטאַטען; און אין דאָס רוב לענדער קריגט די „אויבערשטע הויז" דיזעלבע גזעצגעבענדע מאַכט ווי די פאָלקס־ערוועהלטע „הויז".

אויב עס טרעפט שוין אַמאָל, אַז אַ „ראַדיקאַלער" געזעץ געהט יאָ דורךביידע „הייזער", ווייל דאָס פאָלק האָט עס שוין צו־הויך געפאָדערט, דאַן האָט אָפט דער אָל־העכסטער הערשער די מאַכט צוריקצואווייזען דעם געזעץ, מבטל מאַכען איהם. דאַן מוז דער געזעץ קריגען אַ געוויסע פאַרגרעסערטע מאַיאָריטעט שטימען, דאָס הייסט, אַז די געזעצגעבענדע מאַכט ווערט איבערגעגעבען אין די הענט פון דער קאָנסערוואַטיווער מינאָריטעט. אין די פאַראייניגטע שטאַטען איז נאָך ערגער: אפילו אַז אַ געזעץ איז שוין דורכגעגאַנגען ביידע הייזער און געקראָגען דעם פּרעזידענט'ס אונטערשריפט, ווערט ער אַמאָל נאָך אַלץ ניט קיין געזעץ אין דער ווירקליכקייט: די געריכטען קאָנען איהם פאַרוואַרפען אַלס אומגילטיג אָדער אומקאָנסטיטוציאָנעל. געזעצען פון דער העכסטער וויכטיגקייט פאַר'ן לאַנד זיינען אויף דעם אופן בטל געוואָרען דורך פינף פון די ניין ריכטער אין דעם יונייטעד סטייטס סופרים קאָורט.

אָבער נאָך ערגער און שעדליכער ווי די „אויבערשטע הויז", ווי דעם פּרעזידענט'ס וועטאָ און די מאַכט פון די ריכטער מבטל צו מאַכען געזעצען, איז די פאַרלאַמענטאַרישע אָפּגעזונדערטקייט פון מאַכען געזעצען און אויספיהרען זיי. אין די פאַראייניגטע שטאַטען זיינען די רעגירונגס־באַשעפטיגונגען אָפּען און פאָלקאָם צעטיילט אויף געזעצגעבענדע (לעדזשיסלייטיוו), אויספיהרענדע (עקזעקוטיוו) און געריכטליכע. דער פּרעזידענט איז דער הויפּט אויסצופיהרען די געזעצען, און ער שטעלט אָן די פאָרשטעהער פון די

פארשידענע רעגירונגס־דעפארטמענטען אלס זיינע פערזענליכע ראטגעבער. דער סענאט, אדער „אויבערשטע הויז", האט דאס רעכט גוטצוהייסען אדער צוריקצואווייזען אנגעשטעלטע, אבער מיט דער „אונטערשטער הויז", די „האוז אוו רעפרעזענטאטיוס", איז מען זיך גאר ניט מיישב וועגען דעם אויסוואהל פון די קאבי־נעט־מיניסטארען, און זי האט קיין שום קאנטראל ניט איבער זייערע פאליסים און האנדלונגען. אין דאס רוב אנדערע לענדער פון פארלאמענטארישען רעזשים ווערען די קאבינעט־מיטגלידער אויס־געקליבען פון פאלק און זיי זיינען פאראנטווארטליך צו דער „אונ־טערשטער הויז". אין דערווירקליכקייט, פונדעסטוועגען, זיינען די רעגירונגס־דעפארטאמענטען ניט אפהענגיג פון פארלאמענט. דער פרעמיער־מיניסטער ווערט טאקע אנגעשטעלט פון דעם הויפט־הערשער, אבער בדרך כלל ווערט ער אויסגעקליבען פון פארלא־מענט; די איבריגע מיטגלידער פון זיין קאבינעט, ווידער, קלייבט ער אליין אויס. דער פארלאמענט האט קיין געלעגענהייט ניט צו באטראכטען יעדען איינעמ'ס ווערטה באזונדער: ער מוז אננעמען אדער צוריקווייזען דעם גאנצען קאבינעט.

די מיטגלידער פון פארלאמענט האבען קיין צייט און קיין געלעגענהייט, און נאך ווייניגער האבען זיי די נויטיגע ערפאהרונג אויף אויסצואיבען א ווירקזאמע קאנטראל איבער די ברייטע, פאר־צווייגטע פאלקס־פארוואלטונג. דער דורכשניטליכער פארלאמענטס־מיטגליד, וואס איז ערוועהלט פון א געמישטער געאגראפישער וואהל־קערפערשאפט אויף דער פלאטפארמע פון א פאליטישער פארטיי, קומט אריין אין „הויז" דורכאויס ניט צוגעפערטיגט צו האנדלען מיט די פארוויקעלטע פראגען פון פראקטישער פאר־וואלטונג.

אבער דער עקזעקוטיווו דעפארטמענט טוט דאך עס אפ די סאמע וויכטיגסטע ארבייט פון דער רעגירונג. ער איז די מאכט אויפ'ן געביט פון אינטערנאציאנאלע אנגעלעגענהייטען. ער פאר־מירט און פארבינדעט די דיפלאמאטישע פארהעלטניסע פון לאנד און באשטימט די פאליסים פון מלחמה אדער פרידען. דאס איז דער ממשות'דיגער אינסטרומענט און דייטליכער אויסדרוק פון דער רע־גירונג, און הויפטזעכליך פיהרט ער אן און קאנטראלירט די אל־

וויכטיגע שטאַטס־מאַשין, די ביוראָקראַטיע, די אַרמעע, די פּאָ־ליציי, א. אז. וו.

עס איז דעריבער גאַנץ פאַרשטענדליך, אַז דער רעוואָלוציאָ־נערער אַרבייטער־קלאַס, ווי מאַרקס האָט געזאָגט, „קען ניט פשוט פאַרכאַפּען די פאַרטיגע שטאַטס־מאַשין און געברויכען זי פאַר זיינע אייגענע צוועקען. *)

די אַרבייט פון אַ סאָציאַליסטישער שטאַט איז גרעסטענטיילס עקאָנאָמישע. זיין הויפּט־ציל איז צו סאָציאַליזירען די אינדוסט־ריען און דאַן השגחה געבען איבער זיי און אָנפיהרען זיי. זיין הויפּט רעגירונגס־קראַפט מוז זיין צוגעפּאַסט צו אָט דעם צוועק. ער מוז אַריינגעהמען זעהר פיל מענשען געאיבטע אין פּראַקטישער אינדוסטריעלער ערפאַהרונג. ער מוז באהאַנדלען דאָס פאָלק צום אַלעם ערשטען אַלס אַ קהל פון שאַפער און פאַרברויכער אין זיי־ערע פאַרשידענאַרטיגע נויטווענדיגקייטען און צווישען־באַציהונגען, און ניט אַלס אַן איינפאָרמיגע צונויפזאַמלונג פון בירגער.

אָבער זאָגאַר אין אַ סאָציאַליסטישען שטאַט זיינען דאָ ניט בלויז עקאָנאָמישע באַשעפטיגונגען, וואָרים ס'איז דאָך שטענדיג פאַראַן אַ גרויסע און וויכטיגע פעלד פון רעגירונגס־טעטיגקייטען, ווי צ. ב. אויסלענדישע פאַרבינדונגען, דעם פאָלק'ס געזונט, ביל־דונג, געריכטען א. אז. וו., וועלכע קענען, לויט זייער כאַראַקטער, גאַנץ גוט גערעכענט ווערען אַלס פּאָליטישע. אַ סאָציאַליסטישער שטאַט, אַלזאָ, מוז אַנטוויקלען געהעריגע פאַרוואַלטונגס־קערפּער־שאַפטען אַכטונג צו געבען גלייך אויף די קאָנאָמישע און פּאָליטישע אינטערעסען פון פאָלק. די ערוועהלטע דאַרפען פאַרטרעטען ניט בלויז געוויסע געגענדען, נאָר אויך געוויסע באַשעפטיגונגען פון דער באַפעלקערונג.

די סאָציאַליסטישע גדולים פון אַלע ריכטונגען האָבען שטענ־דיג אַנערקענט די נויטיגקייט פון אַזעלכע קאַרדינאַלע ענדערונגען אין דעם געבוי פון פּאַרלאַמענט פאַר'ן צוועק פון אַן אַרבייטער־קלאַס רעגירונג, זאָגאַר אַזעלכע קאָנסערוואַטיווע שרייבער ווי סידני און ביטריס וועבב האַלטען, אַז אין דעם ענגלישען סאָציאַליסטישען שטאַט דאַרף זיין אַ צווייענדיגע רעגירונגס־קערפּערשאַפט — אַ גע־

---

*) „בירגער־קריג אין פראַנקרייך“, ז. 39.

זעלשאפטליכער פארלאמענט און א פאָליטישער פארלאמענט. דער ערשטער, דער געזעלשאפטליכער פארלאמענט, וועט זיך באשעפטיגען מיט אלע עקאָנאָמישע און קולטורעלע אנגעלעגענהייטען, און דער צווייטער — בלויז מיט די אויפגאבען פון א ריין-פאָליטישען כאראקטער.*)

די הויפט-ביישטייערונג פון דער ענגלישער שול פון „גילדע-סאָציאליסטען" איז איהר געניע צעגלידערונג פון די אלגעמיינע פאָליטישע אינטערעסען פון דער מאָדערנער קהלה אלס „שכנים", און איהרע ספעציעלע עקאָנאָמישע אינטערעסען אלס „פראָדוצירער" און „פארברויכער", „לייסטער פון דינסטע" און „געניסער". פונקט אזוי וויכטיג איז אויך איהר באמיהונג צו אנטוויקלען א פלאן פאר געהעריגע רעגירונגס-עמטער, וואס זאָלען זיין צוגעפאסט צו אט די פארשידענע אינטערעסען. די נעמען „גילדע" (צעך) און „שטאט", די „נאציאָנאלע אינדוסטריעלע גילדע" און „פארלאמענט", און עהנליכע אויסדרוקען פון דער נייער שול**) אנטהאלטען די זעלבע פונדאמענטאלע באגריפען פון דער צווייענדיגער באשעפטיגונג פון קהל'שען לעבען, פאָליטישע און עקאָנאָמישע, און די שטרעבונג פון אנטוויקלען א סיסטעם פון פארטרעטערשאפט לויט דער וויכטיגקייט פון יעדע פון זיי אין דעם סאָציאליסטישען שטאט.

עס זיינען, פארשטעהט זיך, נאך ניט געלייזט די פראגען, צי די עקאָנאָמישע און פאָליטישע פארשטעהער זאָלען זיין אין איין קערפערשאפט אָדער אין צוויי און אפשר מעהר „הייזער"; צי זיי זאָלען האָבען גלייכע מאכט, מיט אָדער אָהן געזעלשאפטליכע פארטרעטער אויף אויסצוגלייכען מעגליכע סכסוכים, און צי דער „פאָליטישער" פארלאמענט זאָל זיין אונטערוואָרפען צום „עקאָנאָמישען" אָדער „געזעלשאפטליכען" פארלאמענט. אָבער אלע סאָציאליסטישע רביים שטימען פאָלקאָם איין, אז דער מאָדערנער

*) „א קאָנסטיטוציאָן פאר דער סאָציאליסטישער רעפובליק פון גרויס-בריטאַניען", פון סידני און ביטריס וועבב, לאָנדאָן, 1920.

**) א פולע ערקלעהרונג פון די טעאָריען פון צעך-סאָציאליזם קען מען געפינען אין „זעלבסט-רעגירונג אין אינדוסטריע", לאָנדאָן, 1920; „סאָציאלע טעאָריע", ניו יאָרק, 1920, און „גילד-סאָשעליזם", ניו יאָרק, 1920, פון ג. ה. קאָול.

פּאַרלאַמענט, וועלכער איז גרעסטענטיילס פּאָליטיש אין כאַראַקטער, קען ניט אַריבערגעשלעפּט ווערען אין דעם סאָציאַליסטישען שטאַט.

אַ חוץ דעם, אַ סאָציאַליסטישער רעזשים, וואָס פאַרטרעט אַ פּראָלעטאַריער־מאַיאָריטעט פון פאָלק, וועט דאָך זיכער זיין פאַראינטערעסירט, אַז די הויפּט־באַשעפטיגונג פון דער רעגירונג זאָל שטעהן אונטער'ן קאָנטראָל פון פאָלק, ד. ה. זאָל ליגען אין די הענט פון זיינע דירעקטע פאַרטרעטער. אויך וועט אַזאַ רעזשים זיין פאַראינטערעסירט אָפּצושאַפען אַלע פּאַרלאַמענטאַרישע מעטאָדען און מנהגים, וואָס זיינען געגען אַזאַ פאָלקס־קאָנטראָל, אַריינגערעכענט די אָפּגעזונדערטקייט צווישען דער געזעצגעבענדער (לעדזשיסלייטיוו, און אויספיהרענדער (עקזעקוטיוו) טיילען, און צו פאַרניכטען די קאַפּיטאַליסטישע „שטאַטס־מאַשין“.

דאָס איז איינע פון די הויפּט־שלוסען, וועלכע מאַרקס האָט מיט אַ יאָהרהונדערט צוריק געצויגען פון זיין ערפאַהרונג פון דער פּאַריזער קאָמונע.

כאַראַקטעריזירענדיג די „קאָמונע“ אַלס די „ענדליך־ענטדעקטע פּאָליטישע פאָרמע, לויט וועלכער עס וועט זיך אויסאַרבייטען די עקאָנאָמישע באַפרייאונג פונ'ם אַרבייטער“, ערקלעהרט דער גרינדער פון דער מאָדערנער סאָציאַליסטישער פילאָזאָפיע אַזוי:

„די „קאָמונע“ איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען פון די שטאָדטישע ראַטס־מיטגלידער, וועלכע זיינען ערוועהלט געוואָרען פון אַן אַלגעמיינער פאָלקס־אָפּשטימונג אין די פאַרשיידענע קוואַרטאַלען פון שטאָדט און זיינען געווען פאַראַנטוואָרטליך צו זייערע וועהלער: צו יעדער צייט האָט מען זיי געקענט צוריקרופען. דאָס רוב פון די מיטגלידער זיינען, נאַטירליך, געווען אַרבייטער, אָדער אַנערקענטע פאָרשטעהער פון אַרבייטער־קלאַס. די „קאָמונע“ איז געווען איין און דערזעלבער צייט אי אַ געזעצגעבענדע אי אַן אויספיהרענדע, אָבער ניט קיין פּאַרלאַמענטאַרישע קערפּערשאַפט. די פּאָליציי איז ניט פאַרבליבען קיין באַדינער פון דער צענטראַלער רעגירונג; מ'האָט ביי איהר גלייך אַוועקגענומען אַלע איהרע פּאָליטישע אייגענשאַפטען און פאַרוואַנדעלט אין אַ פאַראַנטוואָרטליכען דינער פון דער „קאָמונע“, וועלכער קען צו יעדער צייט פאַרלירען דעם אמט. אַזוי זיינען אויך געוואָרען די באַאַמטע פון אַנ־

דערע צווייגען פון דער רעגירונג".*)

אויב א סאָציאַליסטישער שטאַט, אַלזאָ, וויל כאָטש אויף ווי־פיל ניט איז אויפהאַלטען די פּאַרלאַמענט־אינסטיטוציע, וואָלט ער געמוזט ענדערען אַם וועניגסטענס פאָלגענדע דריי בולט'ע שטריכען פון איהר פאָרמע און מעטאָדען: ער וואָלט געמוזט איינפיהרען פאָלקס־פאַרטרעטער לויט דער באַשעפטיגונג פון די וועהלער: פאַר־ניכטען די „אויבערשטע הויז" און די מאכט צו וועטאָ'ן געזעצען; אוועקשטעלען די פּראַקטישע רעגירונגס־ארבייט אונטער'ן דירעקטען אויפזיכט פון פּאַרלאַמענט און זעהן, אַז די פּאַרלאַמענט־מיטגלידער זאָלען אַ טעטיגען אַנטייל נעהמען אין דער אַרבייט. ער וואָלט פאַרוואַנדעלט אַלע שטאַטס־אָרגאַנען אין פאַראַנטוואָרטליכע אַגענ־טורען פון דער אַרבייטער־קלאַס רעגירונג, און וואָלט איינגעפיהרט אַ סיסטעם צו קענען צו יעדער צייט צוריקרופען פאָלקס־ערוועהלטע.

דער סאָוויעט אַלס אַ סאָציאַליסטישער רעזשים איז אויך אַ סאָרט פאַרטרעטענדע רעגירונג, געגרינדעט אויף פאָלקס־אָפּשטי־מונג. אין דער רוסישער סיסטעם האָבען ניט קיין שטימרעכט בעלי־בתים, וואָס באַשעפטיגען אַרבייטער און אַנדערע וואָס קריגען איינקונפט אָהן אַרבייט, ווי אויך אַזעלכע פּערזאָנען, וועלכע באַ־שעפטיגען זיך מיט געוויסע ניט־שאַפענדע אָדער ניט־געווינשטע סאָרטען אַרבייט. מיט דער אויסנאַמע פון אָט די אויסגעשלאָסענע מינים מענשען, האָבען אַ רעכט צו שטימען אַלע רוסישע בירגער, מענער און פרויען פון איבער אַכצעהן יאָהר אַלט.

די העכסטע רעגירונגס־מאַשין איז דער אַל־רוסישער סאָוויעט־קאָנגרעס, אין וועלכען די שטאָדטישע אַרבייטער זיינער פאַר־טראָטען אויפ'ן פלאַן פון איין דעלעגאַט פאַר יעדע 25,000 וועהע־לער, וועהרענד די דאָרפישע באַפעלקערונג האָט איין פאָרשטעהער פאַר יעדע 125,000 איינוואָהנער. די פאַרטרעטערשאַפט איז אין קיין פאַל ניט קיין ריכטיגע, ניט קיין דירעקטע, אָבער זי איז מיט מעהר יושר פאַר די שטאָדטישע אַרבייטער ווי פאַר דער דאָרפישער באַפעלקערונג. די שטאָדטישע איינוואָהנער קלייבען אויס דעלעגאַטען צום שטאָדטישען קאָנגרעס, און אָט דער קאָנגרעס וועהלט דירעקטע פאָרשטעהער צום אַל־רוסישען סאָוויעטען־קאָנ־

*) „דער בירגער־קריג אין פראַנקרייך", ז. 43.

גרעס. די דאָרפישע איינוואוינער אָבער זיינען פון אזעלכע וואהלען אָפּגעטיילט דורך דריי גרויסע קערפּערשאַפטען — דער דאָרפישער סאָוויעט, דער וואָלאָסטנאָיער, און דער גובערנסקער.

דער אַל־רוסישער סאָוויעטען־קאָנגרעס ווערט אָפּגעהאַלטען האלב־יעהרליך. ער ערוועהלט אַ צענטראַלען עקזעקוטיווען קאָמיטעט פון 200, וועלכער איז „די העכסטע מאכט פון דער רע־פּובליק" אין דער צייט צווישען די זיצונגען פון דעם קאָנגרעס. דער צענטראַלער עקזעקוטיוו קאָמיטעט האַלט טעאַרעטיש אָן זיין זיצונג נאָכאַנאַנד, אומאונטערבראָכען, און זיינע מיטגלידער זיינען שטארק באשעפטיגט אין די פאַרשידענע רעגירונגס־אָפּטיילונגען. דער קאָמיטעט ערוועהלט דעם ראַט פון פאָלקס־קאָמיסאַרען, — אַ קערפּערשאַפט, וואָס איז עהנליך צום מיניסטאָרען־קאַבינעט אין אַנ־דערע לענדער. אַלע וואהלען קאָנען, לויט'ן געזעץ, צוריקגערופען ווערען.

דאָס איז דער אַלגעמיינער געבוי פון דער סאָוויעט־רעגירונג. מיט וועלכע שטריכען אונטערשיידעט עס זיך פון אַ פּאַרלאַמענט, איבערגעבויט לויט'ן סאָציאַליסטישען באגריף?

דער אונטערשייד, וואָס מ'זוכט אָפּט צו מאַכען, איז, אז אין אַ סאָוויעט־רעזשים האָבען בלויז פּראָדוצירער אַ רעכט צו שטימען.

„וואָס איז דער הויפּט־אונטערשייד צווישען אַ פּאַרלאַמענ־טאַרישער רעפּובליק און אַ סאָוויעטען־רעפּובליק?" פרעגט בוכארין, און ער ענטפערט גלייך און קלאָר: „דער אונטערשייד איז, דאָס די קלאַסען וואָס ארבייטען ניט האָבען אין אַ סאָוויעט־רעגירונג קיין שטימרעכט און נעמען קיין אַנטייל אין דער רעגירונג."

אין אַ צווייטען פּלאַץ זאָגט ער אזוי: „די גרינדונגס־פאַר־זאַמלונג אונטערשיידעט זיך פון סאָוויעטען־קאָנגרעס, ווייל אין דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג זיצען ניט בלויז ארבייטער און פּויערים, נאָר אויך באַנקירען, ערד־אייגענטימער און קאַפּיטאַליסטען." *)

אָט די מיינונג שיינט צו שטימען מיט דער אָפּט־ווידערהאָל־טער קאָמוניסטישער טעאָריע, אז אין דער צייט פון דער פּראָלעטאַ־רישער דיקטאַטור מוז מען ביים קאַפּיטאַליסטישען קלאַס „אוועק־

*) פּראָגראַם פון די קאָמוניסטען", ז. 21 און 22.

נעמען אַלע זיינע פּאָליטישע רעכטע". און דאָך איז עס, דאַכט זיך, זעהר צווייפעלהאַפט, אויב די באַשריינקונג פון שטימרעכט קאָן גע־רעכענט ווערען אַלס דער הויפּט כאַראַקטעריסטישער שטריך פון סאָוויעט.

סאָציאַליסטישע לעהרער האָבען קיינמאָל ניט געקוקט גינסטיג אויף אַוועקנעמען רעכטע ביי אירגענד וועלכען קלאַס פון דער באַ־פעלקערונג, זאָגאַר אין דעם פעריאָד פון דער פּראָלעטאַריער־דיק־טאַטור, סיידען אַלס אַן אויסערגעוועהנליכער און צייטווייליגער מיטעל אין דער צייט פון אַ ביטערען קאַמף מיט קאָנטר־רעוואָלו־ציאָנערע קרעפטען. קאַרל מאַרקס האָט שוין געגעבען זיין הסכמה, אַז „קיין זאַך וואָלט ניט געקאָנט זיין פרעמדער דעם גייסט פון דער „קאָמונע" ווי פאַרבייטען גלייכע, אַלגעמיינע שטימרעכט אויף אַ סיסטעם פון קלאַסען־פּאַרצוג",*) און די באָלשעוויסטישע טעאָרע־טיקער זיינען ווייט ניט אַלע איינשטימיג, אַז ביי דער בורזשואַזיע דאַרף מען אין אַלע פעלע און אין אַלע צייטען אַוועקנעמען דאָס שטימרעכט. ניקאָלאַי לענין, צום ביישפּיל, שפּרעכט זיך גאַנץ באַשטימט אויס געגען דעם. אין זיין פּאָלעמיק מיט קאַרל קאַוטסקי זאָגט ער:

„די באַשרענקונג פון פּאָליטישע רעכטע איז ניט אַ זאַך וואָס האָט אַ שייכות מיט דיקטאַטור אין אַלגעמיין, נאָר דאָס איז אַ ספּעציפיש נאַציאָנאַלע פראַגע. די פראַגע פון רעכט־באַשרענ־קונגען מוז געשטודירט ווערען לויט די ספּעציפישע באַדינגונגען פון דער רוסישער רעוואָלוציע און איהר אייגענאַרטיגען אַנטוויק־לונגס־גאַנג. ס'וואָלט אָבער געווען צו־איבערגעאיילט פּאָראויס צו גאַראַנטירען, אַז די קומענדע פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציעס אין איי־ראָפּאַ וועלען אַלע, אָדער דאָס רוב פון זיי, באַשרענקען די פּאָלי־טישע רעכטע פון דער בורזשואַזיע. מעגליך, ס'וועט טאַקע זיין אַזוי. נאָך דער איצטיגער מלחמה און נאָך דער ערפאַהרונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע איז צו ערוואַרטען, אַז וואַהרשיינליך וועט עס אַזוי זיין. אָבער דאָס איז ניט אומבאַדינגט נויטווענדיג פאַר דער גרינדונג פון אַ דיקטאַטור. דאָס איז ניט קיין אומפאַר־מיידליכע אייגענשאַפט פון דעם היסטאָרישען אָדער קלאַסען־באַגריף פון דיקטאַטור."

*) „בירגער־קריג אין פראַנקרייך", ז. 46.

און ווידער:

ווי איך האָב שוין אָנגעוויזען, איז דאָס אָוועקנעמען שטים־רעכט ביי דער בורזשואַזיע ניט קיין אַבסאָלוטער גרונד־פּרינציפּ אין דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. און ווען די באָלשעוויקעס אין רוסלאַנד האָבען נאָך אַ צייט פאַר דער נאָוועמבער־רעוואָלוציע אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג פאַר אַ דיקטאַטור, האָבען זיי אויך גאָרנישט געזאָגט וועגען אָוועקנעמען שטימרעכט ביי די עקספּלואַ־טירער. אָט דער ספּעציעלער פּרינציפּ פון דער דיקטאַטור איז ניט אויסגעוואַקסען אַלס אַן אויסגעאַרבייטער פּלאַן פון עפּעס אַ פּאַרטיי, זאָנדערן ער איז אַרויסגעשפּרונגען פּלוצלונג, ספּאָנטאַן אין פאַרלויף פון דעם קאַמף." *)

די פאָרמע פון סאָוועט־רעגירונג מיינט ניט דוקא אַן אויס־שליסליכע וועהלערשאַפט פון אַרבייטער־קלאַס, און אויך ניט קיין סיסטעם צו פאַרטרעטען די וועהלער לויט זייער באַשעפטיגונג, ווי דאָס ווערט אָפט באַהויפּטעט.

לויט דער סיסטעם פון באַשעפטיגונגס־פאַרטרעטערשאַפט ווערען די אינדוסטריען פון לאַנד פאַרטראָטען אין דער נאַציאָנאַ־לער רעגירונגס־קערפּערשאַפט דורך דעלעגאַטען, וואָס ווערען ער־וועהלט פון די דאָזיגע אינדוסטריען און פאַר די אינדוסטריען. די אייזענבאַהן־אַרבייטער, מינען־גרעבער, מעטאַל־אַרבייטער, שניי־דער, שוסטער, א. א. וו., וועלען לויט אַזאַ סיסטעם האָבען זייערע אייגענע קוואַליפיצירטע פאָרשטעהער אַכטונג צו געבען אויף די אינטערעסען פון די באַזונדערע אינדוסטריען, אַלס טייל פון דעם אַלגעמיינעם פּלאַן פון דער נאַציאָנאַלער אינדוסטריעלער פאַרוואַל־טונג. אָבער די רוסישע וואַהל־סיסטעם אַנטהאַלט גאָר ניט אַזאַ מין פּרינציפּ. זי איז אינגאַנצען געגרינדעט אויף געאָגראַפישע ליניעס — דאָרף, וואָלאָסט, שטאָדט און גובערניע. אמת, אין די שטעדט שטימט מען אין די פאַבריקען און אין די פאַך־פאַראיינען, אָבער דאָס ווערט געטאָן בלויז צוליב פּראַקטישער באַקוועמליכקייט וועגען. דער וועהלער אין פאַבריק אָדער פאַך־פאַראיין איז ניט באַשרענקט צו שטימען בלויז פאַר אַ מיטגליד פון זיין פאַך; ווען די אויסגעקליבענע דעלעגאַטען פון די נאָמינאַציאָנס־וואַהלען פאַר־

*) „די פּראָלעטאַריער רעוואָלוציאָן", ז. 30 און 58.

זאמלען זיך צו ערוועהלען אַ פאָרשטעהער צום אַל־רוסישען סאָוויעטען-קאָנגרעס, שטעלען זיי מיט זיך פאָר אַ קערפערשאַפט, וואָס איז גענומען געוואָרען פון פילע בארופען, פון פארשיידענע מענשען, וועלכע קלייבען אַ פארטרעטער לויט זיינע אַלגעמיינע פאָליטישע מעלות. דער אַל־רוסישער סאָוויעטען־קאָנגרעס, דער צענטראַלער עקזעקוטיוו קאָמיטעט, און דער ראַט פון פאָלקס־קאָמיסאַרען זיינען אַפילו טיילווייז ניט צוזאַמענגעשטעלט פון פארטרעטער פון ספּעציעלע אינדוסטריען אָדער באַשעפטיגונגען.

די אַנדערע כאַראַקטער־שטריכען פון סאָוויעט־בנין, צו וועלכע מ'ציהט אָפּט אויפמערקזאַמקייט, ווי די פאַראייניגונג פון געזעצגעבענדע (לעדזשיסלייטיוו) און אויספיהרענדע (עקזעקוטיוו) באַשעפטיגונגען; די פאַראַנטוואָרטליכקייט פון פאָלקס־פארטרעטער און באַאַמטע; דאָס וואָס זיי ווערען ערוועהלט אויף אַ קורצען טערמין, און וואָס מ'קאָן זיי צו יעדער צייט צוריקרופען — דאָס זיינען אַלץ אַזעלכע זאַכען, וועלכע, ווי מיר האָבען שוין געזעהן, קאָנען לייכט הויזען צוזאַמען מיט פאַרלאַמענטאַרישע אינסטיטוציאָנען. און ווירקליך, קורצע טערמינען פאַר ערוועהלטע באַאַמטע און קאָנטראָל איבער די ערוועהלטע פארטרעטער דורך „רעפערענדום” און „צוריקרופען” זיינען מיטלען, וואָס האָבען זיך אָנגעפאַנגען אין דעם לאַגער פון ליבעראַלע מיטעל־קלאַס־רעפאָרמערס און זיי זיינען איצט אין פולען גלאַנץ אין די פאַראייניגטע שטאַטען ווי אויך אין שווייצאַריען און אַנדערשוואו.

דער הויפּט־שטריך פון סאָוויעט איז די אינדירעקטע פאָלשטענדיג־אויסגעאַרבייטע וואַהל־סיסטעם, לויט וואָסערע דער אינדוסטריעלער אַרבייטער־קלאַס, וועלכער איז אַ מינאָריטעט, קריגט די פאָליטישע אויבערהאַנד איבער'ן פּויער, וועלכער איז די מאַיאָריטעט אין לאַנד.

אָט דעם רעזולטאַט דערגרייכט מען אויף עטליכע אופנים. ערשטענס, גיט מען פשוט דעם פּויער אַ קלענערע פארטרעטערשאַפט, לויט זיין צאָהל, ווי דעם שטאָדטישען אַרבייטער. די שטאָדטישע אַרבייטער מעגען ערוועהלען איין דעלעגאַט אויף יעדע 25,000 וועהלער, וועהרענד די דאָרפישע באַפעלקערונג ווערט פארטראָטען דורך איין דעפּוטאַט אויף יעדע 124,000 איינוואָהנער. דאָס

הייסט, ס'ווערט אָנגענומען, אַז פון פינף איינוואָהנער האָט בלויז איינער שטימרעכט, אָדער אַז עס שטימען 20 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג. רעכענענדיג, אַז ביידע געשלעכטען האָבען שטימרעכט, אַז מ'הויבט אָן שטימען צו אַכצהען יאָהר, אַז די בורזשואַזיע, ביי וועמען מ'האָט אַוועקגענומען דאָס שטימרעכט, איז אומבאַדייטענד קליין, און אַז אַלע איינוואָהנער זיינען בירגער און האָבען רעכט צו שטימען, מעג מען זיך זיכער משער זיין, אַז ניט ווענינער ווי 40 פּראָצענט פון רוסישען פאָלק האָבען דאָס רעכט צו שטימען אין דאָרף אַזוי גוט ווי אין שטאָדט. לויט אָט דעם חשבון האָבען די 125,000 דאָרפישע איינוואָהנער אַם ווענינסטענס 25,000 שטים-געבער. הייסט עס, אַלזאָ, אַז די שטאָדטישע באַפעלקערונג ווערט צוויי מאָל אַזוי פיל פאַרטראָטען ווי די דאָרפישע. און וואַהרשיינליך איז די טייל שטים-געבער נאָך גרעסער ווי 40 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג.

אויסער דעם ווערט דער שטאָדטישער ארבייטער באַוויליגט אַ טאָפּעלע פאָרשטעהערשאַפט אין דעם אַל-רוסישען סאָוויעטען-קאָנגרעס, ווייל דער שטאָדטישער סאָוויעט וועהלט דעלעגאַטען דירעקט צום קאָנגרעס און אויך שיקט ער פאָרשטעהער צום גובערנסקען סאָוויעט, וועלכער באַטייליגט זיך אין די וואַהלען פון דעם דאָזיגען סאָוויעט צום אַל-רוסישען סאָוויעטען-קאָנגרעס.

אַם שטאַרקסטען אָבער ווערט די פּויערים-פאַרטרעטערשאַפט אונטערדריקט פון דער מעטאָדע פון דער סאָוויעטסקער וואַהל-סיסטעם נאָכאַנאַנד איבערצוזיפּען און סאָרטירען די וועהלער. אָטאָ באַוער האָט אָנגעוויזען אויף דער דאָזיגער מעטאָדע און זעהר קלאָר אַנאַליזירט זי:

„די מאַסע רוסישע פּויערים איז נאָך אייגענטליך ניט אָרגאַניזירט", זאָגט ער, „זיי זיינען אָהן שוהל-ערציהונג, אינטערעסירען זיך ניט מיט פּאָליטישע זאַכען. אויב דער שטאַט טשעפּעט זיי ניט אין זייערע דערפער, אַרט זיי ניט דורך וועמען און ווי אַזוי דער שטאַט ווערט רעגירט. אַ קליינע מינאָריטעט בלויז פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג ווייזט אַרויס לעבען און אינטערעס אין אַלגעמיינע פּאָליטישע פראַגען און וויכטיגע פּאָליטישע טעטיגקייט. די סיסטעם פון אונדירעקטער פאַרטרעטערשאַפט, אויף וועלכער

די סאָוויעט־געביידע שטיצט זיך, איז געצילט, אז נאָר די פּאָלי־טיש־טעטיגע מינאָריטעט זאָל זיך קאָנען ארויסשטעלען. די וועה־לונג פון דעם דאָרף־סאָוויעט, וועלכער פארוואַלטעט דעם דאָרף'ס געשעפטען, קען נאָך יע אינטערעסירען אַלע פּויערים. אָבער מיט די דעלעגאַטען, וואָס דער דאָרף־סאָוויעט קלייבט אויס צום וואָ־לאָסטנאָיעם סאָוויעט, וועלען די פּראָסטערע פּויערים זיך שוין אינטערעסירען אַ סך ווייניגער. אינדוסטריעלע ארבייטער אָבער, וועלכע זיינען געקומען צוריק אין דאָרף, און די פּויערים, וועלכע זיינען אין דער מלחמה־צייט געווען אין שטאָדט אַלס סאָלדאַטען און זיינען דאָרט ארייננעצויגען געוואָרען אין דער רעוואָלוציאָנע־רער ארבייטער־באַוועגונג, פארשטעהען, אז די דאָרפישע סאָוויעטען זיינען די ציגעל, פון וועלכע ס'איז אויפגעבויט דער סאָוויעט־שטאַט. צייגען זיי ארויס אַ הייסערען אינטערעס אין די וואַהלען ווי די פּויערים־מאַסע, און אַזוי ווי זיי זיינען טעטיגער און בעסערע רעד־נער ווי די איבריגע, ווערען זיי ערוועהלט אָהן שום שוועריגקייטען. אנטהאַלט שוין, אַלזאָ, דער וואָלאָסטנאָיער סאָוויעט אַן אנדער גייסט ווי דער דאָרפישער סאָוויעט: די טעטיגע, רעוואָלוציאָנערע פּראָלעטאַריער־מינאָריטעט זעהט זיך דאָ בולט'ער ארויס ווי אין דעם דאָרף־סאָוויעט. אָט די מעטאָדע ווערט ווייטער אָנגעפיהרט אין די וואַהלען פון די וואָלאָסטנאָיע אָדער אויעזדנע סאָוויעטען צו די גובערנסקע סאָוויעטען. דער דורכשניטליכער פּויער אינטע־רעסירט זיך ניט אין גובערנסקען קאָנגרעס: וואָס קימערט ער זיך דאָ אין דאָרף פאַר דער גובערנסקער שטאָדט? די טעטיגע רעוואָ־לוציאָנערע מינאָריטעטען שיקען עס די דעלעגאַטען צום גובערנ־סקען קאָנגרעס. דאָרט באַגעגענען זיי זיך מיט די פאָרשטעהער פון שטאָדטישע סאָוויעטען, שטעלען זיך אונטער זייער גייסטיגער אָנפיהרערשאַפט און העלפען מיט זייערע שטימען צו ערוועהלען דעלעגאַטען פון גובערנסקען סאָוויעט צום אַל־רוסישען סאָוויעטען־קאָנגרעס. דאָס איז די אורזאַכע, וואָרום דער גובערנסקער סאָ־וויעט שיקט געוועהנליך ניט צום אַל־רוסישען סאָוויעטען־קאָנגרעס קיין פאָרשטעהער פון דער נארישער, בעזגראַמאָטנער און קאָנסערוואַטיווער פּויערים־מאַסע, זאָנדערן מיטגלידער פון דעם שטאָדטישען פּראָלעטאַריאַט און פון דער דאָרפישער מינאָריטעט,

וואָס ווערט פון זיי געפיהרט. דאָרט שליסען זיי זיך אָן אָן די דירעקטע פארטרעטער פון די שטאָדטישע סאָוויעטען. אויף אזא אופן איז דער שטאָדטישער פראָלעטאריאט זיכער מיט זיין הער־שאפט אין קאָנגרעס."

די אינדירעקטע סיסטעם פון סאָוויעט־וואהלען שפּילט די זעלבע ראָלע אויפ'ן פעלד פון פּראַקטישער פּאָליטיק וואָס די קאָמו־ניסטישע פּארטיי אויפ'ן פעלד פון פּראָפּאגאנדע און מאָראלען איינפלוס־דרוק — זי האלט אויף די אויבערהערשאפט פונ'ם אינ־דוסטריעלען ארבייטער איבער'ן פויער.

אז די סיסטעם ווירקט אין דער ריכטונג, וואָס ווערט דאָ אָנגעגעבען, קען מען זעהן פון דער אומגעהויערער צאָהל אינדוסט־ריעלע ארבייטער און זייערע וואָרט־פיהרער אין אלע וויכטיגע אָפּטיילונגען פון דער סאָוויעט־רעגירונג, דעם קאָמיסארען־ראט, דעם צענטראל עקזעקוטיוו קאָמיטעט און דעם אל־רוסישען סאָ־וויעטען־קאָנגרעס.

עס איז קלאָר, אז די סאָוויעט־קאָנסטיטוציע איז צוזאמענגע־שטעלט געוואָרען לויט די פאָדערונגען פון די ספּעציעלע נויט־פאלען פון דער רוסישער רעוואָלוציע. איז פאראן עפּעס אן אורזאכע זיך פאָרצושטעלען, אז דער זיגרייכער פּראָלעטאריאט אין אנדערע לענדער וועט אָננעהמען די דאָזיגע קאָנסטיטוציע ווי זי איז איצט?

עהנליכע באדינגונגען וועלען, מסתמא, ברענגען עהנליכע רע־זולטאטען. א סאָציאליסטישע רעוואָלוציע אין די באלקאנישע לענדער, למשל, צי אין פּוילען אָדער אין די רוסישע גרענעץ־מדינה־לאַך, וועט וואהרשיינליך זיין גענייגט איינצופיהרען א רעגירונג לויט'ן מוסטער פון רוסישען סאָוויעט־פּלאן. אין די לענדער פון מערב־אייראָפּעאישער ציוויליזאציאָן, וואו דער פּראָלעטאריאט איז אויסגעוואקסען שטארק און גרויס אין צאָהל, און די גאנצע באַ־פעלקערונג, אריינגערעכענט די דאָרפישע, האָט שוין דערגרייכט א העכערע שטופע פון פּאָליטישער רייפקייט, — דאָרט וועט די רעגירונגס־פאָרמע פון סאָציאליסטישען שטאט אנטשיידען ווערען פון די אומשטענדען, אונטער וועלכע די רעוואָלוציע וועט שטאט־פינדען, און ביז וואָס פאר א גראד זי וועט זיין באאיינפלוסט פון דעם רוסישען ביישפּיל און אויך ווי שטארק ס'וועלען זיין די פאר־

לאמענט־טראדיציעס אין יענעם לאנד. וועלכע פון אט דיביידע ס'וועט זיין שטארקער וועט באשטימען דעם אויסגאנגס־פונקט פון דער סאציאליסטישער רעגירונג — א סאוויעט צי א פארלאמענט־סיסטעם. דער אונטערשייד וועט אבער זיין מעהרסטענטיילס אין נאמען און ניט אין תוך. א סאציאליסטישע רעגירונג אין א לאנד פון מערב־אייראפעאישער ציוויליזאציאן קען אזוי אננעהמען די רוסישע סאוויעט־פארמע, פונקט ווי זי קען ווייטער אנהאלטען די הויפט־בורזשואזע זייטען פון פארלאמענט.

קאפיטעל 9.

גוואלדטאטען און טעראר

די רוסישע רעוואלוציע האט נאך א וויכטיגע פראגע ארויס־געבראכט צום פאדערגרונט — די ראלע פון גוואלט און צוואנג אין דער סאציאליסטישער באוועגונג.

די סאציאליסטען פון פאר דער מלחמה האבען גערעכענט, אז גוואלט וועט ניט שפילען קיין גרויסע ראלע אין דער סאציאלער רעוואלוציע.

אין זיין באריהמטען ויכוח מיט עדוארד בערנשטיין האט קארל קאוטסקי אזוי ערקלעהרט די סאציאליסטישע שטעלונג:

„דער באגריף פון רעוואלוציע דארף ניט גענומען ווערען, ווי די פאליציי טייטשט אויס דעם ווארט, אין דעם זין פון א באוואפענטען אויפשטאנד. משוגע וואלט דאך געדארפט זיין יענער, וועלכער וואלט אויסגעקליבען די אויפשטאנדס־מעטאדע אלס פרינציפ אין דער צייט ווען ער וואלט געהאט אונטער'ן האנד אנדערע, ביליגערע און זיכערערע וועגען אויסצופיהרען עס. אין אט דעם זין איז סאציאל־דעמאקראטיע קיינמאל ניט געווען רעוואלוציאנער אין פרינציפ. זי איז עס אזוי בלויז, ווייל זי אנערקענט, אז ווען זי וועט דערגרייכען פאליטישע מאכט, קען זי די דאזיגע מאכט ניט באנוצען אויף קיין אנדער זאך ווי נאר צו פארניכטען די פראדוקציאנס־מעטאדע, אויף וועלכער די איצטיגע סיסטעם האלט זיך.*)

*) „בערנשטיין און דאס סאציאל־דעמאקראטישע פראגראם", שטוט־גארט, 1899, ז. 181.

דאָס איז געשריבען געוואָרען אין די ערשטע טעג פון „רעוויזיאָניזם", ווען קארל קאוטסקי איז געווען דער אנערקענטער וואָרטפיהרער פון דעם ראדיקאלען פליגעל פון אינטערנאציאָנאלען סאָציאַליזם. דאָס איז אָהן צווייפעל געווען די אַלגעמיינע סאָציאַליסטישע שטעלונג צו אָט דעם ענין.

די מלחמות, וואָס די רוסישע רעוואָלוציע איז געווען געצוואונגען אָנצופיהרען פאַר דער פאַרטיידיגונג פון איהרע געווינסען, און די ברוטאַלע גוואַלדטאַטען, מיט וועלכע די קאַפּיטאַליסטישע כחות האָבען אונטערדריקט די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציאָנען אין פינלאַנד און אונגארן, — דאָס האָט געבראַכט די פאָרשטעהער פונ'ם נייעם קאָמוניזם צו רעווידירען די אָנגענומענע סאָציאַליסטישע שטעלונג צו דער פראַגע פון גוואַלט. אמת, זיי פרעדיגען ניט, פאַרשטעהט זיך, קיין גוואַלט בלויז צוליב גוואַלט, אָבער אין זייערע רעדעס און שריפטען קאָן מען אָהן ספק זעהן אַ נייגונג צו לעגען אַלץ מעהר און מעהר געוויכט אויף צוואַנג־מיטלען. ניט נאָר ערקלעהרען זיי, אַז גוואַלט איז, אַלס היסטאָרישער כלל, אבסאָלוט אומפאַרמיידליך אין דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, זאָנדערן זיי פאָדערען אריינצונעמען אָט די טעאָריע אין דער טאָג־טעגליכער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע.

לענין שרייבט, אַלזאָ, אזוי: „די נויטווענדיגקייט סיסטעמאַטיש צו פאַרשפּרייטען צווישען די מאַסען אָט דעם און בלויז דעם שטאַנדפּונקט פון דער אומפאַרמיידליכקייט פון צוואַנגס־רעוואָלוציעס איז דער גרונט פון מארקס' און ענגעלס' גאַנצע לעהרע, און דאָס, וואָס די איצטיגע סאָציאַל־שאָוויניסטען און אויך קאוטסקי'ס נאָכפאָלגער פאַרנאַכלעסיגען די דאָזיגע פּראָפּאַגאַנדע, צייגט בולט'ער ארוים זייער פאַרראַט."*)

און קאָמעניעוו אונטערשטיצט דעם דאָזיגען אָנזיכט מיט פאָלגענדער טענה:

„צו געהן פאַרכאַפּען די מאַכט, ניט האָפענדיג אָנצוהאַלטען זי און ניט צוגרייטען די באַדינגונגען דערצו, איז אַ פשוט'ער אומזין; צו אַנערקענען די נויטווענדיגקייט פאַר'ן פּראָלעטאַריאַט צו

*) דער שטאַט און רעוואָלוציאָן", ז. 25.

עראָבערען די מאַכט, און דערביי צו צווייפלען אין דער נויטיגקייט פון אַ דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, און ניט ערציהען די אַרביי־טער אין דער דאָזיגער ריכטונג — דאָס הייסט באַוואוסטזיניג צו־גרייטען דעם פּאַרראַט צו דער זאַך פון סאָציאַליזם.״ *)

ניט לעניך, ניט קאָמעניעוו און ניט אירגענד אַנדער באָלשע־וויסטישער גדול שטעלט זיך אָפּ צו אַנאַליזירען די באַדינגונגען און צושטאַנדען פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אין וועלכער ס'וועט זיין מעגליך אָדער געהעריג צו פּרעדיגען פאַר די אַרבייטער וועגען דער אומפאַרמיידליכקייט פון גוואַלט אָדער וועגען „צו־גרייטען די באַדינגונגען״ פאַר אָנהאַלטען מאַכט. און דאָך מוז אַזאַ אַנאַליז געמאַכט ווערען, כדי צו פאַרמיידען קאָפּ־טומלעניש און מיספאַרשטענדניסען.

די גאַנצע תקופה פון דער סאָציאַליסטישע באַוועגונג קאָן צע־טיילט ווערען אויף דריי הויפּט־שטופען: דאָס צוגרייטען צום קאַמף פאַר דער עראָבערונג פון מאַכט, פאַרכאַפּען די מאַכט, און פאַרטיידיגען אָדער אָנהאַלטען די עראָבערטע מאַכט, ד. ה. דריי פּעריאָדען פון קאַמף — פאַר־דער־רעוואָלוציאָנערער פּעריאָד, דער רעוואָלוציאָנערער, און נאָך־דער־רעוואָלוציאָנערער. די ערשטע שטופע איז דער לענגסטער פּעריאָד און פאַרשידענאַרטיגסטער אין כאַראַקטער און גראַד פון רייפקייט. אין דעם געהען אריין אַלע צושטאַנדען פון דער אָרגאַניזירטער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, פון איהר סאַמע אָנפאַנג, ווען זי דינט בלויז אַלס פּראָפּאַגאַנדע־מיטעל, דורך אַלע מיטעלסטע טרעפּ פון אָרגאַניזאַציאָן און קאַמף, ביז זי ווערט אַן אַנערקענטע פּאָליטישע מאַכט. אָט דער פּעריאָד שליסט איין דעם גאַנצען פּראָצעס פון דעם סאָציאַליסטישען וואוקס פון קינדהייט ביז רייפקייט, אַ פּראָצעס, וואָס האָט אין די שטאַרקסטע סאָציאַליסטישע לענדער געדויערט פון פערציג ביז פופציג יאָהר.

דער פאָרטשריט פון סאָציאַליזם אין יעדען לאַנד ווערט גע־מאָסטען דורך דער פאַראייניגונג פון די אַרבייטער־מאַסען צו שטי־צען דער באַוועגונג — דורך דעם גראַד, גייסט און באַוואוסטזיין פון דעם קלאַסען־קאַמף. דער פּראָצעס פון סאָציאַליסטישען וואוקס

*) „די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט״, לאָנדאָן, 1920, ז. 12.

קאָן באַצייכענט ווערען אַלס קוואַנטיטאַטיווער, ד. ה. לויט זיין גרויס, ווי למשל אין דאָס רוב אייראָפּעאישע לענדער, וואו די אָר־גאַניזירטע אַרבייטער־באַוועגונג איז פון איהר סאַמע אָנפאַנג אָן איינגעוואָרצעלט אין סאָציאַליסטישען געדאַנק און די הויפּט־אויפ־גאַבע פון די סאָציאַליסטען איז צו פאַרגרעסערען די דאָזיגע באַ־וועגונג. אָדער ער קאָן באַצייכענט ווערען אַלס קוואַליטאַטיווער, ד. ה. לויט זיינע אייגענשאַפטען און מעלות, ווי צ. ב. אין אַנגלאָ־זאַקסישע לענדער, וואו די אָרגאַניזירטע אַרבייטער־באַוועגונג איז אויסגעוואַקסען גרויס, אָבער עס פעהלט איהר קלאַסען־באַוואוסט־זיניגע קלאָהרקייט, וואָס די סאָציאַליסטען סטאַרען זיך אויסצור־פילען דאָרט. אין די לענדער פון דעם ערשטען סאָרט איז די הויפּט אויפגאַבע פונ׳ם סאָציאַליזם צו אָרגאַניזירען און פאַרגרעסערען די באַוועגונג, און אין דעם צווייטען סאָרט לענדער דאַרפען די סאָ־ציאַליסטען הויפּטזעכליך פּראָפּאַגאַנדירען. אָבער קיין אונטערשייד צי די אומרייפקייט פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג באַשטעהט הויפּטזעכליך אין איהר גרויס אָדער אין איהרע גייסטיגע אייגענ־שאַפטען, איז דאָך קלאָר, אַז ס׳איז ניטאָ קיין זין אָדער רעכטפער־טיגונג צו „סיסטעמאַטיש פאַרשפּרייטען צווישען די מאַסען״ די אַנזיכט, געגרינדעט אויף אַ השערה, אַז אַ גוואַלט־רעוואָלוציע איז נוטיג אָט אין דער פאָרבאַרייטונגס־שטופע. פאַר די אַרבייטער שטעהט דאַן פאַר די פראַגע, צי ס׳איז פּראַקטיש אַזאַ רעוואָלוציע און צי ווילען זיי איהר אין גאַנצען האָבען און ניט וואָס פאַר אַ סאָרט רעוואָלוציע דאָס זאָל זיין און וואָס פאַר אַן אויסזעהן זי זאָל האָבען. די מאַרקסיסטישע סאָציאַליסטען האָבען שטענדיג, און מיט רעכט, צוריקגעוויזען די פּראָפּאַגאַנדע פון גוואַלט־מיטלען אַלס אַ געגענוואַרטיגע מעטאָדע, אָדער זאָגאַר אַלס אַ צוקונפטיגע נויט־ווענדיגקייט אונטער געוויסע אומשטענדען. גוואַלדטאַטען, אַלס אַ מין „פּראָפּאַגאַנדע דער טאַט״, זיינען בלעטלאַך פון מיכאַאיל באַ־קונינ׳ס בוך, ניט פון קאַרל מאַרקס׳.

די פראַגע צו נוצען קראַפט אָדער צוואַנג־מיטלען קריגט אַ פּראַקטישע באַדייטונג בלויז דאַן, ווען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט זיך אַנטוויקעלט צו אַזאַ גראַד פון רייפקייט, וואו זי קאָן שוין מיט ערפאָלג אויפפאָדערען אין קאַמף די פּאָליטישע הערשאַפט

פון דער בורזשואַזיע און ס'עקזיסטירען שוין די אָביעקטיווע און סוביעקטיווע באַדינגונגען פאַר אַ סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע.

מוז אַ סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע אויסגעפיהרט ווערען מיט גוואַלט? דיסקוטירענדיג אָט די פראַגע, וועל איך זיך דערווייל באַשרענקען אויף דעם מאָמענט פון דער רעוואָלוציע, אויף דער טאַט פון פאַרכאַפּען די רעגירונגס־מאַכט.

די קאָמוניסטישע רביים זיינען אַלע איינשטימיג און ענט־פערען אויסדריקליך יאָ.

„אָהן אַן אויפטרייסלענדער גוואַלט־רעוואָלוציע איז אוממעג־ליך איינצופיהרען דעם פּראָלעטאַרישען שטאַט אויפ'ן פּלאַץ פון קאַפּיטאַליסטישען", באַהויפּטעט אויסדריקליך לענין *). בוכאַרין לענט פאַר די טעאָריע, דאַס „יעדע רעוואָלוציע מיינט נוצען קראַפט געגען די פריהערדיגע הערשער", און ער פּראָקלאַמירט דעם שלאַג־וואָרט: „שטירצט די אימפּעריאַליסטישע רעגירונגען דורך באַוואַ־פענטע אויפשטאַנדען."**) זינאָוויעוו ערקלערט בירגער־קריג אַלס „אַן עובדא פון דעם קלאַסען־קאַמף". די פּלאַטפאָרמע־רעזאָלוציאָן פון קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל זאָגט, אַז דער קלאַסען־קאַמף פאַרוואַנדעלט זיך אומפאַרמיידליך אין אַ בירגער־קריג און אַז דער פּראָלעטאַריאַט מוז אָנקומען צו אַ באַוואַפענטען אויפשטאַנד", און קאַבאַטשעוו, דער בולגאַרישער דעלעגאַט צום צווייטען קאָנגרעס פון קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל, האָט, באַריכטענדיג פאַר דער קאָנסטיטוציאָנס־קאָמיטע, אַרויסגעבראַכט דעם ברייטען פּרינציפּ:

„נאָר דורך אַן אויפשטאַנד, דורך באַשאַפען אַ קלאַסען־אַרמיי, און דורך אַן אַנטשיידענעם קאָמפּראָמיסלאָזען באַוואַפענטען קאַמף קאָן מען אַרויסרייסען די מאַכט ביי די עקספּלואַטאַטאָרס פון די הענט, און אַרונטערשטירצען פון זיך דעם יאָך פון דער קאַפּיטאַ־ליסטישער אָרדנונג." ***)

די סאָציאַליסטען פון דער מאַרקסיסטישער שול האָבען גע־זאָגט, אַז ס'לענט זיך אויפ'ן שכל די השערה, דאָס אין דעם אַנט־

*) „דער שטאַט און רעוואָלוציאָן", ז. 25.

**) „פּראָגראַם פון די קאָמוניסטען", ז. 16 און 77.

***) „דער צווייטער קאָנגרעס פון קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל", ז. 89 און 90.

שיידענעם מאָמענט וועלען די הערשענדע קאַפּיטאַליסטישע קלאַסען אין די פאַרשיידענע לענדער זיך ניט אונטערגעבען צום פּראָלעטאַריאַט אָהן אַ בלוטיגען קאַמף. דער נייער פּרינציפּ, וואָס די קאָמוניסטען האָבען אריינגעבראַכט אין דער טעאָריע, איז די פעסטגעשטעלטע אומפאַרמיידליכקייט פון גוואַלט אין דער סאָציאַלער רעוואָלוציע און זייער טענדענץ צו באַטראַכטען עס אַלץ אַן אָנגריפסוואַפע גיכער איידער אַ פאַרטיידיגונגס־מיטעל.

מארקס און ענגעלס האָבען, באַזונדערס אין זייערע ערשטע שריפטען, אין אַלגעמיין פאַרגעשטעלט די סאָציאַלע רעוואָלוציע אַלס אַ פירכטערליכער בלוטיגער קאַמף, כאָטש זיי האָבען צוגעגעבען, אַז אויסנאַמען זיינען מעגליך אין אייניגע לענדער. אָבער זיי האָבען קיינמאָל ניט גערעכענט, אַז גוואַלט זאָל שפּילען אַ באַזונדערע, וויכטיגע ראָלע ביים אויספיהרען די רעוואָלוציע. גוואַלט קאָן זיין „די הייבאַמע ביי יעדער אַלטער געזעלשאַפט, ווען זי שוואַנגערט מיט אַ נייער", ווי מארקס דריקט זיך אויס, אָבער די הייבאַמע איז אַבסאָלוט ניט בכח ארויסצוברענגען אויף דער וועלט אַ געזונטע קינד איידער די קינד האָט זיך פאָלקאָם אַנטוויקעלט אין דער געבעהר־מוטער.

דערצו זיינען מארקס' און ענגעלס' געדאַנקען איבער דעם דאָזיגען ענין באַגרינדעט ניט מעהר ווי אויף השערות, וואָס לעגען זיך אויפ'ן שכל, און ניט אויף פאַקטען. זיי האָבען פאַר זיך ניט געהאַט קיין היסטאָרישע ביישפּילען פון קאָנקרעטע סאָציאַליסטישע רעוואָלוציאָנען, לויט וועלכע זיי וואָלטען געקאָנט ציהען גילטיגע שלוסען וועגען דעם כאַראַקטער און פסיכאָלאָגיע פון אַזעלכע רעוואָלוציאָנען. דער איינציגער פאַל פון אַ פּראָלעטאַריער־אויפשטאַנד, וואָס איז זיי געווען באַקאַנט, איז די פאַריזער קאָמונע, וועלכע קאָן זיך קוים פאַרגלייכען מיט אַ מאָדערנער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע.

פאַר די לעצטע עטליכע יאָהר, אָבער, האָבען שוין שטאַטגעפונען עטליכע פעלע, וואו סאָציאַליסטען האָבען פאַרכאַפּט די רעגירונגס־מאַכט פון זייערע לענדער, און קיין ווינסענשאַפטליכע רעוואָלוציאָנס־טעאָריע קאָן איצט זיך ניט ערלויבען אַוועקצומאַכען אונטער'ן האַנד אַזעלכע אומשעצבאַרע ערפאַהרונגען.

פינלאַנד איז געווען די ערשטע, וואו די סאָציאַליסטען האָבען ערוואָרבען די פּאָליטישע אויבערהאַנט. די מאַכט איז דאָרט פון אָנפאַנג ערוואָרבען געוואָרען דורך אַ ריין פּאַרלאַמענטאַרישען זיג. אין די אַלגעמיינע וואַהלען פון 1916 האָט די סאָציאַליסטישע פּאַר־טיי אין פינלאַנד געוואונען 103 פון די 200 פּלעצער אין פּאַרלאַ־מענט. עס איז געגרינדעט געוואָרען אַ קאָאַליציאָנס־קאַבינעט מיט דעם סאָציאַליסט אָסקאַר טאָקאָי אַלס פּרעזיצענדער, אָדער פּרע־מיער און די איבריגע מיניסטאָרען־שטעלען זיינען צוטיילט געוואָרען גלייך צווישען סאָציאַליסטען און ניט־סאָציאַליסטען. אָט דער פּאַרלאַמענט האָט עס דעם 18טען יולי, 1917, פּראָקלאַמירט פינ־לאַנד'ס אומאָפּהענגיגקייט. קערענסקי'ס רעגירונג אין רוסלאַנד, וועלכע האָט געהאַנדעלט אין איינקלאַנג מיט דער פינלענדישער בורזשואזיע, האָט זיך אָנטזאַגט צו אַנערקענען די גילטיגקייט פון דער פינלענדישער אומאָפּהענגיגקייטס־ערקלעהרונג. ער האָט צע־טריבען דעם פּאַרלאַמענט און געהייסען מאַכען נייע וואַהלען. די סאָציאַליסטישע און ארבייטער־אָרגאַניזאַציאָנען האָבען זיך אָנט־זאַגט צו אַנערקענען די נייע וואַהלען און די בורזשואזע רעגירונג, וואָס האָט זיך אויף זיי געשטיצט. דעם 27טען יאַנואַר, 1918, האָבען זיי פּראָקלאַמירט אַ גענעראַל־סטרייק, האָבען פאַרטריבען די נייע רעגירונג און געגרינדעט אַ רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטישע רעגירונג אונטער'ן נאָמען די „פּראָוויזאָרישע רעגירונג פון דער פינלענדישער פאָלקס־רעפּובליק." דער דאָזיגער אויפשטאַנד איז באַגלייט געוואָרען מיט פיל גוואַלט.

דער אָנפאַנג פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע אין רוס־לאַנד, 7טען נאָוועמבער, 1917, קאָן אויך אָנגערופען ווערען אַ פּאַר־לאַמענטאַרישער זיג: די באָלשעוויקעס האָבען געוואונען אַ מאַ־יאָריטעט אין דעם ראַט פון ארבייטער און סאָלדאַטען. די פּראָ־וויזאָרישע רעגירונג איז אָפּגעשאַפט געוואָרען דורך אַן אוקאַז פון „מיליטערישען רעוואָלוציאָנערען קאָמיטעט" פון פּעטראָגראַדער ראַט פון ארבייטער־ און סאָלדאַטען־דעפּוטאַטען, וועלכער האָט אריינגענומען די רעגירונגס־לייצעס אין זיינע הענט.

ווייניג ווידערשטאַנד איז פאַרהעלטניסמעסיג געמאַכט גע־וואָרען צום איבערגאַנג פון מאַכט, און די נייע רעגירונג איז אימ־

שטאַנד געווען מיט צופרידענהייט צו פאַרצייכענען, אַז „ס'איז זעלטען ווען אַזוי ווייניג בלוט פאַרגאָסען געוואָרען, און זעלטען ווען האָט אַן אויפשטאַנד געהאַט אַזוי פיל ערפאָלג."*)

אין דייטשלאַנד האָבען פריהער אויסגעבראָכען לייכטע אויפשטאַנדען און אַן איין־טאָגיגער גענעראַל־סטרייק האָט שטאַטגעפונען איידער די סאָציאַליסטען האָבען אויף אַ ווײַלע פאַרנומען די מאַכט. די רעוואָלוציע אַליין איז דורכגעפיהרט געוואָרען כמעט מיט אַ ביוראָקראַטישער פאָרמאַליטעט. דעם 9טען נאָוועמבער, 1918, האָט וויליאַם דער 2טען אָפּגעדאַנקט לויט דער מאַיאָריטעט־פאָדערונג פון רייכסטאַג. דעם זעלבען טאָג האָט דער קייזערליכער קאַנצלער, פרינץ מאַקס פאָן באַדען, פרייוויליג איבערגעגעבען זיין אַמט צום סאָציאַל־דעמאָקראַט פרידריך עבערט, און פיליפּ שייַדעמאַן האָט פון פענסטער פון דער רייכסטאַג־געביידע פּראָקלאַמירט די גרינדונג פון אַ רעפּובליק מיט אַ דורכאויס סאָציאַליסטישער רעגירונג. דעם 11טען נאָוועמבער איז איינגעריכטעט געוואָרען אַ ראַט פון פאָלקס־קאָמיסאַרען, וואָס אַרבייט ווי אַ מיניסטאָרען־קאַבינעט, אין וועלכען דריי פאַרטרעטער זיינען פון די מאַיאָריטעט סאָציאַליסטען און פונקט אַזוי פיל פון די מינאָריטעט־סאָציאַליסטען. די צאָהל קרבנות אין דער רעוואָלוציע איז געווען בלויז עטליכע גע'הרג'עטע אין קליינע ראַיאָטען פון די גאַסען־דעמאָנסטראַציעס דעם טאָג פון 9טען נאָוועמבער.

די עסטרייכישע רעוואָלוציע איז ביז אַ גרויסען גראַד געווען אַ קאָפּיע פון דער דייטשער. דעם 30טען אָקטאָבער, 1918, ווען די האַפּסבורג־דינאַסטיע איז אַרונטערגעזעצט געוואָרען, האָט דער פּאַרלאַמענט פּראָקלאַמירט אַ רעפּובליק און אָרגאַניזירט אַ פּראָוויזאָרישען שטאַטס־ראַט אונטער דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָנפיהרערשאַפט. דער איבערגאַנג איז געווען דורכאויס אַ בלוטלאָזער.

די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע אין אונגאַרן, דעם 24טען מערץ, 1919, האָבען די אַרבייטער געקראָגען גרעסטענטיילס אַלס פּרייוויליגע, און מ'קאָן זאָגען פּאַטאָלע, מתנה פאַר דער קאָאַלי־

*) דזשאָהן ריד, „צעהן טעג, וואָס האָבען אויפגעטרייסעלט די וועלט", ניו יאָרק, 1919, ז. 85.

ציאָנס־רעגירונג. די שווערע פרידענס־באַדינגונגען פון די עלאַיס־רעגירונגען און די הונגער־בלאָקאַדע, וואָס איז אַרויפגעלעגט גע־וואָרען אויפ'ן לאַנד, צוזאַמען מיט דער באַאומרוהיגענדער ווירקונג פון דער וואַקסענדער אומצופרידענהייט פון פאָלק, האָט געבראַכט דעם קאַראָלי־קאַבינעט צו רעזיגנירען „לטובת דער פּראָלעטאַריער־דיקטאַטור", — אַ טאַט פון אי אונטערגעבען זיך, אי צו־להכעיס, אי העזה און אויפפאָדערונג.

די פּאַריזער קאָמונע איז ביז אַ גרויסען גראַד געווען אַ צו־פאַל פון דער פראַנצויזיש־פּרייסישער קריג. מיט דער מפּלה פון דער פראַנצויזישער אַרמעע איז געשטירצט געוואָרען די צווייטע אימפּעריע אונטער נאַפּאָלעאָן דעם 3טען. די נייע רעפּובליקאַנישע רעגירונג פון טהיער, וואָס איז געזעסען אין ווערסאַל, האָט נאָך קיין צייט ניט געהאַט צו פאַרנעמען די גאַנצע מאַכט. די מאַסע פון דער פּאַריזער בורזשואַזיע איז אַנטלאָפען, ווייל מ'האָט ער־וואַרטעט אַ באַלאַגערונג, איז די שטאָדט פאַרבליבען ביי די אַר־בייטער אין די הענט. זיי האָבען אויך געהאַט די באַוואָפענטע חיל פון פּאַריז, די נאַציאָנאַלע וואַך, וועלכע איז אָרגאַניזירט געוואָרען אין דער צייט פון דער מלחמה און איז באַשטאַנען מעהרסטענטיילס פון פּראָלעטאַריער. די ערנידערונג פון דער מפּלה און די צרות, וואָס מ'איז אויסגעשטאַנען פון דער מלחמה און דער באַלאַגערונג פון די 131 טעג, האָבען שטאַרק אויפגערודערט דעם פּאַריזער אַר־בייטער און צוגעפּערטיגט איהם צום אויפשטאַנד. די באַהאַלטענע געגנערשאַפט צווישען זיי און די ווערסאַילער קרעפטען פון דער בורזשואַזיע איז אַרויסגעשפּרונגען אין דרויסען, ווען די בורזשואַ־זיע האָט דעם 18טען מערץ, 1871, געפּרובירט צו פאַרכאַפּען די אַרטילעריע פון דער נאַציאָנאַלער וואַך. דער פאַרזוך איז דורכגע־פאַלען; עס זיינען אָפּגעהאַלטען געוואָרען אַלגעמיינע שטאָדט־וואַהלען, און דעם 28טען מערץ איז פּראָקלאַמירט געוואָרען די פּאַריזער קאָמונע. די אומענדערונג פון דער רעגירונג איז אויסגע־פיהרט געוואָרען אָהן בלוט־פאַרגיסונג.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז די ביישפּילע פון די דאָזיגע רעוואָלו־ציעס גיבען נאָך אייך ניט קיין גאַראַנטיע, אַז אין די צוקונפטיגע פּראָלעטאַריער־רעוואָלוציעס וועט דאָס „מאַכט־פאַרכאַפּען" פּאַ־

סידען אויף אַ פרידליכען אופן. די רעוואָלוציעס זיינען אַלע פאַר־געקומען אונטער אויסערגעוועהנליכע אומשטענדען, וואָס זיינען דירעקט אָדער אינדירעקט צוגעגרייט געוואָרען פון דער מלחמה. מ'דאַרף אָבער האָבען אין זינען, אַז סאָציאַלע רעוואָלוציעס אין אַלגעמיין וועלען פּאַסירען דאָס רוב אונטער אומגעוועהנליכע אומ־שטענדען, ווען די ווידערשטאַנדס־קראַפט פון דעם הערשענדען קלאַס איז אַמוועניגסטענס אויף אַ ווייַלע אָפּגעשוואַכט. האָבענ־דיג פאַר זיך די היסטאָרישע ערפאַהרונג, איז עס, אַלזאָ, אַ ביסעל צו איבעראיילט צו באַהויפּטען, אַז גוואַלט איז אומפאַרמיידליך פאַר'ן ארבייטער־קלאַס ביים איבערנעמען די פּאָליטישע מאַכט.

אַן אַנדער פראַגע איז וועגען דער נויטווענדיגקייט פון גוואַלט אויף אויפצוהאַלטען די פּאָליטישע מאַכט, וואָס די פּראָלעטאַריער־רעוואָלוציע האָט ערָאבערט. דאָ דערצעהלט אונז די היסטאָריע אַ גאַנץ אַנדער מעשה.

די פראַנצויזישע קאָמונאַרען האָבען ניט באַגריפען די אומ־געהויערע וויכטיגע באַדייטונג פון דער מיליטערישער שוץ פאַר זייער רעגירונג. אַנשטאָט צו פאַרדעקען זייערע פּאָליטישע אונ־טערשיידען און אָרגאַניזירען אַלע זייערע כחות און מיטלען אויף צוריקצושטויסען די אַטאַקעס פון זייערע געגנער מיט אַ שטאַרקען, פאַראייניגטען און דיסציפּלינירטען ווידערשטאַנד — אַנשטאָט דעם, האָבען זיי גאָר ארויסגעוואָרפען די גאָלדענע צייט אויף טעָ־אָרעטישע ויכוחים און קלייזעל־מחלוקות. און אין דער צייט וואָס די אָנפיהרער פון דער פּראָלעטאַריער־רעוואָלוציע האָבען זיך באַ־שעפטיגט מיט ווערטער, האָבען די „קעפּ“ פון דער בורזשואַזער קאָנטער־רעוואָלוציע זיך פלייסיג צוגעגרייט צו האַנדלען. נאָך אַ צאָהל פאָרבארייטענדע צוזאַמענשטויסונגען, וועלכע זיינען געווען מעהר אָדער ווייניגער ערפאָלגרייך, איז דער ווארסאילער (קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער) ארמעע, מיט דער הילף פון גרויסע צאָהלען מי־ליטערישע געפאַנגענע, וואָס די פּרייסישע יונקערם האָבען ספּעַ־ציעל פאַר דעם צוועק באַפרייט, געלונגען אריינצוקומען אין פּאַ־ריז (21טען מאַי). דער קאַמף, וואָס האָט אויסגעבראָכען און גע־דויערט אַכט טעג, איז געווען אַן איינגעשפּאַרטער, אָבער די כחות פון די קעמפּענדע צדדים זיינען ניט געווען קיין גלייכע, און די

לעצטע העלדישע פארטיידיגער פון דער ארבייטער־רעפובליק זיינען באזיגט געוואָרען. די בורזשואזיע איז ווידער אמאָל ארויף אויפ'ן טראָן, און די וועכטער פון „געזעץ און אָרדנונג" האָבען געפייערט זייער זיג מיט א לאנגער סדרה פון שווידערליכער בעסטיאלער ראכע.

„ווען דער קאמף איז פאראיבער", שרייבט ליסאגארע, דער גלענצענדער היסטאָריקער פון דער קאָמונע, האָט מען די ארמעע פארוואנדעלט אין א ריזיגער מחנה פון הענקער. איבער 5000 גע־פאנגענע, וואָס מ'האָט פארנומען אין דעם געגענד פון פער־לא־שעז, זיינען אוועקגעפיהרט געוואָרען אין דער לא־ראָקעטער טורמע. א באטאליאָן־הויפט איז געשטאנען ביים אריינגאנג און באטראכט די געפאנגענע. ניט ווענדענדיג זיך צו זיי אפילו מיט קיין איין פראגע, האָט ער באפעהלען „רעכטס" אָדער „לינקס". די, וואָס זיינען געשיקט געוואָרען לינקס, זיינען אויגענבליקליך דערשאָסען געוואָרען.*) מ'שאצט, אז ניט ווייניגער פון 20,000 ארבייטער זיינען אויף אזא אופן אָהן שום צערעמאָניעס הינגעריכטעט גע־וואָרען אין די ערשטע טעג פון דעם בורזשואזען זיג, און ארום 14,000 זיינען נאכהער פון א קריגס־געריכט פאראורטיילט גע־וואָרען צו טויט, טורמע אָדער פארשיקונג.

„צו געפינען א פארגלייך מיט דער דאָזיגער האנדלונג (ראכע איבער די קאָמונארען)", זאָגט קארל מארקס, „מוזען מיר געהן צוריק צו די צייטען פון סוללא און די צוויי טריאומוויראטען אין רוים. דיזעלבע קאלט־בלוטיגע נידערטרעכטיגע מערדערייען, אָהן א טראָפען רחמנות אפילו אויף קינדער און אלטע לייט; דיזעל־בע מעטאָדען צו מוטשען ארעסטירטע; דיזעלבע גרויזאמע אור־טיילען, אָבער איצטיגען מאָל איז עס פון א גאנצען קלאַס; דער־זעלבער ווילדער געיעג נאָך פארבאהאלטענע פיהרער, טאָמער אנט־לויפט אימיצער; דיזעלבע פארדאמונג פון פאָליטישע און פריוואַ־טע פיינד; דיזעלבע גלייכגילטיגקייט צו דער שעכטעריי פון גאנץ זייטיגע מענשען, וואָס האָבען קיין שייכות ניט מיט דעם קאמף. בלויז איין אונטערשיד איז פאראן: די רוימער האָבען ניט געהאט קיין קאנאָנען אויף אויסצושלאכטען הורטאם די פאראורטיילטע

*) „געשיכטע דער קאָמונע פון 1871", שטוטגארט, 1894, ז. 351.

און זיי האָבען ניט פּרעטענדירט, אַז זיי טוען עס אין נאָמען פון געזעצע און „ציוויליזאַציאָן“.*)

די פינלענדישע אָנפיהרער פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע האָבען ניט געהאַט אין זינען די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע געפאַהר. זיי האָבען אָרגאַניזירט אַ „רויטע גוואַרדיע“, וועלכע איז באַשטאַנען פון די סאַמע בעסטע פינלענדישע אַרבייטער און איז געווען אַ פעהיגע, אַנטשלאָסענע און דיסציפּלינירטע קערפּערשאַפט. ווען די פינלענדישע אַרבייטער וואָלטען געהאַט צו באַקעמפען בלויז זייער אייגענע בורזשואַזיע, וואָלטען זיי אָהן ספק אַרויס די זיגער. אָבער די אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט פון די עקספּלואַטאַטאָרס האָט זיך אַרויסגעוויזען צו־שטאַרק פאַר זיי. די „ווייסע גוואַרדיע“ פון דער פינלענדישער בורזשואַזיע איז געשטיצט געוואָרען דורך וואַפען און אַמוניציע פון שוועדען און אַנדערע לענדער, און אויסגעהאָלפען געוואָרען פון רעגימענטען ערפאַהרענע דייטשע סאָלדאַטען. דער רעבעלירענדער פּראָלעטאַריאַט פון דער קליינער לאַנד איז באַזיגט געוואָרען פון דער גרעסערער אינטערנאַציאָנאַלער קאַפּיטאַליסטישער מאַכט, און דער קאַפּיטאַליזם האָט גענומען בלוטיגע ראַכע. דער „ווייסער טעראָר“ פון דער זיגרייכער פינלענדישער בורזשואַזיע איז געווען אַ פאָלשטענדיגער, אַ גרויזאַמער, אַ בלוט־פאַרגליווערענדער. איבער 100,000 מענער, פרויען און קינדער זיינען איינגעשפּאַרט געוואָרען; 15,000 אַרבייטער זיינען אָהן שום צערעמאָניעס הינגעריכטעט געוואָרען, און נאָך 15,000 זיינען אויסגעשטאָרבען פון הונגער. די סאָציאַליסטישע און אַרבייטער־באַוועגונגען פון לאַנד זיינען ערקלעהרט געוואָרען אַלס אומגעזעצליכע, זייערע צייטונגען זיינען אונטערדריקט געוואָרען און זייערע הויפּט־קוואַרטירען האָט פאַרנומען די ווייסע גוואַרדיע.

די באָלשעוויסטישע רעגירונג פון רוסלאַנד האָט אין די ערשטע טעג פון איהר עקזיסטענץ ווענינ געטראַכט וועגען שוץ פאַר דער רעוואָלוציע. די אַרמעע איז דעמאָביליזירט געוואָרען, און די איינציגע מיליטערישע קראַפט, אויף וועלכער דער רעוואָלוציאָנערער

*) „בירגער־קריג אין פראַנקרייך“, ז. 69.

פראָלעטאריאט האָט זיך געקענט פארלאָזען, איז געווען עטליכע שוואך־אָרגאַניזירטע פּריוואַטע מחנות ארבייטער. טויט־שטראָף איז אָפּגעשאפט געוואָרען, און דער אָפּאָזיציאָן האָט מען ערלויבט פולע רעדע־ און פּרעס־פרייהייט. אָט דער פעריאָד פון „ראָזעווע חלומות" און „סענטימענטאלער יוגענד", ווי קאמעניעוו רופט איהם אָן, האָט געדויערט ארום 6 מאָנאטען. אין פריהלינג פון 1918 האָבען זיך באוויזען די ערשטע סימנים פון אקטיווע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע פארשווערונגען, און זיי זיינען כסדר געוואָרען אַלץ גרעסער און ערנסטער. די פלוצלונגע פארזוכען פון דער רוסישער בורזשואזיע פון צייט צו צייט צו גרינדען געגען־רעגירונגען דאָ אין איין טייל פון לאנד און דאָ אין אַן אנדער טייל, וואָלטען קיין ממשות ניט געהאט, ווען זיי וואָלטען ניט געווען שטארק געשטיצט פון די מעכטיגע רעגירונגען פונ'ם אנטאנט און פון א רייהע קינסט־ליך־אויפגערייצטע מלחמות אין עטליכע גרענעץ־לענדער. די רו־סישע רעוואָלוציע איז ניט באזיגט געוואָרען, ווייל גינסטיגע אומ־שטענדען האָבען איהר געגעבען צייט און מעגליכקייט צו אָרגאַני־זירען א שטארקע פארטיידיגונג. די רוסישע בורזשואזיע איז געווען שוואך, שוואכער ווי די בורזשואזיע פון אירגענד אנדער וויכטיגער לאנד אין אייראָפּא. איינע אליין האָט זי געהאט ניט די מיטלען און ניט די פעהיגקייט צו אָרגאניזירען אַן ערפאָלגרייכע קאָנטער־רעוואָלוציאָן. די אויסלענדישע קאפּיטאליסטישע רעגירונ־גען האָבען נאָר־וואָס דורכגעמאכט די שווערסטע מלחמה אין דער געשיכטע. זיי זיינען געווען ערשעפּט, און זייערע באפעלקערונגען זיינען געווען מיד און איבערדרריסיג פון קריג און שלאכטען, און דערצו אומרוהיג, אומצופרידען. האָבען די רעגירונגען ניט גע־קענט און ניט געוואגט ארויסצוטרעטען אין א גרויסער אָפענער מלחמה געגען רוסלאנד. די ווירקונג פון דער בלאָקאדע איז אָפּ־געשוואכט געוואָרען דורך דעם, וואָס די לאנד קען זיך פארהעלט־ניסמעסיג אליין אויפהאַלטען עקאָנאָמיש, און די אומגעהויערע גרויס פון דער לאנד האָט געדינט אלס שוץ, אז די פיינדליכע מחנות זאָלען איהר ניט קענען פארנעהמען.

א חוץ דעם האָט די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג פון רוסלאנד גענומען ענערגישע פארטיידיגונגס־מיטלען ביים ערשטען צייכען פון

געפאַהר. אין אַפּריל, 1918, איז אויפגעשטעלט געוואָרען די „רויטע אַרמעע“, און די אָרגאַניזאַציאָן איז כסדר אויסגעבעסערט געוואָרען און פאַרגרעסערט געוואָרען, ביז זי האָט געקענט ערפאָלג־רייך אויפנעהמען אַלע באַוואַפענטע אַטאַקעס. אין דערזעלבער צייט זיינען אָנגעווענדעט געוואָרען ענערגישע פּאָליטישע מיטלען צו אונטערדריקען די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע. אָט די רויטע אַרמעע, וואָס איז געשווינד אין צייט אָרגאַניזירט געוואָרען און די שנעלע אונטערדריקונג פון קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע פאַרשווערונגען האָבען גערעטעט סאָוויעט־רוסלאַנד.

פון די ערפאַהרונגען פון דייטשלאַנד און עסטרייך איז ווייניג וואָס צו לערנען וועגען נאָך־רעוואָלוציאָנערע קאַמפּען. ביים אויס־ברוך פון די רעוואָלוציעס אין די דאָזיגע לענדער זיינען זייערע פעלקער געווען צעטומעלט און פאַרטויבט פון נידערלאַגע, אָפּהענ־טיג, יאוש׳דיג, דעמאָראַליזירט, ווערענד די סאָציאַליסטישע באַ־וועגונג, איבערהויפּט אין דייטשלאַנד, איז געווען צעריסען און ני־דערגעשלאָגען. די סאָציאַליסטען האָבען אָנגענומען די מאַכט ניט מיט׳ן גאַנצען האַרצען. זיי האָבען קיין חשק ניט געהאַט צו האַל־טען די מאַכט געגען אַ שטאַרקער אָפּאָזיציאָן, און זיי האָבען זיך ניט צוגעגרייט צו פאַרטיידיגען זי. זיי האָבען ניט געקענט אויפ־האַלטען די אייניגקייט אין זייערע אייגענע רייהען און אויך ניט זייערע אָנהענגער אין די נאָכפאָלגענדע וואַהלען. האָט זיך די פּאָליטישע מאַכט אַרויסגעגליטשט פון זייערע הענט אַזוי שטיל און אומבאַמערקט, ווי זי איז געקומען צו זיי.

די פיהרער פון דער אונגאַרישער סאָוויעט־רעפּובליק האָבען אויך פאַרנאַכלעסיגט אָנצונעהמען שטאַרקע מיטלען פאַר דער פאַר־טיידיגונג פון דער רעוואָלוציע. אין דעם משך פון די פיר מאָ־נאַטען פון זייער מאַכט האָבען זיי געלעבט אין אַ פאַלשען גן־עדן: זיי האָבען געבויט די זיכערהייט פון זייער רעזשים הויפּטזעכליך אויפ׳ן גוטען ווילען פון פאָלק. עס זיינען, אמת, אָרגאַניזירט גע־וואָרען אַ רויטע אַרמעע און רעוואָלוציאָנערע טריבונאַלען, אויסער־ליך לויט׳ן רוסישען מוסטער, אָבער די דאָזיגע אינסטיטוציאָנען זיינען געווען ווייט ניט גענוגענד און ניט שטאַרק.

מיט'ן אריינדרינגען פון די מחנות רומענישע חיל האָט די פאַר־ביטערטע אונגאַרישע בורזשואַזיע געקראָגען די לאַנג־ערוואַרטעטע געלעגענהייט צו נעמען בלוטיגע נקמה פון רעוואָלוציאָנערען פּראָ־לעטאַריאַט. זיי האָבען געשטירצט די סאָוויעט־רעגירונג און איינ־געפיהרט אַ הערשאַפט פון טעראָר, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכען ניט לויט איהר בלוט־דורשטיגקייט און בעסטיאַליטעט.

אַלזאָ, די ערפאַהרונג פון אַלע פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציעס צייגט, אַז כאָטש דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס ווערט פון אָנפאַנג צעטומעלט און צעבראָכען פון דעם פּלוצלונגען מעכטיגען רעוואָלו־ציאָנערען שפּרונג און ער גיט זיך אויף אַ ווײַלע אונטער אָהן ווי־דערשטאַנד, מעג מען אָבער ערוואַרטען, אַז באַלד ווי ער וועט נאָר עטוואָס צו זיך קומען פון דער ערשטער איבערראַשונג, וועט ער גלייך צוזאַמענגעהמען זיינע קרעפטען פאַר אַ געגען־אַטאַקע. דער קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער קאַמף פון דער בורזשואַזיע פאַנגט זיך אָן נאָך דער ערפּאָלגרייכער פּראָלעטאַר־רעוואָלוציע. כדרך הטבע האָט ער די פולע אַקטיווע שטיצע פון אינטערנאַציאָנאַלען קאַפּי־טאַליזם. דער קאַמף איז אַן אומאויפהערליכער, אַ פאַרביטערטער און אַ בארמלאָזער, און וועה צו די רעבעלירענדע אַרבייטער ווען זיי ווערען ענדליך באַזיגט.

אין די היסטאָרישע ביישפּילע, וואָס מיר האָבען פאַר זיך, האָט ניט דער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַריאַט זיך באַנוצט מיט גוואַלדטאַטען ביים שטירצען די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונג, זאָנ־דערן די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע בורזשואַזיע האָט עס שטענדיג אָנגעווענדעט גוואַלט־מעטאָדען ביים דערשטיקען די אָרגאַניזירטע אַרבייטער־רעגירונג. די גוואַלט, וואָס די רעוואָלוציאָנערע אַר־בייטער־רעגירונג האָט גענוצט אויף אָנצוהאַלטען איהר מאַכט, איז אין אַלע פעלע געווען אַ פאַרטיידיגונגס־גוואַלט, ניט קיין אָנ־גרייפענדע.

אָבער צי אַזאַ גוואַלט איז לויט איהר כאַראַקטער און אור־שפּרונג אַ פאַרטיידיגענדע אָדער אַן אָנגרייפענדע, איז נאָך אַלעמען אַ פראַגע בלויז פון טעאָרעטישער באַדייטונג. עס איז גאַנץ גענוג קלאָר, אַז אַ פּראָלעטאַריער־רעזשים מוז אין אַלע צייטען אויפ־האַלטען אַ געניגענדע און שטאַרקע אָרגאַניזאַציאָן צו באַשיצען

זיינע ערּאָבערונגען, און ער מוז זיין באַזונדערס מונטער און אַנט־שלאָסען אין אָנפאַנג פון זיין עקזיסטענץ, ווייל דאַן וועלען אָפטער אויסברעכען קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע קאַפּיטאַליסטישע אַטאַקעס און דאַן וועלען זיי זיין אַם געפעהרליכסטען.

וויפיל גוואַלט איז, אַלזאָ, נויטיג אויף אויפצוהאַלטען די הערשאַפט פון אַרבייטער־קלאַס אָדער די פּראָלעטאַריער־דיקטאַטור?

ווען אַ קאַפּיטאַליסטישע רעגירונג פיהלט זיך זיכער, פאַרלאָזט זי זיך אויף די געוועהנליכע וואָפען, ווי די פּאָליציי און געריכטען, אויף צו אונטערדריקען אַלע אויפשטאַנדס־אויסברוכען. ווען אַזעלכע אויפשטאַנדען ווערען גרעסער און געפעהרליכער, פיהרט די רעגירונג איין דעם שטרענגען קריגס־צושטאַנד, אָנשטאַט געוועהנליכע ציווילע משפטים, און באַשרענקט אָדער שאַפט אָהן צערעמאָניעס אין גאַנצען אָפּ די פּאָליטישע רעכטע פון איהרע געגנער. קריגס־צושטאַנד אין אַ פאַרשטאַרקטער פאָרמע און אָנגעווענדעט אויף אַ ברייטען מאַסשטאַב, איז רעגירונגס־טעראָר — ווייסער בורזשואַזער טעראָר.

אַן אַרבייטער־קלאַס רעגירונג ווירקט לויט דעמזעלבען געזעץ פון זעלבסט־שוץ. געוועהנליך קען אַזאַ רעגירונג זיך ערלויבען אַ גרעסערען גראַד טאָלעראַנץ צו פּאָליטישער און קלאַס־אָפּאָזיציאָן, ווי אַ קאַפּיטאַליסטישע רעגירונג, ווייל זי איז פעסטער איינגעפונדעוועט אין די אינטערעסען פון דער „ריזיגער מאַיאָריטעט" פון פאָלק. אָבער ווען זי ווערט העפטיג אָנגעגריפען, מוז זי זיך באַשיצען מיט אַלע מיטלען וואָס זי האָט נאָר אונטער'ן האַנט; און ווען איהר עקזיסטענץ ווערט ערנסט געשטעלט אין געפאַהר פון קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען, וואָס שאַפען אַ ווירקליכען צושטאַנד פון בירגער־קריג, מוז זי זיך כאַפען פאַר די אומגעוועהנליכסטע פאַרטיידיגונגס־מיטלען, אי מיליטערישע, אי פּאָליטישע. אונטער אָט אַזעלכע אומשטענדען, און בלויז אונטער אַזעלכע אומשטענדען, איז די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט געצוואונגען איינצופיהרען מאַסרעגלען און אָרגאַניזאַציאָנען פאַר שנעלע אונטערדריקונגען, וועלכע זיינען דער תוך פון רעוואָלוציאָנערען טעראָר. עס איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז דער טעראָר־רעזשים איז אין אַלע פעלע ניט מעהר ווי אַן איבערגאַנגס־טרעפּ

און ער פארשווינדט אזוי גיך, ווי ס'ווערען באזייטיגט די באַ־דינגונגען, וואָס האָבען איהם געשאַפען.

אָט דעם באגריף פון דער ראָלע, וואָס טעראָר וועט שפּילען אין דער פּראָלעטאריער־דיקטאטור, האָבען אין אַלגעמיין געהאַט די סאָציאַליסטען פון דער מארקסיסטישער שוהל, אריינגערעכענט די באָלשעוויקעס. אין דער פּראָגראַם פון דער רוסישער סאָציאַל־דעָ־מאָקראַטישער פּאַרטיי, וואָס איז אָנגענומען געוואָרען אין 1903, ווערט געזאָגט, אז אין דער קומענדער ארבייטער־דיקטאטור וועט גוואַלט באנוצט ווערען בלויז אויף „וויפיל מ'וועט עס מוזען צו פאַרניכטען דעם ווידערשטאַנד פון די עקספּלואַטאַטאָרס". און זאָגאר ווען די קאָמוניסטען האָבען געוואונען די פּאָליטישע מאכט אין רוסלאַנד, האָבען זיי ניט געדענקט, אז די דאָזיגע גוואַלט וועט נויטוועגדיגערווייזע מוזען דערגרייכען די מאָס פון טעראָר. וועגען דעם פּונקט האָבען מיר די איבערצייגענדע באווייזע פון די קאָמו־ניסטישע פיהרער גופא, איבערהויפּט ל. קאַמעניעוו'ס, וועלכער זאָגט:

„עס קען ניט זיין קיין גרעסערער טעות, ווי אָנצונעהמען, אז דער רוסישער פּראָלעטאריאַט, אָדער אפילו זיין פיהרער, די קאָ־מוניסטישע פּאַרטיי, איז אריין אין מאכט מיט א פּאַרטיגען רעָ־צעפּט, א צוגעגרייטען פון פריהער, וועגען די פּראַקטישע מיטלען ווי אזוי צו פאַרווירקליכען די דיקטאטור. בלויז סאָציאַליסטישע עם־הארצים, אָדער שאַרלאַטאַנעס, קענען זאָגען אז די רוסישע קאָמוניסטען זיינען אריין אין מאכט מיט א פאַרטיגען פּלאַן פאַר א שטענדיגער אַרמעע, אויסעראָרדענטליכע קאָמיסיעס, און באַ־גרענצונג פון פּאָליטישער פרייהייט, — זאכען, פאַר וועלכע דער רוסישער פּראָלעטאריאַט איז נאָך ביטערער ערפאַהרונג געצוואונגען געווען צו כאַפּען זיך אין זיין זעלבסט־פאַרטיידיגונג."*)

די רוסישע ארבייטער האָבען געמוזט, נעביך, זיך נעהמען פאַר טעראָר־מעטאָדען, אום צו ספּראַווען זיך מיט די געפעהרליכע באַ־דינגונגען, וואָס האָבען זיך אַנטוויקעלט אין זייער לאַנד. אָבער הייסט עס דען, אז יעדע פּראָלעטאריער־רעוואָלוציע וועט האָבען צו

*) „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט", ז. 9.

טאָן מיט דיזעלבע באַדינגונגען און מוזען האַנדלען אַזוי ווי די רו־סישע? אויפ׳ן גרונט פונ׳ם געוועהנליכען כלל פון אורזאַכע און פאָלגע (אַז עהנליכע אורזאַכען ברײנגען עהנליכע פאָלגען) קען מען אַזאַ אַלגעמײנעם שלום ניט ציהען, און כאָטש קאָמוניסטישע וואָרט־פיהרער זײנען אָפטמאָל געגײגט צו רעכענען טעראָר אַלס אַן אומ־פאַרמײדליכע זאַך פון יעדער פּראָלעטאַריער־דיקטאַטור, אָבער דאָס רוב האַלטען פון דעם ניט.

אָט קאַמעניעוו אַלײן ערקלערט אין אײן פּלאַץ בפירוש, אַז „ווען מענשען, וועלכע רופען זיך סאָציאַליסטען, ערקלעהרען, אַז דער גאַנג פון דער דיקטאַטור (רײדענדיג אויסדריקליך אין באַצוג צו טעראָר), וועלכער איז פּאַסענד און פאַרשטענדליך אין רוסלאַנד, איז אין קײן פאַל ניט קײן מוז־זאַך, ניט קײן אומפאַרמײדליכע זאַך אין אירגענד אַנדער קאַפּיטאַליסטישער לאַנד — דאַן זאָגען זײ זאַכען, וואָס זײנען דורכאויס געגען דעם אמת.“*) און אין אַ ווײלע אַרום זאָגט ער, אַז די פראַגע וועגען דעם גראַד פון שטרענג־קײט פון דער דיקטאַטור, אויף ווי ווײט ס׳זאָלען באַשרענקט ווערען די פּאָליטישע רעכטע פון דער בורזשואַזיע און די פּאָליטישע פרײ־הײט אין אַלגעמײן, ווי טעראָריסטישע מעטאָדען זאָלען אָנגעווענ־דעט ווערען, א. אַ. וו., איז פאַרבונדען מיט דער פראַגע, ווי גרויס, שטאַרק און אײנגעשפּאַרט איז דער ווידערשטאַנד פון די עקספּלואַ־טאַטאָרס“.**) און די דאָזיגע פראַגע מוז, פאַרשטעהט זיך, קריגען אַ באַזונדער ענטפער אין יעדען לאַנד באַזונדער.

לענין שטעלט פעסט דעם דאָזיגען כלל אין פאָלגענדער קלאָ־רער באַהויפּטונג: „די פראַגע, אין וועלכע לענדער און פון וואָס פאַר נאַציאָנאַלע אײגענשאַפטען פון דעם אָדער יענעם קאַפּיטאַ־ליזם וועט געגען די עקספּלואַטאַטאָרס אָנגעווענדעט ווערען טײל־ווײזע אָדער גאַנצע באַשרענקונג פון דעמאָקראַטיע, דאָס ווענדט זיך אָן יענע נאַציאָנאַלע אײגענשאַפטען פונ׳ם קאַפּיטאַליזם און אויך אָן דער רעוואָלוציע“***) און דער פאַנטאַזיען־רײכער פילאָזאָף נ. בוכאַרין פאַרזיכערט אונז, אַז די קאַפּיטאַליסטישע שטאַטען

*) „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט“, ז. 8.
**) „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט“, ז. 9.
***) „פּראָלעטאַריער רעוואָלוציאָן“, ז. 40.

וועלען זיך ניט אונטערגעבען אָהן א קאמף. זיי וועלען פארצוויי־פעלט קעמפען כדי ניט צו דערלאָזען דעם פּראָלעטאריאט צו פאר־כאפּען די וועלט־מאכט".*) אין א צווייטען פּלאַץ, אין א פרעה־ליכערער שטימונג, שטעלט ער זיך פאָר א צושטאנד און דעם וואוקס פון דער פּראָלעטאריער־רעוואָלוציע, ווען דער ווידערשטאנד פון קאפּיטאליסטישען קלאס וועט אזוי פיל אָפּגעשוואכט ווערען, דאָס „ענדליך וועלען וואהרשיינליך זיך אין גאנצען אונטערגעבען אלע רעשטלאך פון בורזשואזען רעזשים מיט אלע זיינע אָרגאניזא־ציאָנען".**)

אין סך־הכל קען מען זיכער זאָגען, אז כאָטש אונטער גע־וויסע אומשטענדען פון פּראָלעטאריער־רעוואָלוציעס וועט אמאָל זיין נויטיג איינצופיהרען א לענגערען אָדער קירצערען פעריאָד פון טעראָר, אָבער די טעראָריסטישע מעטאָדע איז ניט מעהר אַן אומ־שיידבארער טייל פון דער פּראָלעטאריער־דיקטאטור, ווי דער סאָ־וויעט איז אַן אומפארמיידליכע פאָרמע איהרע.

קאפּיטעל 10.

די אלוועלטליכע רעוואָלוציע און רוסלאנד'ס נייע ווענדונג

פון אָנפאנג איז די רוסישע רעוואָלוציע פון איהרע פיהרער באטראכט געוואָרען אלס א געוועהנליכער אינצידענט אין דער אָנ־קומענדער אינטערנאציאָנאלער פּראָלעטאריער־רעוואָלוציע, אלס די פארווירקליכונג פון דער מארקסיסטישער נבואה, דאָס רוסלאנד „וועט מעגליך דערלאנגען דעם סיגנאל פון אַן ארבייטער־קלאס רעוואָלוציע אין מערב (אייראָפּא), אוןביידע רעוואָלוציעס וועלען זיך אויסהעלפען, אויספילען איינע די אנדערע."

ווען די באָלשעוויקעס זיינען אריין אין מאכט, האָבען זיי ניט געדענקט, אז ס'איז מעגליך, דאָס א סאָציאליסטישע רוסלאנד זאָל זיך א באדייטענדע צייט קענען האלטען איינע אליין אין מיטען פון

---

*) „פּראָגראם פון די קאָמוניסטען", ז. 19.

**) „דער פּראָצעס פון דער וועלט־רעוואָלוציאָן און די וועלט־סיס־טעם פון קאָמוניזם", דייטשע איבערזעצונג פון סט. ראמס.

א ניט־סאָציאַליסטישער וועלט. זיי האָבען אויף זיך געקוקט ווי אויף אַן אוואַנגאַרד פון דער וועלט־רעוואָלוציע, וועמען ס'איז אויסגעפאַלען די אויפגאַבע אָנצוהאַלטען די פעסטונג ביז אַ פאַרשטאַרקערונג פון פרישע חיל וועט אונטערקומען פון מערב. זיי האָבען גערעכענט, אַז די קאַפּיטאַליסטישע הערשאַפט אין אייראָפּאַ און אַמעריקע וועט באַלד צוזאַמענברעכען, און אויף דער השערה האָבען זיי געבויט זייערע סאָציאַלע טעאָריען און פּראַקטישע טאַקטיק.

כמעט אין אַ האַלב יאָהר נאָך דער ערפאָלגרייכער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, דעם 14טען אַפּריל, 1918, האָט לעאָן טראָצקי, איינער פון די סאַמע אָפּטימיסטישע פיהרער פון רוסישען קאָמוניזם, געמאַכט פאָלגענדע דייטליכע באַהויפּטונגען אין אַן עפענטליכער רעדע:

„די ערשטע טעג פון אונזער רעוואָלוציע האָבען מיר געזאָגט, אַז די רוסישע רעוואָלוציע וועט מעגליך זיגען און באַפרייען דעם רוסישען פאָלק בלויז מיט'ן תנאי, אַז זי זאָל זיין דער אָנפאַנג פון אַ רעוואָלוציע אין אַלע לענדער. אויב אָבער אין דייטשלאַנד פאַרבלייבט די הערשאַפט פון קאַפּיטאַל, אין ניו־יאָרק וועט ווייטער די בירזשע האָבען די אויבערהאַנד, און דער ענגלישער אימפּעריאַליזם וועט ווי פריהער אָנהאַלטען זיין מאַכט, דאַן זיינען מיר פאַרלאָרען, וואָרום זיי זיינען פאַרלויפיג שטאַרקער, רייכער און געבילדעטער פון אונז און זייערע מיליטערישע מאַשינען זיינען שטאַרקער פון אונזערע".*)

און ווייטער:

אונזער אויפגאַבע אין איצטיגען מאָמענט איז צו פאַרציהען, אויסהאַלטען ביז די רעוואָלוציע וועט זיך אָנפאַנגען אין אַלע אייראָפּעאישע לענדער — אויסהאַלטען, צוזאַמענעהמען אונזערע כחות און שטעלען זיך פעסט אויף אונזערע פיס, וואָרים איצט זיינען מיר שוואַך, צעשפּליטערט, און מאָראַליש שוואַך".**)

קאַרל ראַדעק, ריידענדיג שפּעטער וועגען אָט דעם פעריאָד, ניט צו פאָלגענדע אינטערעסאַנטע באַווייזע: „ביים שליסען דעם

*) „אַ גן־עדן אויף דער וועלט", אַרויסגעגעבען פון דער „בריטיש סאָשעליסט פּאַרטי", לאָנדאָן, ז 11.
**) ד. ז., ז. 13.

כריסקער אָפּמאַך, האָט די סאָוויעט־רעגירונג געדענקט, אַז דער דאַזיגער פּעריאָד וועט אונז געבען זעהר אַ קורצען אָפּרוה, קוים אויף אָפּצוכאַפּען דעם אָטעם — ענטוועדער די וועלט־רעוואָלוציע וועט באַלד אונטערקומען און רעטען סאָוויעט־רוסלאַנד, אָדער סאָוויעט־רוסלאַנד וועט אונטערגעהן אין דעם אומגלייכען קאַמף, וואָס וועט זיין ניט פאַר איהרע כחות. דאָס איז געווען אונזער אנזיכט אין יענער צייט. און דער דאַזיגער באַגריף האָט געשטימט מיט דער סיטואַציאָן אין יענעם מאָמענט".*)

די פיהרער פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָבען שטאַרק געהאָפט און געגלויבט אין דער אָנקומענדער וועלט־רעוואָלוציע פון ארבייטער־קלאַס.

לענין'ס היציגע פּאָלעמיקע מיט קאַרל קאַוטסקי ענדיגט זיך מיט דעם נאָכשריפט: „די אויבערשטע שורות זיינען געשריבען געוואָרען דעם 9טען נאָוועמבער, 1918. אויף מאָרגען איז פון דייטשלאַנד אָנגעקומען די נייעס, אַז ס'האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ ז י ג ר י י כ ע ר ע װ ו אָ ל ו צ י ע, פריהער אין קיעל און אַנדערע צפון־שטעדט און האַפענס, וואו די מאַכט איז אריבער אין די הענט פון „ראַטען פון ארבייטער־ און סאָלדאַטען־דעלעגאַטען", און נאָכהער אין בערלין, וואו די מאַכט איז אויך אריבער אין די הענט פון'ם סאָוויעט. דאָס פאַרשפּאָרט שוין מיר דעם שלוס, וואָס איך האָב געוואָלט שרייבען איבער קאַוטסקי'ס פּאַמפלעט".**)

דער דורכפאַל פון דעם דייטשען אויפשטאַנד אַלס אַ פּראָלעטאַריער־סאָוויעט־רעוואָלוציע און די עהנליכע אנטווישונגען אין אַנדערע ערטער האָבען ווייניג ווירקונג געמאַכט אויף דער משיח־אמונה פון די רוסישע קאָמוניסטען, און יעדען נייעם פּאָליטישען אָדער אינדוסטריעלען קאַמף אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב אין די לענדער פון מערב־אייראָפּאַ האָבען זיי פּראָקלאַמירט אַלס דעם אָנפאַנג פון אַן אַנטשיידענדער פּראָלעטאַריער־רעוואָלוציע.

ערשט דאַן, ווען די ספּאַרטאַקער־אויפשטאַנדען אין דייטשלאַנד

---

*) „סאָוויעט־רוסישע קאָנצעסיעס צו קאַפּיטאַל", ארטיקעל אין „סאָוויעט ראָשיא מעגעזין", ניו יאָרק, 12טען פעברואַר, 1921.

**) „די פּראָלעטאַריער רעוואָלוציאָן", ז. 113.

זיינען אונטערדריקט געוואָרען און די אונגארישע סאָוויעט־רעגי־רונג איז געשטירצט געוואָרען; ווען דער גרויסער קאמף אין דער איטאַליענישער מעטאַל־אינדוסטריע איז אויסגעגליכען געוואָרען דורך געגענזייטיגע הנחות, און דער אָפּט־געמאָלדענער גענעראַל־סטרייק אין ענגלאַנד האָט אפילו ניט אָנגעהויבען צו שטאטפינדען; ווען דער גייסט פון אומרוה און אויפשטאַנד, וועלכער איז ארויס־געדופען געוואָרען דורך דער מלחמה און דעם ווערסאַליער „אָפּמאַך", איז פארוואַנדעלט געוואָרען אין אַ צושטאַנד פון אָנגעכמורעטער גלייכמוטיגקייט און אָפּהענטיגקייט, און די קאפּיטאַליסטישע וועלט האָט זיך אַראָפּגעלאָזען אין אַ שווערער פּאָליטישער רעאקציע — ערשט דאַן האָבען די קאָמוניסטען אָנגעהויבען צו פּארלירען דעם גלויבען אין אַ באַלדיגער וועלט־רעוואָלוציע.

די רוסישע רעוואָלוציע האָט מעהר ניט געקענט גערעכענט ווערען אַלס אַן אָנפאַנגס־שטופּע פון אַ ספּאָנטאַנעם און איינצייטיגען אינטערנאַציאָנאַלען ארבייטער־קלאַס אויפשטאַנד. דאָס איז געווען אַן ערשיינונג אַן און פאַר זיך זעלבסט, און האָט באַדאַרפט באַטראַכט ווערען לויט איהרע אייגענע באַזונדערע אורזאַכען; און איהר ווייטערדיגע עקזיסטענץ איז געווען אָפּהענגיג מעהרסטענ־טיילס פון איהרע אייגענע הילפס־קוואַלען. אנערקענענדיג אָט דעם פאַקט, איז די סאָוויעט־רעגירונג געווען געצוואונגען צו נעהמען אַ נייע שאַרפע ווענדונג אין איהרע טעאָרעטישע גרונדזאַצען און פּראַקטישע טאַקטיק. כל זמן די רוסישע רעוואָלוציע איז באַטראַכט געוואָרען אַלס אַ טייל פון אַן אַלגעמיינעם אַל־וועלטליכען אויפ־שטאַנד פון ארבייטער־קלאַס, איז מעגליך געווען איינצושליסען איהר אין דעם אָנגענומענעם מאַרקסיסטישען באַגריף, אָבער אַלס אַן אָפּגעזונדערטע געשעהעניש פאָדערט זי אַ גאַנץ נייע און פאַר־שיידענע טעאָרעטישע אויסטייטשונג. און די באָלשעוויסטישע רביים, וועלכע דאַרפען אין וואַלד ניט געהן נאָך טעאָריען, האָבען טאַקע געשווינד אייך דערלאַנגט אַ נייע טעאָריע.

אין זיין באַריכט איבער „נאַציאָנאַלע און קאָלאָניאַלע פראַגען" פאַר'ן צווייטען קאָנגרעס פון קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל הויבט לעגין אויף די פראַגע וועגען דער פונקציע פון דער קאָמו־ניסטישער פּאַרטיי אין לענדער, וואו דער קאַפּיטאַליזם איז נאָך ניט אָנגעקומען, און ער קומט צו פאָלגענדען ענטפער:

„אין אזעלכע לענדער איז גאנץ מעגליך איינצופיהרען א סאָוויעט־הערשאפט. די ערפאהרונגען פון רוסלאנד און פון פארשיידענע מאכמעדאנישע רעפובליקען — צום ביישפיל, טורקעסטאן — ווייזען, אז די סאָוויעט־רעפובליק קען האָבען ערפאָלג ניט בלויז אין פראָלעטארישע לענדער, נאָר אפילו אין יענע לענדער, וואו ס'עקזיסטירען פאר־קאפיטאליסטישע צושטאנדען. אין אזעלכע לענדער איז פאראן א סך שוויריגקייט ביים אָרגאניזירען סאָוויעטען, אָבער ס'איז קיין ספק ניט, אז אפילו אין יענע לענדער איז אויך מעגליך אויפצואוועקען און אומאָפהענגיגען רעוואָלוציאָנערען באוואוסטזיין און א באוועגונג. די סאָוויעטען־אידעע איז זעהר א פשוט'ע, און איהר קען פארשטעהן ניט נאָר דער פראָלעטאריאט, זאָנדערן אפילו די ברייטע ניט־פראָלעטארישע מאסען.

„*מיר מוזען אויפגעבען די וויסענשאפטליכע פאראורטיילע, אז יעדער לאנד מוז אומבאדינגט דורכגעהן קאפיטאליסטישע עקספלואטאציאָן.* אין צייט פון א מעכטיגען פראָלעטאריער־אויפשטאנד אויף א ברייטען וועלט־מאסשטאב, קען דער סאָוויעט־רעזשים איינגעפיהרט ווערען אין יענע לענדער, וואו דער קאפיטאליזם האָט זיך נאָך ניט ערנסט אנטוויקעלט.*

די „וויסענשאפטליכע פאראורטיילע", וואָס ווערען דאָ דערמאָנט, באציהען זיך אויף דער טעאָריע, דאָס יעדע לאנד מוז דורכגעהן די תקופה פון קאפיטאליסטישער אנטוויקלונג איידער זי ווערט פארטיג פאר'ן סאָציאליזם, וואָס קארל מארקס האָט אין דער הקדמה צו דער ערשטער אויסגאבע פון זיין „קאפיטאל" פאָרמולירט אין דער פאָלגענדער כאראקטעריסטיש־קרעפטיגער שפראך:

„אין תוך, איז עס ניט א פראגע פון א העכערען אָדער נידעריגערען אנטוויקלונגס־גראד פון סאָציאלע געגנערשאפטען, וואָס קומען ארויס אלס רעזולטאט פון די נאטור־געזעצען פון קאפיטאליסטישער פראָדוקציאָן. עס איז א פראגע פון די דאָזיגע געזעצען גופא, פון די טענדענצען, *וואָס פיהרען מיט אן*

---

*) „דער צווייטער קאָנגרעס פון קאָמוניסטישען אינטערנאציאָנאל", ז. 38 און 39.

איי זערנער נויטוועגדיגקייט צו אומפּאר־מיידליכע רעזולטאטען. דאָס לאַנד, וואָס איז מעהר אַנטוויקעלט אינדוסטריעל, צייגט דער ווייניגער־אַנטוויקעלטער לאַנד אַ בילד פון איהר צוקונפט״.

האָבען מיר אַ רעכט אוועקצואוואַרפען אָט די טעאָריע ווי ניט מעהר אַלס עפּעס אַ „וויסענשאַפטליכער פּאָראורטייל״? די ערפאַהרונג פון רוסלאַנד האָט אויף אַ ממשות׳דיגען אופן באַוויזען, אַז אַ סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע איז געווען מעגליך אָם ווייניג־סטענס אין איין גרויסער לאַנד, „וואו דער קאַפּיטאַליזם האָט ניט דערגרייכט קיין ערנסטע אַנטוויקלונג״. צי אָט די ערפאַהרונג איז דורכאויס פון אַן אייגענאַרטיגען מין, אָדער זי קען אריינגענומען ווערען אין דעם אַלגעמיינעם געזעץ פון געזעלשאַפטליכער אַנטוויק־לונג, און צי מ׳קען איבערהויפּט אַזאַ געזעץ אָנווענדען אויף אַזיאַ־טישע לענדער פון מאַכמעדאַנישער קולטור, דאָס קען נאָך זיכער דיסקוטירט ווערען. דער אינטערעסאַנטער פּונקט איז אָבער, דאָס די נייע טעאָריע וואַרפט אָפּ אַ שטיק וועג פון איינעם פון די פונדאַ־מענטאַלסטע פּרינציפּען פון דער מאַרקסיסטישער געשיכטע־ווי־סענשאַפט.

בעת לענין איז פּאָרזיכטיג אין זיין ערקלעהרונג און ער באַשרענקט די מעגליכקייט פון „איבערשפּרינגען״ די קאַפּיטאַליס־טישע אַנטוויקלונגס־שטופע בלויז אינ׳ם פאַל פון „אַ מעכטיגען אַלוועלטליכען אויפשטאַנד״, געהט בוכאַרין ווייטער און בויט אָפען און געוואַגט אויף אַ גאַנץ נייע און אַלגעמיינע טעאָריע וועגען רע־וואָלוציע. ער גיט צו, אַז די סאָציאַליסטישע אָדער קאָמוניסטישע רעוואָלוציע מוז נויטוועגדיגערווייזע זיין פון אַ העכערען סאָרט אין לענדער מיט אַ העכערער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג און אַ העכערער פּראָלעטאַריער־אָרגאַניזאַציאָן ווי אין לענדער מיט אַ פּאַר־קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט. ער זאָגט אָבער, אַז דאָס, וואָס די דאָזיגע רעוואָלוציעס זיינען פון אַ העכערען סאָרט, הייסט נאָך ניט, אַז זיי מוזען פאָרקומען פריהער. מאַכענדיג אַ סך־הכל צו זיין טעאָריע, קומט ער צו פאָלגענדע אינטערעסאַנטע רעזול־טאַטען:

„אז מיר עקזאמינירען דעם פּראָצעס פון רעוואָלוציעס אויף אַן אַלוועלטליכען מאסשטאַב, קענען מיר ציהען פאָלגענדע אַלגע־מיינע שלוסען: דער פּראָצעס פון דער וועלט־רעוואָלוציע פאַנגט זיך אָן אין יענע טיילען פון דער עקאָנאָמישער סיסטעם פון דער וועלט, וואו דער אַנטוויקלונגס־גראַד איז נידריגער, וואו דעם פּראָ־לעטאַריאַט איז לייכטער צו זיגען, אָבער דער נייער סיסטעם איז שווערער צו קריסטאַליזירען זיך, אָנצונעהמען באַשטימטע פאָרמען. וואָס וועניגער רייף די לאַנד איז קאַפּיטאַליסטיש און וואָס ניד־ריגער איהר רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, אַלץ שנעלער קען דאָרט די רעוואָלוציע אויסגעפיהרט ווערען".*)

ווי איהר זעהט, אַלזאָ, איז דאָ פּיאָטר ניקיטיטש טקאַטשאָוו אויפגעשטאַנען תחית־המתים; איהר האָט איהם דאָ אַ מאָדערני־זירטען. אונטער דער נייער מעטאָדע פון דער אולטראַ־מאַרקסיסטי־שען בוכאַרין איז ניט שווער צו דערקענען די „צעשפּאָלטענע קלויע" פון דעם אַלטען „נאַראָדניק" מיט זיין שעהן־קלינגענדער טענה: „מיר האָבען קיין פּראָלעטאַריאַט, אָבער מיר האָבען קיין בורזשואַ־זיע אויך ניט, איז אונזערע אַרבייטער דעריבער לייכטער דער קאַמף".

בוכאַרין'ס מערקווירדיגע שלוסען נעהמען זיך פון דער טעאָ־ריע, אַז די מלחמה, צעשטערענדיג דעם ניט־פעסטען גלייכגעוויכט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער קאַפּיטאַליסטישער רעוואָלוציע, האָט צעבראָכען די גאַנצע וועלט־סיסטעם פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקאָנאָמיע, און אַז די שוואַכערע טיילען פון דער סיסטעם, וואָס קענען זיך מעהר ניט אָנהאַלטען אָן די שטאַרקערע רינגען פון דער קייט, וועלען אויטאָמאַטיש צוזאַמענברעכען. ער נעהמט עס אָן אַלס אַ זעלבסטפאַרשטענדליכע זאַך, דאָס אַזאַ צוזאַמענברוך מוז פאַרוואַנדעלט ווערען אין פּראָלעטאַריער־רעוואָלוציעס.

די רעוואָלוציע ווערט אויף דעם אופן באַטראַכט אַלס אַ ריין־פּאַסיווער פּראָצעס. דער ערפאָלג פון דער רעוואָלוציע ווענדט זיך ניט אָן דער קראַפט פון דער פּראָלעטאַריער־אַטאַקע, נאָר בלויז אָן

*) „דער פּראָצעס פון וועלט־רעוואָלוציאָן און די וועלט סיסטעם פון קאָמוניזם".

דער שוואכקייט פונ׳ם בורזשואזען ווידערשטאנד. בוכארין, קענ־טיג, פארזעהט דעם פאסיגען פאקט, אז אין די לענדער מיט דער „נידריגסטער שטופע פון קאפּיטאליסטישער אנטוויקלונג“ איז, בדרך כלל, ניטאָ קיין רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאריאט צו באַ־קעמפען אפילו די שוואכע הערשאפט פון דער בורזשואזיע.

די באָלשעוויסטישע טעאָרעטיקער האבען זעהר פיל געלערנט זינט די פאר־רעוואָלוציאָנערע טעג פון 1915, ווען לענין האָט גע־שריבען:

„א רעוואָלוציע ווערט ניט באשאפען פון יעדער רעוואָלוציאָ־נערער סיטואציאָן; זי ווערט באשאפען ווען, א חוץ די אויבען־אויסגערעכענטע אָביעקטיווע ענדערונגען (אָן אָפּגעשוואכטער הער־שענדער קלאס און פארשארפטע ליידען און טעטיגקייט פון די מאסען), קומען פאָר געוויסע סוביעקטיווע ענדערונגען, דאָס הייסט, ווען א רעוואָלוציאָנערער קלאס ווייזט זיך ארויס פעהיג פאר אזעלכע רעוואָלו־ציאָנערע מאסען־האנדלונגען, וואָס איז שטארק גענוג צו צוברעכען, אָדער אם ווענינגסטענס שעדיגען, די עקזיסטירענדע רעגירונג. זאָגאר אין קריזיס־צייטען פאלען רעגירונגען ניט אום פון זיך אליין; זאָנדערן עס פאָדערט זיך קראפט אומצושטירצען זיי“.*)

אָבער רוסלאנד׳ס טעאָרעטישע נייע ווענדונג איז פון קליין באדייטונג אין פארגלייך מיט די גרינדליכע ענדערונגען פון דער פּראקטישער טאקטיק, וואָס די רוסישע קאָמוניסטען האבען אָנגע־נומען אלס רעזולטאט פון זייער אנטוישונג אין דעם ענין פון דער קומענדער וועלט־רעוואָלוציע. אי די אויסלענדישע שטעלונג, אי די אינערליכע עקאָנאָמיע פון סאָוויעט־רוסלאנד, זיינען פונדאמענ־טאל אָנגעריהרט געוואָרען פון דעם נייעם שטאנדפּונקט.

וועגען דער ענדערונג אין רוסלאנד׳ס אויסלענדישע פּאָליטיק מאכט ראדעק מיט זיין געוועהנליכער אָפענהערציגקייט פאָלגענדע ערקלעהרונג:

---

*) „דער צוזאמענברוך פון צווייטען אינטערנאציאָנאל“, גלאזגאָו, ז. 17.

„דער פאַקט, אַז די וועלט־מלחמה איז שוין געענדיגט, אַז מען איז שוין אַריבערגעקומען דעם קריזיס פון דעמאָביליזאַציע, אַז די וועלט־רעוואָלוציע האָט ניט אויסגעבראָכען פּלוצלונג און צעשמע־טערט די קאַפּיטאַליסטישע וועלט, זאָנדערן זי האָט שטופּענווייז און אוימאויפהערליך דורכגעפרעסען איהר און צעטרייסעלט — אָט דער פאַקט ענדערט אינגאַנצען די סיטואַציע און די באַדינגונגען פון דער אויסלענדישער טאַקטיק פון דער סאָוויעט־רעגירונג.

„פון איין זייט, קאָן די סאָוויעט־רעגירונג ניט רעכענען אויף אַ געשווינדער מעכאַנישער באַפרייאונג דורך אַ מאַסען־באַוועגונג, וואָס זאָל פאָלקאָם שטירצען די קלעמאַנסאָס, ללאָיד דזשאָרדזשעס, און אַלץ פּאַר וואָס זיי האַלטען אַזוי פעסט. און פון דער צווייטער זייט, קאָן די סאָוויעט־רעגירונג זיין אַבסאָלוט זיכער, אַז דער פּראָ־צעס פון'ם קאַפּיטאַליסטישען צעפאַלען וועט אויף שטיקלעך ווייט אָנגעהן און פאַרלייכטערען איהרע שוועריגקייטען. אָבער אַזוי ווי דאָס איז אַ לאַנגער פּראָצעס, קאָן די סאָוויעט־רעגירונג ניט אויס־מיידען דערוויילע די פראַגע פון זוכען אַ צייטווייליגען אָפּמאַך מיט די לענדער, וואָס זיינען נאָך קאַפּיטאַליסטיש".*)

און לענין דריקט אויך אויס אַן ענליכע מיינונג אין אַ רעדע, וואָס ער האָט דאָ ניט לאַנג געהאַלטען פאַר סאָוויעט־באַאַמטע אין מאָסקווע. „כל זמן די וועלט־רעוואָלוציע איז נאָך ניטאָ", זאָגט ער, „מוזען מיר האָבען בורזשואַזען קאַפּיטאַל. וויבאַלד אונזער לאַנד איז אין אַ לאַגע פון אויסערגעוועהנליכער עקאָנאָמישער שוואַכקייט, טאָ ווי קאָנען מיר אונטעראייַלען דעם פּראָצעס פון אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג אָהן דער הילף פון בורזשואַזען קאַ־פּיטאַל?"

דער ערשטער פּראַקטישער געברויך פון אָט דעם קאָמפּראָמיס־פּרינציפּ איז געמאַכט געוואָרען אין פאַרבינדונג מיט עטליכע וויכ־טיגע הנחות צו אויסלענדישען בורזשואַזען קאַפּיטאַל. די דאָזיגע הנחות אַנטהאַלטען גרויסע שטרעקעס וואַלד, פעלדער פון קויהלען־און אייזען־גריבער, און אַ סך ווערטפולע אינדוסטריעלע פּריווילע־גיעס. אום צו ווייזען ווי ווייט די סאָוויעט־רעגירונג איז גרייט אָנצואווענדען דעם קאָמפּראָמיס־פּרינציפּ, איז אינטערעסאַנט צו

---

*) „סאָוויעט ראַשיא מעגעזין", ניו יאָרק, פעברואַר 12, 1921.

באמערקען, אַז די דאָזיגע קאָנצעסיעס, וועלכע ווערען געגעבען פאַר לאַנגע טערמינען (פאַר 60 יאָהר, אין פאַל פון דעם אמעריקאַנער אונטערנעהמער וואשינגטאָן ד. וואַנדערליפּ), אַנטהאַלטען אויס־דריקליכע גאַראַנטיעס, פאָרמולירט אין אָפיציעלע דעקרעטען פונ'ם ראַט פון פאָלקס־קאָמיסאַרען, אַז דער אייגענטום און די אויסגע־לעגטע געלדער פון די לייטע, וואָס קריגען די קאָנצעסיעס, וועלען אין קיין פאַל ניט ווערען „נאַציאָנאַליזירט, קאָנפיסקירט אָדער גע־פאָדערט אוועקגעגעבען צו ווערען", און אַז די פּריווילעגירטע אונ־טערנעהמער וועלען האָבען דאָס רעכט צו באַשעפטיגען רוסישע אַרבייטער אַלס לוין־אַרבייטער, מיט דער פאַרפּליכטונג אָפּצוהיטען די אַרבייטער־געזעצען פון לאַנד.

קאַפּיטאַליזם, וועלכער איז אָפיציעל פאַרטריבען געוואָרען פון סאָוויעט־רוסלאַנד, ווערט אויף דעם אופן ערלויבט צוריק צו קומען דורך א הינטער־טיר, אַם ווענינגסטענס אין איינציגע ערטער.

סאָוויעט רוסלאַנד'ס באַמיהונגען צו שליסען האַנדעלס־אָפּ־מאַכען מיט קאַפּיטאַליסטישע לענדער אַנטהאַלטען עטוואָס אַן אַנ־דער סאָרט קאָמפּראָמיס. רוסלאַנד האָט זיך שטענדיג גענויטיגט אין אויסלענדישען האַנדעל. נאָך וויכטיגער ווי שטענדיג איז עס געוואָרען איצט, ווייל צוליב די מלחמות זיינען צעשטערט געוואָרען די פּראָדוקציאָנס־געצייג און פאַרקעהר־מיטלען פון לאַנד. ווען די אינדוסטריעלע לענדער פון אייראָפּאַ און אַמעריקע, אָדער איינציגע פון זיי, וואָלטען געווען אונטער א פּראָלעטאַרישער הערשאַפט, וואָלטען האַנדעלס־אָפּמאַכען מיט רוסלאַנד געשלאָסען געוואָרען אָהן שום קאָמפּראָמיס פון פּרינציפּ אָדער טאַקטיק. אָבער די „רעאַל־פּאָליטיקער" פון סאָוויעט־רוסלאַנד פאַרשטעהען דאָך גאַנץ גוט, אַז זיי וועלען קיינמאָל ניט קומען צו קיין פשרה מיט די קאַפּיטאַ־ליסטישע רעגירונגען פון מערב־אייראָפּאַ כל זמן זיי האַלטען אין פּרעדיגען אָפען צו שטירצען טאַקי די דאָזיגע רעגירונגען. דער „צייטווייליגער אָפּמאַך" מיט אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען באַדייטעט, אַלזאָ, נויטוענדיגערווייזע אַן ערנסטע פאַר־קלענערונג פון סאָוויעט־רוסלאַנד'ס אינטערנאַציאָנאַלע רעוואָלוציאָנערע טעטיגקייט.

דער סאַמע ערשטער פּונקט פון'ם ענגליש־רוסישען האַנדעלס־אָפּמאַך פּאָדערט: „אַז יעדער צד זאָל זיך צוריקהאַלטען פון פיינד־ליכע טאַטען און אונטערנעהמונגען געגען דעם אַנדער צד און זאָל אויסער די גרענעצען פון זיין אייגען לאַנד ניט אָנפיהרען קיין אָפפי־ציעלע פּראָפּאַגאַנדע, דירעקט אָדער אינדירעקט, געגען די אינסטי־טוציאָנען פון דער בריטישער אימפּעריע אָדער די רוסישע סאָוויעט־רעפּובליק, רעספּעקטיוו, און הויפּטזעכליך, אַז די רוסישע סאָוויעט־רעגירונג זאָל זיך אָפּהאַלטען פון אירגענד וועלכען פּאַרזוך, דורך מיליטערישע אָדער דיפּלאָמאַטישע, צי אַבי וועלכע אַנדער פאָרמע פון טאַט און פּראָפּאַגאַנדע, צו ערמוטיגען אירגענד וועלכען פאָלק פון אַזיע צו פיינדליכע טאַטען געגען די אינטערעסען פון דער בריטישער אימפּעריע."

אָט דער פּונקט ווערט שטאַרק אונטערשטראָכען פון דער וויי־טערדיגער פּאָדערונג, וואָס ערקלעהרט, „אַז דער אויסדרוק „פיהרען אָפציעלע פּראָפּאַגאַנדא" נעמט אין זיך אריין אויך געבען הילף אָדער ערמונטערונג פאַר אירגענד וועלכע פּראָפּאַגאַנדע, וואָס ווערט אָנגעפיהרט אויסער די גרעניצען פון דעם צווייטען צד'ס לאַנד."

אָט דער אָפּמאַך קלינגט, אַם ווענינגסטענס פאַר אַ זייטיגען מענשען, ווי אינגאַנצען זיך אָפּזאָגען פון די קאָמוניסטישע באַמי־הונגען „אויפצוואוועקען אַן אומאָפּהענגיגען און רעוואָלוציאָנערען באַוואוסטזיין און באַוועגונג אין די פאַרשידענע מוסולמאַנישע רע־פּובליקען." דאָס באַשטעטיגט, דאכט זיך, מאַרטאָוו'ס קלאַגע, אַז די קאָמוניסטען געברויכען די מזרח־פעלקער „אַלס פּיעשקעס אויפ'ן שאַך־ברעט פון דער דיפּלאָמאַטישער מלחמה מיט'ן אַנטאַנט". דאָס גיט אויך צו מעהר זין צו ראַדעק'ס אַנערקענונג, ווי ס'איז באַריכ־טעט געוואָרען, אַז די „הויב־שטאַנגען פון'ם אָריענטאַלישען אויפ־שטאַנד זיינען אַלע אין קרעמל, און מאָסקווע קען זיי שלעפּען אָדער לאָזען אומבאַריהרט, לויט ווי איהרע אייגענע אינטערעסען דיק־טירען." *)

*) ה. נ. ברעילספאָרד אין „לאָנדאָן דעילי העראָלד", דעצעמבער 28, 1920.

די נאָטע פון דער סאָוויעט־רעגירונג צו פּרעזידענט האַרדינג זאָגט אויך עהנליכעס. נאָך דעם ווי זי דריקט אויס די האָפנונג, אַז אַ פּאַרטרוויליכע און פעסטע פּאַראייניגונג וואָלט באַשאַפען גע־וואָרען צווישען די צוויי רעפּובליקען״ (די קאָמוניסטישע אַרביי־טער־רעפּובליק פון רוסלאַנד און די עקסטרעם־בורזשואַזע רעפּוב־ליק פון די פּאַראייניגטע שטאַטען), ערקלעהרט זי אויסדריקליך, אין נאָמען פון אַל־רוסישען צענטראַלען עקזעקוטיווען קאָמיטעט, אַז די סאָוויעט־רעפּובליק „האָט ניט קיין אַבזיכט צו מישען זיך אין די אינערליכע אַנגעלעגענהייטען פון אַמעריקאַ.״

אָבער מיט אַלע באַמיהונגען איבערצובעטען אויסלענדישען קאַפּיטאַל האָט די רעגירונג פון סאָוויעט־רוסלאַנד גאַנץ געווס שכל ניט צו ערוואַרטען פון אָט דעם קוואַל צופיל ממשות׳דיגע הילף פאַר דער עקאָנאָמישער ווידער־אויפבויאונג פון איהר לאַנד. די אויפ־גאַבע פון צוריקאויפבויען רוסלאַנד מוז אויסגעפיהרט ווערען צום אַלעם ערשטען, פון רוסלאַנד אַליין, און אויס גערעכטיגקייט צו די קאָמוניסטישע פיהרער מוז געזאָגט ווערען, אַז זיי האָבען ניט גע־מאַכט צופיל ישוב־הדעת און מקריב געווען זייערע באַליבטע טע־אָריען צוליב פּראַקטישע אויפגאַבען.

די אינדוסטריעלע סיסטעם פון סאָוויעט־רוסלאַנד איז איינ־געפיהרט געוואָרען אַזאַ וואָס שטעהט אונטער׳ן אַרבייטער׳ס קאָנטראָל: די אַרבייטער זאָלען פּאַרוואַלטען יעדע פאַבריק דורך קאָמיטעטען פון ווערקשטאַט־אויפזעהער, וואָס ווערען פון זיי ער־וועהלט, און דער בורזשואַזער פּאַרוואַלטער אָדער עקספּערט זאָל זיין אונטערוואָרפען צו די דאָזיגע קאָמיטעטען. די אַרבייטער האָ־בען געזאָלט האָבען זעלבסט־רעגירונג און דעמאָקראַטיע אין פּראָ־דוקציאָן. צוליב דער אומרייפקייט פון דעם רוסישען פּראָלעטאַ־ריאַט, וואָס איהם פעהלט ערפאַהרונג, דיסציפּלין און אָרגאַניזאַ־ציאָנס־פעהיגקייט, האָט די נייע סיסטעם אינגאַנצען ניט געטויגט. האָט מען איהר גאַנץ גיך אַוועקגעוואָרפען און אויף איהר אָרט איינגעפיהרט אַ סיסטעם פון שטאַטס־סאָציאַליזם כמעט פון אַ מי־ליטערישען כאַראַקטער. די ווערקשטאַטס־קאָמיטעטען האָט מען אָפּגעשאַפט, און דעם ווערקשטאַט געשטעלט אונטער׳ן אויפזיכט

פון דער פאַרוואַלטונג פון איין מאַן, וועלכער איז דאָס רוב אַ „ספּעציאַליסט פון בורזשואַזען חדר“.

עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרען, אַז יעדער איינער איז מחויב צו אַרבייטען, און מ'האָט אַריינגעבראַכט אינדוסטריעלע צוואַנג־אַרבייט — נעמען רעקרוטען צו דער אַרבייט פּונקט אַזוי ווי פריהער צו מיליטער־דינסט. אום אַרויסצוקריגען די גרעסטע פּראָדוקציאָן האָט די סאָוויעט־רעגירונג ניט נאָר זיך באַנוצט מיט די גוט־באַקאַנטע קאַפּיטאַליסטישע רייץ־מעטאָדען פון פאַרשידענע סאָרטען באַלוינונגען, שטיק־אַרבייט, פּרעמיומס, העכערע געצאָהלט פאַר אַרבייטען עקסטראַ איבער דער באַשטימטער צייט, זאָנדערן זי האָט איינגעריכט אַ מינימום־סטאַנדאַרד (מאָס) פון פּראָדוקציאָן און אַ סיסטעם פון שטראָפען פאַר שאַפען ווייניגער פון דער מינימום־מאָס.

אויף אָט די אַלע מיטלען קוקט מען, פאַרשטעהט זיך, ווי אויף צייטווייליגע אינסטיטוציאָנען, וואָס די סאָוויעט־רעגירונג איז געצוואונגען געווען צוליב די שאַרפע קאַמפען איינצופיהרען. מען ערוואַרטעט, אַז מיט דער צייט, ווען די אינדוסטריעלע סיסטעם וועט מאַכען פאָרטשריט, און די אַרבייטער וועלען זיך מעהר אַנטוויקלען, ווערען געשיקטער, דיסציפּלינירטער און פּראָדוקטיווער, וועט דאַן אויך אַרבייט ווערען מעהר פרייוויליג, באַלוינונג מעהר אויסגעגלייכט, און פאַרוואַלטונג מעהר דעמאָקראַטיש.

די ערוואַרטונג קאָן אפשר זיין אַ גוט־באַגרינדעטע. אָבער די ווענדונג פון סאָוויעט־רוסלאַנד'ס אינדוסטריעלע און פּאָליטישע טאַקטיק ווייזט ווידער אַמאָל דעם געפעהרליכען כאַראַקטער פון וועלען „אַריבערשפּרינגען“ אַ היסטאָרישע אַנטוויקלונגס־שטופע. דער סאָוויעט־רעזשים פון רוסלאַנד האָט זיך פאַרמאָסטען אויף אַ שפּרונג, אַ „קפיצת־הדרך“, וואָס איז איבער די כחות פון פיזישער מעגליכקייט. האָט ער געמוזט באַצאָהלען גרויסען שטראָף פאַר דער לייכטזיניגקייט פון זיין יוגענדליכער באַגייסטערונג, און אָנפאַנגען אויף דאָס ניי פון דער שווערער ווירקליכער התחלה. דער מוסר־השכל דערפון איז פון אומגעהויערער וויכטיגקייט פאַר דער צוקונפט פון רוסלאַנד און פאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון דער גאַנצער וועלט.

קאַפּיטעל 11.

מזרח און מערב

ביי אָט דעם פּונקט אין אונזער דיסקוסיע וועט ניט שאַדען צו פּרובירען מאַכען אַן אַלגעמיינעם פאַרגלייך צווישען דער סיטו־אַציע און פּראָבלעמען פון דער רוסישער רעוואָלוציע און די פּראָב־לעמען וואָס שטעהען פאַר דער סאָציאַליסשער באַוועגונג אין מערב (אייראָפּא).

די רוסישע רעוואָלוציע האָט פון סאַמע אָנפאַנג אָן געהאַט צו טאָן ניט נאָר מיט שוועריגקייטען און קאַמפען, וואָס יעדע פּראָ־לעטאַריער־רעוואָלוציע דאַרף ערוואַרטען, זאָנדערן אויך מיט אַ מאַ־סע ספּעציעלע פּראָבלעמען, וואָס זיינען פאַרבונדען מיט די אייגענ־אַרטיגע באַדינגונגען פון לאַנד.

פון דעם שטאַנדפּונקט פון סאָציאַלער און עקאָנאָמישער אַנט־וויקלונג איז די רוסישע רעוואָלוציע געבאָרען געוואָרען פאַר דער צייט. זי האָט באַשאַפען וואָס בוכאַרין רופט אָן „אַ נידריגערען טיפּ“.

די „נידריגקייט“ פון דער רוסישער רעוואָלוציע באַשטעהט ניט אין דעם, דאָס זי האָט ניט באַוויזען איינצוריכטען אַ פאָלקאָ־מענע סאָציאַליסטישע אָדער קאָמוניסטישע אָרדנונג. אַ סאָציאַ־ליסטישע רעוואָלוציע אין די אינדוסטריעל־אַנטוויקעלטע לענדער פון מערב־אייראָפּא וועט אויך ניט באַדייטען דער זאָפאָרטיגער אנקונפט פון סאָציאַליזם. פּונקט ווי אין רוסלאַנד, קען זי בלויז זיין דער אָנפאַנג פון אַ סיסטעמאַטישער פאַרווירקליכונג פון דער סאָציאַליסטישער פּראָגראַם. אָבער די קאָנקרעטע אויפגאַבען פון אַזאַ רעוואָלוציע וועלען זיך נויטווענדיגערוויזע אונטערשיידען פון די אויפגאַבען, מיט וועלכע רוסלאַנד האָט צו טאָן.

די רוסישע רעוואָלוציע פאַנגט אָן מיט אַ סיסטעם פון אינ־דוסטריען, וואָס זיינען דאָס רוב סאָציאַליזירט אָבער צוריקגעשטאַ־נען. אָבער אין די מערב־לענדער וועט די רעוואָלוציע געפינען אַ הויך־אָרגאַניזירטע אינדוסטריעלע אָרדנונג, וועלכע איז אַנטוויקעלט געוואָרען אונטער פּריוואַטע אינדוסטריעלען אייגענטום. רוסלאַנד'ס

פּראָבלעם איז אויפצובויען די סאָציאַליזירטע אינדוסטריען אַזוי שנעל ווי מעגליך. די פּראָבלעם פון די פּראָלעטאַריער־רעוואָלוציעס אין מערב וועט זיין איבערצונעהמען די אינדוסטריען אין געמיינשאַפטליכען אייגענטום, אויף קהל'ס חשבון, אַזוי, אַז די הויך־אָרגאַניזירטע און מייסטערהאַפט צוגעפּאַסטע מאַשינעריע זאָל דערביי ניט ליידען.

עס האָט אויסגעזעהן פאַרהעלטניסמעסיג לייכט אָפּצושאַפען דורך רעוואָלוציאָנערע דעקרעטען דעם פּריוואַטען אייגענטום פון די עטליכע צעוואָרפענע אינדוסטריעלע געשעפטען אין רוסלאַנד, כאָטש אפילו דאָרט האָט זיך נאָך דער פּלוצלונגער ענדערונג אַרויס־געוויזען אַ סך, אַ סך שווערער, ווי מ'האָט געדענקט, צו זעהן, אַז די פאַבריקען זאָלען ווייטער שאַפען ווי פריהער. אין די מאָדערנע לענדער, וואו אינדוסטרי אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב איז דער גאַנ־צער לעבענס־בלוט פונ'ם פאָלק, מוז דער איבערגאַנג פון פּריוואַטען צו קהל'שען אייגענטום נויטווענדיגערווייזע זיין מעהר אויסגע־רעכענט און פאַרזיכטיג. דער מאָדערנער סאָציאַליזם האָט קיינ־מאָל ניט געהאַט בדעה צו סאָציאַליזירען די אינדוסטריען גליך נאָך דער פּראָלעטאַריער־רעוואָלוציע.

נאָך אַזוי לאַנג צוריק, ווי אין יאָהר 1848, האָבען מאַרקס און ענגעלס (אין „קאָמוניסטישען מאַניפעסט") באַהויפּטעט, אַז „דער פּראָלעטאַריאַט וועט אויסנוצען זיין פּאָליטישע אויבערמאַכט אויף אַרויסצורייסען שטופּענווייז דעם גאַנצען קאַפּיטאַל ביי דער בורזשואַזיע", און זיי האָבען אויסגעאַרבייט אַ פּראָגראַם פון מעטאָדען ביסלאַכווייז און אומאויפהערליך צו סאָציאַליזירען די אינדוסטריען אין די סאַמע פאָרטגעשריטענסטע לענדער. אין יע־נער צייט איז די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָנס־סיסטעם נאָך געווען אין די ווינדעלאַך, זינט דאַן איז די קאָמפּליצירטקייט פון איהר אָרגאַניזאַציאָן אויסגעוואַקסען אומגעהויער גרויס, און די אויפגאַבע פון דער סאָציאַליסטישער אומוואַנדלונג איז שוין אַ סך דעליקאַטער.

פון דער צווייטער זייט, ווידער, האָט סאָוויעט־רוסלאַנד אַ פיל־שווערערע אויפגאַבע מיט לאַנד־סאָציאַליזירונג, ווי דאָס וועט

האָבען אַ פּראָלעטאַריער־רעוואָלוציע אין מערב, וואו ערד־באַאַר־בייטונג באַשעפטיגט אַ פיל־קלענערע טייל פון דער באַפעלקערונג און איז בעסער אָרגאַניזירט און פון וועניגער באַדייטונג פאַר דער פאָלקס־ווירטשאַפט.

„עס קען קיין ספק ניט זיין", גיט צו לענין, „אַז אין אַ פּויערים־לאַנד ווי רוסלאַנד איז אַ סאָציאַליסטישע ווידער־אויפבויאונג זעהר אַ שווערע פּראָבלעם. עס איז אָהן צווייפעל געווען פאַר־העלטניסמעסיג לייכט צו שטירצען אַזעלכע פיינדליכע כחות ווי די צאַרסקע הערשאַפט אָדער די פּריצים'שע מאַכט. דאָס איז מעגליך געווען אויסצופיהרען אין עטליכע טעג אינ'ם מיטעל־פונקט פון לאַנד און אין עטליכע וואָכען איבער'ן גאַנצען לאַנד. אָבער די פּראָבלעם, צו וועלכער מיר נעהמען זיך איצט, איז פון אַזאַ סאָרט, וואָס פאָדערט דויערהאַפטע און אָנגעשטרענגטע ארבייט. דאָ מוזען מיר קעמפען טראָט נאָך טראָט און קלאַפּטער נאָך קלאַפּטער, אום צו באַפעסטיגען די געווינסען פון סאָוויעט־רוסלאַנד און די קהל'שע ערד־באַאַרבייטונג. אַזאַ ענדערונג פון אינדיווידועלער קליין־לאַנד ארבייט צו קהל'שער לאַנד־ארבייט קען, פאַרשטעהט זיך, אונטער קיינע אומשטענדען ניט אויסגעפיהרט ווערען אויפ'ן שטעל."*)

לענין איבערטרייבט בשום אופן ניט די שוועריגקייטען פון דער סיטואַציע. די פראַגע פון סאָציאַליזירען לאַנד אין דער אַגריקול־טורעלער רוסלאַנד קען פאַרגליכען ווערען מיט דער פראַגע פון סאָ־ציאַליזירען פאַבריקען אין די אינדוסטריעלע מערב־לענדער, און מ'קען זאָגען, אַז ארום און ארום זיינען אָט די פּראָבלעמען פון דער־זעלבער שוועריגקייט און וויכטיגקייט פאַר די דאָזיגע ציוויליזאַ־ציאָנען פון פאַרשיידענע סאָרטען.

דער קאַרדינאַלער אונטערשייד צווישען רוסלאַנד און די מערב־לענדער האָט געצוואונגען די רוסישע רעוואָלוציע אָנצונעהמען אַן אַנדער עקאָנאָמישע טאַקטיק ווי די, וואָס וועט וואַהרשיינליך אָנ־געווענדעט ווערען פון דעם זיגרייכען ארבייטער־קלאַס אין די פאָרטגעשריטענערע טיילען פון דער וועלט. די עקאָנאָמישע איינ־

*) „די ערד־רעוואָלוציאָן אין רוסלאַנד", לאָנדאָן, ז. 8 און 9.

ריכטונגען פון סאָוויעט־רוסלאַנד מוזען דעריבער באַטראַכט ווערען, אַם וועניגסטענס טיילווייז, גיכער אַלס ספּעציפיש־רוסישע איידער אַלס אַלגעמיינע שטריכען פון דער פּראָלעטאַריער־רעוואָלוציע.

אויף דעמזעלביגען אופן קענען אויך די פּאָליטישע אינסטיטוציאָנען און מעטאָדען פון דער סאָוויעט־רעפּובליק דאָס רוב צוגעשריבען ווערען צו דעם אייגענאַרטיגען כאַראַקטער פון דער רוסישער רעוואָלוציע, וואָס איז געמאַכט געוואָרען און ווערט אויפגעהאַלטען פון אַ פּראָלעטאַריאַט, וועלכער איז ניט מעהר ווי אַ מינאָריטעט פון דער באַפעלקערונג. עס איז ניטאָ קיין שטאַרקע אורזאַכע צו גלויבען, אַז דער אַרבייטער־קלאַס פון "מערב", ווען ער וועט אַריין אין מאַכט אַלס אַ דייטליכע מאַיאָריטעט פון גאַנצען פאָלק, וועט געפינען פאַר נויטיג אָדער ניצליך אָנצואווענדען דיזעלבע מעטאָדען און סגולות אויף אָנצוהאַלטען די מאַכט: דאָס הייסט, אַז ער וועט מוזען איינפיהרען אַ סאָוויעט־פאָרמע פון רעגירונג געגרינדעט אויף באַשרענקטע און ניט־גלייכע רעכטע און ניט־דירעקטע פאַרטרעטערשאַפט; אַז ער וועט מוזען אָנווענדען פּאָליטישע אונטערדריקונגס־מיטלען און טעראָר פון אירגענד וועלכען סאָרט, אָדער אַם וועניגסטענס פון דעמזעלבען סאָרט און אין דעמזעלבען גראַד, ווי ס'איז אָנגעווענדעט געוואָרען אין רוסלאַנד.

דער רוסישער ביישפּיל קען, אַלזאָ, אין באַצוג צו דער סאָציאַליסטישער פּראָגראַם נאָך דער רעוואָלוציע ניט אָנגענומען ווערען אין יעדען הינזיכט אַלס פּאַסיג פאַר אַלע לענדער.

דערצו זיינען די ביז־אַהער־באַטראַכטע פּראָבלעמען אַלץ אַזעלכע, וואָס קומען אַרויס פון די איינגעוואָרצעלטע עקאָנאָמישע אונטערשיידען צווישען רוסלאַנד און די מערב־לענדער, — פּראָבלעמען וואָס וואָלט איבערגעלעבט אַפילו אַ סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע אין די מערב־לענדער. אָבער מיר טאָרען ניט פאַרזעהן דעם אונטערשייד צווישען דער לאַגע פון די רוסישע סאָציאַליסטען און זייערע חברים אין אַנדערע לענדער, וואָס איז באַשאַפען געוואָרען פון זייער פּאָליטישען צושטאַנד ביי הייניטיגען טאָג.

אין רוסלאַנד איז די רעוואָלוציע שוין דורכגעפיהרט געוואָרען. אין אַנדערע לענדער דאַרף זי ערשט קומען. אין ערשטען פאַל

ערשיינט דער סאָציאַליזם אַלס אַ הערשענדע שטאַטס־מאַכט, און אין צווייטען פאַל אַלס אַ קעמפענדע אָפּאָזיציאָנס־באַוועגונג. איז, אַלזאָ, גאַנץ קלאָר און פאַרשטענדליך, אַז די דירעקטע און פּראַקטישע אויפגאַבען אין די דאָזיגע צוויי פאַרשיידענע סיטואַציאָנען זיינען ראַדיקאַל פאַרשיידען.

אין רוסלאַנד באַזיצען די סאָציאַליסטען די רעגירונגס־מאַכט און זייער זאָפּאָרטיגע פּאָליטישע אויפגאַבע איז אויפצוהאַלטען זיך אין מאַכט. אין די מערב־לענדער האָט די בורזשואַזי דעם פּאָליטישען קאָנטראָל, איז די פּאָליטישע אויפגאַבע פון די אַרבייטער באַלד אַרויסצורייסען די מאַכט פון די הענט פון זייערע געגנער.

און אָט די אויפגאַבע איז אין קיין פאַל ניט אַזוי איינפאַך, ווי זי האָט זיך אַ געוויסע צייט אויסגעוויזען צו גרויסע טיילען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און הויפּטזעכליך צו די קאָמוניסטען פון רוסלאַנד.

געוועהנליך זיינען די מערב־אייראָפּעאישע לענדער אַ סך בעסער צוגעגרייט צו אַ פּראָלעטאַריער־רעוואָלוציע, ווי רוסלאַנד איז געוועזן אין יאָהר 1917. דייטשלאַנד, עסטרייך, ענגלאַנד, פראַנקרייך, איטאַליע, בעלגיע, שוועדען, האָלאַנד און דענמאַרק האָבען דערגרייכט פאַרשיידענע, אָבער אין אַלגעמיין גאַנץ הויכע, שטופען פון קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג מיט גרויסע קלאַסען־באַוואוסטע און גוט־אָרגאַניזירטע פּראָלעטאַריער־באַפעלקערונגען. קען מען זיי אַלזאָ, רעכענען אַלס צייטיג פאַר אַ פּאָליטישער הערשאַפט פון אַרבייטער־קלאַס. די אַזויגערופענע סוביעקטיווע אורזאַכען, ד. ה. די פּאָליטישע דעמאָראַליזאַציע פון דער בורזשואַזיע און די אַנטשלאָסענהייט, רייפקייט און צוגעגרייטקייט פון די אַרבייטער איבערצונעהמען די מאַכט, פעהלען דערוויילע. דער רעוואָלוציאָנערער גייסט, וואָס האָט אויפגעפלאַמט ביים ענד פון דער מלחמה און האָט אַרויסגערופען די עטליכע סאָציאַליסטישע און האַלב־לויפיג אונטערדריקט געוואָרען. אין די לענדער פון מיטעל־אייראָפּאַ איז עס דערשטיקט געוואָרען אונטער דער צעשמעטערענדער ווירקונג פון דער מפּלה און אין אייניגע אַנטאַנט־לענדער אונטער דער

שווער־דריקענדער אטמאָספערע פון דזשינגאָאיזם, מאָרד־פּאַטריאָ־טיזם. הויפּטזעכליך איז דער גייסט אויסגעלאָשען געוואָרען פון דער עקאָנאָמישער נויט פון דער וועלט. דער אַלגעמיינער צושטאַנד פון אַפּאַטיע און רעאַקציע אין די מערב־לענדער איז דערצו פיל פאַרערגערט געוואָרען צוליב דער אומאייניגקייט צווישען די סאָ־ציאַליסטען פון די פאַרשיידענע לענדער.

די ערפאַהרונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָט אויך גע־בראַכט דערצו, אַז די אייראָפּעאישע אַרבייטער זיינען געוואָרען פאַרזיכטיגער. דער אומאויפהערליכער קאַמף פון די אינטערנאַציאָ־נאַלע קאַפּיטאַליסטישע מעכטע געגען דער אַרבייטער־און־פּויערים־רעפּובליק אין אַ צייט, ווען די גאַנצע וועלט האָט אויסגעזעהן אויס־געמאַטערט, ערשעפּט פון דער מלחמה, און די אכזריות'דיגע הונגער־בלאָקאַדע, וואָס איז אָנגעהאַלטען געוואָרען אָהן שום אויסרייד פאַר אַ רעכטפערטיגונג פון אינטערנאַציאָנאַלע געזעצען, האָבען גאַנץ קאָנקרעט באַוויזען, וואָס פאַר אַ מיטלען די קאַפּיטאַליסטישע וועלט איז גרייט אָנצואווענדען אויף אונטערדריקען פּראָלעטאַריער־רע־וואָלוציעס. רוסלאַנד האָט פיזיש געעקנט אויסהאַלטען געגען די פאַראייניגטע פיינדליכע מעכטע פון אייראָפּאַ און אַמעריקא, ווייל זי קען זיך אַליין אויפהאַלטען מיט שפּייז. די גרויסע מאַיאָריטעט פון דער באַפעלקערונג, וואָס וואָהנט אין די דערפער, האָט די גאַנ־צע צייט געהאַט גענוג צו עסען; די שטאָדטישע באַפעלקערונג האָט געליטען, אָבער ניט געהונגערט. אין מערב־אייראָפּאַ איז ניטאָ אַזאַ לאַנד, וואָס זאָל קענען אויסהאַלטען אַן עהנליכע באַ־לאַגערונג. ניט דוקא ווייל די לענדער זיינען קלענער און קענען זיך ניט אַליין שפּייזען, נאָר צוליב דעם, וואָס זיי זיינען העכער אַנטוויקעלט אינדוסטריעל, זיינען זיי מעהר אָפּהענגיג אָן אַנדערע לענדער מיט זייער טעגליכער עקזיסטענץ. די פאַרפאָלקאָמונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָנס־סיסטעם האָט געפיהרט צו אַן אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטס־פאַרטיילונג. יעדע מאָדערנע לאַנד איז ספּעציאַליזירט אין אַ פאַרהעלטניסמעסיג קליינע צאָהל אינדוסטריען און איז אָפּהענגיג אָן אַנדערע לענדער צו פאַרקויפען זיי אַזעלכע אַרטיקלען, וואָס זי פאַבריצירט צופיל, און קויפען פון

זיי זאכען, וואָס פעהלען איהר. קיין אינדוסטריעלע לאַנד אין מערב־איירָאָפּא פּראָדוציִרט ניט פיל מעהר שפּייז, וויפיל זי דאַרף אליין האָבען. ווען אַ פּראָלעטאַריער־רעזשים זאָל זיך גרינדען אין ענגלאַנד, פראַנקרייך, אָדער איטאַליע, וואָלט אַ קאַפּיטאַליסטישע בלאָקאַדע פון די אַרומיגע לענדער אויסגעהונגערט איהר אין דעם קורצען משך פון עטליכע מאָנאַטען, און אפשר ניט מעהר ווי עטליכע וואָכען. אַ סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע אין די לענדער פון מערב־איירָאָפּא וואָלט געהאַט דורכצומאַכען זעהר אַ געפעהרליכע קאַריערע, סיידען זי וואָלט גלייכצייטיג, אָדער כמעט גלייכצייטיג, באַגלייט געוואָרען פון אויפשטאַנדען אין נאָך לענדער דערביי, וועלכע וואָלטען צוזאַמען געקענט בילדען אַן עקאָנאָמישע וועלטעל פאַר זיך; אָדער סיידען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַנדערע לענדער זאָל זיין אַזוי שטאַרק און אַנטשלאָסען, אַז זי זאָל קענען נישט דערלאָזען די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען צו שטערען די סאָציאַליסטישע רעפּובליק.

די ערשטע אויפגאַבע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין די דאָזיגע לענדער, איז, אַלזאָ, אויפצולעבען און אויפמונטערען די רעוואָלוציאָנערע באַגייסטערונג צווישען די אַרבייטער; צו פאַראייניגען און פאַרפעסטיגען, איינאַיבען און צוגרייטען זייערע אייגענע רייהען פאַר דער אַנטשיידענער שלאַכט, און איבערהויפּט צו פאַרשטאַרקען דעם בונד פון אחדות און קאָאָפּעראַציאָן צווישען די סאָציאַליסטען פון די לענדער, וואָס זיינען אָפּהענגיג איינע פון די אַנדערע. אין לענדער, ווי די פאַראייניגטע שטאַטען, וואו דער פיזישער גרונט פאַר דער סאָציאַליסטישער אומענדערונג איז אין גאַנצען אַנטוויקעלט, אָבער דער אַרבייטער־קלאַס איז פּאָליטיש און גייסטיג נאָך לעבערליך אומרייף, אין אַזעלכע לענדער מוזען די מאַסען די ערשטע זאַך קריגען אַן עלעמענטאַרע סאָציאַליסטישע ערציהונג.

אַט די קאָנקרעטע אויפגאַבען פון'ם מערב־סאָציאַליזם פאָדערען צום אַלעם ערשטען פרייהייט פאַר פּראָפּאַגאַנדע, אָרגאַניזאַציאָן און פּאָליטישע אַקציאָן. אָהן דעם קען מען כמעט גאָרניט דענקען וועגען אַן ערפאָלגרייכער באַוועגונג פון די גרויסע אַרביי־

טער־קלאַס מאַסען אין מאָדערנע לענדער. מיר קומען אויף דעם אופן צו צו דעם פּראַקטישען אונטערשייד צווישען דעמאָקראַטיע אַלס אַן אַבסטראַקטער אידעאַל און, וואָס קאַוטסקי רופט אָן, דע־מאָקראַטיע אַלס אַ מעטאָדע. וואָס מ'זאָל ניט דענקען וועגען דער אַרבייט און ווירקונג פון אַ דעמאָקראַטישער רעגירונגס־פאָרמע אין אַ קלאַסען־שטאַט, קען מען זיך ממש ניט באַגעהן אָהן קאָנקרעטע דעמאָקראַטישע אינסטיטוציאָנען, אָהן פּרעסע־רעדע־און־פאַרזאַמ־לונגס־פרייהייט, אָהן אָרגאַניזאַציאָנס־רעכט און שטימרעכט, אויב מ'וויל אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב אָנפיהרען אַ קלאַסען־קאַמף אויפ'ן אינדוסטריעלען און פּאָליטישען פעלד.

אויף וויפיל די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען אונטערדריקען די דאָזיגע אינסטיטוציאָנען, אויף אַזוי פיל ווערט די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע געשטערט. קיין זאַך איז דעריבער ניט שעדליכער און מעהר רעאַקציאָנער אין דער ווירקליכקייט, ווי די באַקאַנטע אויבער־רעוואָלוציאָנערע שטעלונג פון גלייכגילטיגקייט אָדער פאַר־אַכטונג צו די „בורזשואַז־דעמאָקראַטישע" אינסטיטוציאָנען אַלס וואַפען אין דעם סאָציאַליסטישען קאַמף.

אויף אָט דעם פּונקט באַגעגענען מיר זיך ווידער מיט אַ וויכ־טיגען אונטערשייד צווישען די פּאָליסים פון דער סאָציאַליסטישער רוסלאַנד און די סאָציאַליסטען פון די מערב־לענדער. בוכאַרין ער־קלעהרט און אילוסטרירט אָט דעם אונטערשייד אויף זיין אייגענעם פּראַכטפאָל־אָפענהערציגען, כמעט נאַאיוועז שטייגער. ער זאָגט:

„אַן אַנדער פראַגע מוז אונז געשטעלט ווערען: וואָרום האָבען פריהער די באָלשעוויקעס ניט גערעדט וועגען אָפּשאַפען אַלע פריי־הייטען פון דער בורזשואַזיע? וואָרום זיינען זיי פריהער אַליין געווען פאַר אַ בורזשואַזיש־דעמאָקראַטישע רעפּובליק? וואָרום האָבען זיי זיך פריהער אַליין ערקלעהרט פאַר אַ גרינדונגס־פאַרזאַמ־לונג און האָבען גאָרנישט געזאָגט וועגען אָוועקנעמען ביי דער בורזשואַזיע דאָס רעכט צו שטימען? מיט איין וואָרט, וואָרום האָבען זיי איצט געענדערט זייער פּראָגראַם אין באַצוג צו די דאָזיגע פראַגען?

„אַ פּשוט'ער ענטפער. דער אַרבייטער־קלאַס האָט נאָך ניט באַזעסען די קראַפט אַרויסצוטרעטען און שטורמען די בורזשואַזיע

פעסטונג. דערצו האָט זיך געפאָדערט פריהער צוצוגרייטען זיך, צונויפזאַמלען די קרעפטען, ערקלערען די מאַסען, אָרגאַניזירען.

„ער האָט געפאָדערט, צום ביישפּיל, פרייהייט פאַר דער אַרבייטער־פּרעסע, —דעם אַרבייטער'ס אייגענע פּרעסע און ניט די, וואָס באַלאַנגט צו די בעלי־בתים. מ'האָט דאָך די קאַפּיטאַליסטען און זייער רעגירונג ניט געקענט שטעלען אַזאַ מין פאָדערונג: „הערן קאַפּיטאַליסטען, פאַרמאַכט אייער פּרעסע און דרוקט אונזערע צייטונגען, די אַרבייטערס' צייטונגען". מ'וואָלט זיך נאָר אויסגעלאַכט פונ'ם אַרבייטער־קלאַס, וואָרים ס'איז לעכערליך צו פאָדערען אַזאַ זאַך פון די קאַפּיטאַליסטען; דאָס וואָלט הייסען בעטען זיי איבערצושניידען זייער אייגענעם האַלז. אַזעלכע פאָדערונגען קענען געמאַכט ווערען נאָר ווען מ'האַלט ביי אַריבערטראָגען דעם קאַמף אין שונא'ס לאַנד. האָט דעריבער דער אַרבייטער־קלאַס געזאָגט (און אונזער פּאַרטיי האָט אויך געזאָגט), „הורראה פאַר דער פרייהייט פון דער פּרעסע (דער גאַנצער פּרעסע, אַריינגענומען אויך די פּרעסע פון דער בורזשואַזיע)!" אָדער אַן אַנדער ביישפּיל: עס איז אָפען, אַז חברות פון בעלי־בתים — יענע וואָס וואַרפען די אַרבייטער אַרויס אין גאַס, פיהרען שוואַרצע צעטלען א. אַז. וו. — זיינען אַ גרויסע געפאַהר פאַר די אַרבייטער. אָבער די אַרבייטער האָבען דאָך ניט געקענט קומען צו די בעלי־בתים און זאָגען, „גיט־אויף אייערע פאַראיינען און שטיצט אונזערע". דאָס הייסט דאָך ברעכען די מאַכט פון קאַפּיטאַליזם. אויף דעם איז נאָך ניט געווען געגוג כח. האָט דעריבער אונזער פּאַרטיי דאַן געזאָגט: „מיר פאָדערען פרייהייט פאַר חברות (אין אַלגעמיין, ניט בלויז פון אַרבייטער)".

„איצט האָט זיך געביטען די צייט. מ'דאַרף זיך שוין מעהר ניט אַזוי שווער צוגרייטען צום צוזאַמענשטויס; מיר לעבען שוין איצט אין דעם פּעריאָד נאָכ'ן שטורם, נאָכ'ן ערשטען גרויסען זיג איבער דער בורזשואַזיע. איצט האָט דער אַרבייטער־קלאַס זיך אוועקגעשטעלט אַן אַנדער אויפגאַבע — איינמאַל פאַר אַלע מאָל צו צעשמעטערען דעם ווידערשטאַנד פון דער בורזשואַזיע." *)

די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אויסער רוסלאַנד מוז נאָך אַלץ „שווער זיך צוגרייטען פאַר'ן צוזאַמענשטויס". לויט בוכארינ'ען

מוז זי נאָך אַלץ שרייען „הורראַה פאַר דער פּרעסע־פרייהייט (אַריינגענומען די בורזשואַזע פּרעסע)" און מוז פאָדערן פריי־הייט צו גרינדען פאַראיינען" (פאַר אַלע קלאַסען). קורץ, זי מוז קעמפען פאַר אויפהאַלטען און פאַרגרעסערען דעמאָקראַטישע אינ־סטיטוציעס. אָבער די בורזשואַזיע איז דאָך ניט אַזוי גרויסמו־טיג אָדער נאַריש, זי זאָל איינגעהן אויף די סאָציאַליסטישע פאָ־דערונגען פון פרייהייט פאַר דער פּרעסע און פאַראיינען, ווען אַזעל־כע פאָדערונגען ווערען באַגלייט מיט דער באַהויפּטונג, אַז ווען די „צייט וועט זיך בייטען" און דער אַרבייטער־קלאַס וועט קריגען פּאָ־ליטישע מאַכט וועט ער „איין מאָל פאַר אַלע מאָל צעשמעטערען" דיזעלבע פרייהייטען פון דער בורזשואַזיע, ווי בוכאַרין זאָגט עס גאַנץ קלאָר.

דיזעלבע אילוסטראַציע זיינע אין אַנדערע ווערטער וואָלט גע־קענט געמאַכט ווערען אין אַזאַ מין פאָרשלאַג צו די קאַפּיטאַליס־טישע רעגירונגען: „הערען קאַפּיטאַליסטען, באַוויליגט אונז פולע פרייהייט פאַר דער פּרעסע, פאַר רעדען, פאַרזאַמלען זיך, פאַראיי־ניגען זיך, שטימען א. אַז. וו., כדי מיר זאָלען קענען אומגעשטערט אָנפיהרען אונזער קאַמף צו שטירצען אייך, און אַז אונז וועט זיך עס איינגעבען, דורך די וואַפען וואָס איהר'ט אַריינלעגען אין אונ־זערע הענט, ווערען מיר אויסנוצען אונזער זיג אויף אַוועקצונעהמען ביי אייך אַלע פּאָליטישע און ציווילע רעכט". האָט עס אַ זין?

די סאָציאַליסטישע פאָדערונג פון אַ בורזשואַזען שטאַט אויפ־צוהאַלטען די דעמאָקראַטישע אינסטיטוציאָנען וועט האָבען אַ וויר־קונג און וועט זיין אויסגעהאַלטען בלויז ווען זי שטאַמט פון דער טעאָריע, אַז אַ סאָציאַליסטישער שטאַט וועט אויך דולדען פּאָליטי־שע אָפּאָזיציאָן אין אַלערליי פאָרמען פון נאָרמאַלער און פרידליכער טעטיגקייט. אַ סאָציאַליסטישע רעגירונג וועט, פאַרשטעהט זיך, שטענדיג אָנהאַלטען דאָס רעכט צו אונטערדריקען טעטיגע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע פאַרשווערונגען מיט גוואַלט צו שטירצען די רע־גירונג, פּונקט ווי די בורזשואַזע רעגירונג וועט שטענדיג פאָדערען און געברויכען דאָס רעכט צו אונטערדריקען טעטיגע רעוואָלוציאָ־נערע פאַרשווערונגען צו שטירצען איהר הערשאַפט.

אן אנדער זייט פון דערזעלבער פראגע ווערט פֿארגעשטעלט דורך דער באָלשעוויסטישער אגיטאציע פאר „אומלעגאלער אר־בייט“ אין פארבינדונג מיט דער סאָציאליסטישער פּראָפּאגאנדע. די פּלאטפאָרמע־רעזאָלוציאָן פון דעם קאָמוניסטישען אינטערנא־ציאָנאל פאָרמולירט דעם פּרינציפּ בזה הלשון:

„אין א לאנד, וואו די בורזשואזיע אָדער די קאָנטער־רעוואָלו־ציאָנערע סאָציאל־דעמאָקראטיע איז אין מאַכט, מוז זיך די קאָמו־ניסטישע פּארטיי לערנען צו אייניגען און איינשטימען איהר לע־גאלע ארבייט מיט די אומלעגאלע ארבייט, און די לעגאלע ארבייט מוז שטענדיג זיין אונטער דער ווירקזאמער קאָנטראָל פון דער אומלעגאלער פּארטיי.“

דיזעלבע טעאָריע ווידערהאָלט זיך ווידער און ווידער אין די שריפטען ביי לענינ׳ען און אנדערע באָלשעוויסטישע שרייבער.

סאָציאלע באוועגונגען, געגרינדעט אויף מאטעריעלע אינטע־רעסען, און אידעען און אידעאלען, וואָס קומען ארויס פון אזעלכע באוועגונגען, קענען ניט אונטערדריקט ווערען דורך פיזישער קראַפט. דאָס איז כמעט א זעלבסטפארשטענדליכער אמת. אויב א סאָ־ציאליסטישע אָדער אירגענד אנדער רעוואָלוציאָנערע באוועגונג וועט ניט ערלויבט ווערען אָנצופיהרען איהר פּראָפּאגאנדע אָפען און געזעצליך, וועט זי געפינען מיטלען צו ארבייטען אין געהיים און אומגעזעצליך. אָבער די מעטאָדע פון געהיימער און אונטער־ערדישער פּראָפּאגאנדע איז קיינמאָל ניט גענוגענד צו באפרידיגען די פארשיידענארטיגע פאָדערונגען פונ׳ם קלאסען־קאמף אין א פאָרטגעשריטענע לאנד. זאָגאר מיט זייער גרויסער טעגליכער פּרעסע און אייגענע פּארלאגס־געשעפטען; זייערע פארזאמלונגס־זאאלען און עפענטליכע פּראָפּאגאנדע; זייערע מעכטיגע יוניאָנס, קאָאָפּעראטיווען און פּאָליטישע אָרגאניזאציאָנען; זייערע סטרייקס, דעמאָנסטראציעס, וואהל־קעמפּעינס, — זאָגאר מיט די אלע זאכען איז די מאָדערנע סאָציאליסטישע און ארבייטער באוועגונגען זעהר שווער אויסצוהאלטען געגען די גרעסערע בורזשואזע מעגליכקייטען צו באאיינפלוסען די פּאָלקס־מאסען. וואָס פאר א ווירקונג קען מען ערווארטען זאָלען האָבען עטליכע געהיימע פארזאמלונגען און

אַ געהיימע אַרויסגעבונג און קליינע פאַרשפּרייטונג פון עטליכע רעוואָלוציאָנערע פלוג־בלעטלעך אָדער אויסגאַבען אויף די ריזיגע קאַמפען פון מאָדערנעם סאָציאַליזם, אין וועלכע מיליאָנען, מיליאָנען אַרבייטער האָבען זיך אַריינגעוואָרפען געגען דער אומגעהויערער אָרגאַניזירטער מאַכט פון אינטערנאַציאָנאַלען קאַפּיטאַל?

די איינציגע באַדייטענדע פעלע אין דער געשיכטע פון מאָדערנעם סאָציאַליזם, וואו מ'האָט אָנגעווענדעט אומלעגאַלע אַר־בייט, זיינען געווען אין רוסלאַנד אונטער די צאַרען און אין דייטש־לאַנד אונטער ביסמאַרק'ן. איןביידע פעלע איז די געהיים־טאַקטיק אַרויפגעצוואונגען געוואָרען אויף דער באַוועגונג, ווייל אָפענע טע־טיגקייט איז אַבסאָלוט פאַרווערט געוואָרען.

די אונטערערדישע פּראָפּאַגאַנדע פון סאָציאַליזם אין רוסלאַנד, וועלכע איז עטליכע דורות אָנגעפיהרט געוואָרען מיט וואונדערבאַ־רער געניאַליטעט און אומצעהליגע קרבנות, האָט קיינמאָל ניט דערגרייכט מעהר ווי די ברעגען פון דער באַפעלקערונג.

אין דייטשלאַנד, פאַר דער צייט פון די אַנטי־סאָציאַליסטישע געזעצען, האָבען די סאָציאַל־דעמאָקראַטען געהאַט זייערע פאַרלאַ־מענטס־וואַהלען אַלס פּעריאָדישע פאַרזאַמלונגס־פּלעצער און דעם פאַרלאַמענט גופא אַלס אַן עפענטליכען טריבונאַל, און זיי האָבען דאָס רוב מאַכט געוואונען דורך אָט די מיטלען. מאַכענדיג אַ סך־הכל צו דער ערפאַהרונג פון יענעם פּעריאָד, זאָגט פרידריך ענגעלס, וואָס מ'קען רעכענען אַלס זיין פּאָליטישע צואה:

„און ס'האָט אויף אַזאַ אופן פּאַסירט, אַז די בורזשואַזיע און די רעגירונג זיינען געקומען צו אַזאַ צושטאַנד, דאָס זיי האָבען אַ סך מעהר מורא געהאַט פאַר דער געזעצליכער טעטיגקייט; זיי האָבען געציטערט פאַר דעם רעזולטאַט פון די וואַהלען מעהר ווי פאַר אַן אויפשטאַנד.“ *)

די רוסישע קאָמוניסטען, פאַרשטעהט זיך, האַלטען פּרינצי־פּיעל אויך ניט מעהר פון אומלעגאַלע מעטאָדען,**) אָבער זייער איינגעשפּאַרטע באַטאָנונג וועגען דער נויטווענדיגקייט צוצופּאַסען

*) „פּראָגראַם פון די קאָמוניסטען“, ז. 29 און 30.

לעגאַלע מיט אומלעגאַלע אַרבייט איז געגויגט צו מאַכען דעם איינ־דרוק, אַזביידע סאָרטען אַרבייט, די לעגאַלע און די אומלעגאַלע, זיינען פון דערזעלבער וויכטיגקייט און אויפטו, און ווירקט אויך אָפּצושוואַכען דעם קאַמף פאַר אויפצוהאַלטען דאָס רעכט פון פרייער עפענטליכער פּראָפּאַגאַנדע.

דאָס אונטערוואַרפען לעגאַלע אַרבייט (ווען אומלעגאַלע ווערט נויטיג, אונטער דער "ווירקזאַמער קאָנטראָל פון דער אומלעגאַלער פּאַרטיי", וואָלט נאָך מעהר אַרונטערגעבראַכט די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען צו דעם שטאַנד פון קאָנספּיראַטיווע אָרגאַניזאַציאָנען, און וואָלט זיי געפיהרט צוריק צו די טעג פון בלאַנקיזם, ווען מען האָט נאָך געהאַלטען פאַר מעגליך אויסצופיהרען פּראָלעטאַריער־רעוואָלוציעס „דורך קליינע באַוואוסטזיניגע מינאָריטעטען אָן דער שפּיצע פון די אומבאַוואוסטזיניגע מאַסען".

קאַפּיטעל 12.

דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל

די רוסישע רעוואָלוציע איז אָהן ספק די גרעסטע געשעהעניש אין דער געשיכטע פון סאָציאַליזם. די פּאַסירונג האָט פונדאַמענ־טאַל געענדערט די סיטואַציאָן און דעם אויסזיכט פון דער סאָציאַ־ליסטישער באַוועגונג אין אַלע לענדער. אמת, די סאָציאַלע און פּאָליטישע אינסטיטוציאָנען און די פּראַקטישע טאַקטיק, וואָס זי האָט אַרויסגעבראַכט, דאַרפען ניט אָנגענומען ווערען אַלס מוסטערן פאַר אַלע צוקינפטיגע רעוואָלוציאָנען; און די נייע טעאָריען, וואָס איהרע פאַרפאַסערס האָבען פאָרמולירט, קענען אין אַלגעמיין ניט אָנגעווענדט ווערען גלייך פאַר אַלע פאַלען, אָבער דאָך איז מען צו־ליב דער רוסישער רעוואָלוציע געצוואונגען געווען קריטיש איבער־צוטראַכטען און ווידער עקזאַמינירען די טעאָרעטישע גרונדזאַצען פון דער באַוועגונג, און אַנטשיידענד ענדערען די מעטאָדען און גרינדליך איבערגרופּירען די קרעפטען.

דער הויפּט ביטראַג פון סאָוויעט־רוסלאַנד איז געווען, צו באַנוצען זיך מיט מאַרקס' אַ קרעפטיגען אויסדרוק, „איהר אייגענע

ווירקונגס־עקזיסטענץ". דער פאקט פון דער ארבייטער־ און פויערים־רעפובליק אין דער גרעסטער לאנד אין אייראפא האט אויף אייביג פארניכטעט די אבערגלויבענס און די בלינדע אמונה, אז די קאפיטאליסטישע געזעלשאפטס־ארדנונג איז אן אייביגע זאך און קען ניט געענדערט ווערען. מיט איין קלאפ האט זי ארויסגעשלעפט דעם סאציאליסטישען אידעאל פון דער אבסטראקטער השערות'דיגער חלומות־וועלט און אוועקגעשטעלט איהם אויפ'ן פעסטען באדען פון דער ווירקליכקייט.

פאר דער רוסישער רעוואלוציע איז די סאציאליסטישע באוועגונג פון דאס רוב אייראפעאישע לענדער געווען פארנומען מיט דער אויפגאבע צו ערציהען און איינאיבען די ארבייטער־מאסען אין דער אלגעמיינער אידעע פון סאציאלער רעוואלוציע, ניט האבענדיג דערביי קיין פעסט־באשטימטע אבזיכט צו פארכאפען די רעגירונגען פון זייערע אייגענע לענדער אין זייער אייגענער צייט. דאס איז געווען פונקט ווי די געוועהנליכע פשוט'ע ארבייט פון מושטירען אן ארמעע אין פרידליכע צייטען אהן א שייכות צו אנקומענדער ממשות'דיגער מלחמה. די אומגעהויערע ארגאניזאציאנען פון סאציאליזם און ארבייט זיינען צוגעפאסט געווען צו אזעלכע טעטיגקייטען פון פרידענס־צייטען, און ווען דער קריזיס איז אנגעקומען איז א גרויסע צאהל פון די אנפיהרער און גרויסע טיילען פון די מאסען ניט אימשטאנד געווען זיך צוצופאסען צו דער נייער סיטואציע. זיי זיינען איבערגעלאזען געווארען אהינטער די טעטיגע רעוואלוציאנערע קעמפער, פונקט ווי די גענעראלען פון פרידענס־צייט ווערען אוועקגעווארפען און די פרידענס־צייט־ארמעען ווערען רעארגאניזירט ווי נאר ווירקליכער קריג ברעכט אויס. אט די אומפארמיידליכע אנטוויקלונג איז עס מעהרסטענטיילס שולדיג אין דעם „פארראט" פון צווייטען אינטערנאציאנאל.

די רוסישע רעוואלוציע האט פלוצלונג אריינגעבראכט א נייע עפאכע אין דער סאציאליסטישער באוועגונג פון דער וועלט — די עפאכע צו זוכען דירעקט צו פארווירקליכען די סאציאליסטישע פראגראם אין דער פראקטיקע. דער ביישפיל פון סאוויעט־רוסלאנד האט עס מעגליך געמאכט די ערשיינונג פון די פארזוכטע

סאָציאַליסטישע רעזשימען אין אונגארן און פינלאַנד, און צו אַ קלענערען גראַד אין דייטשלאַנד און עסטרייך. און כאָטש די דאָזיגע ערשטע פּאַרזוכען האָבען זיך ניט איינגעגעבען און נאָך דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע איז געקומען אַ צושטאַנד פון רעאַקציע, קען דער אָפּהאַלט אָבער זיין ניט מעהר ווי אַ דערווייליגער. אַזוי גיך ווי דער אַלגעמיינער צושטאַנד פון עקאָנאָמישער נידערגעשלאָגענקייט און די מאָראַלע און פּאָליטישע נאָכוועהעניש פון דער מלחמה וועלען אין אַ באַדייטענדער מאָס לייכטער ווערען, וועלען די אַרבייטער אָהן צווייפעל רעאָרגאַניזירען זייערע כחות און זיך ווידער נעהמען צו דער אַטאַקע.

אין די פאָרטגעשריטענע אייראָפּעאישע לענדער האָבען די נייע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע באַדינגונגען באַשאַפען אַ פּאָטענציעלע "רעוואָלוציאָנערע סיטואַציע", אַ לאַגע פון מעגליכען רעוואָלוציאָנערען אויסברוך: דער דירעקטער ציל פון דער נעקסטער סאָציאַליסטישער אַטאַקע אין אירגענד וועלכען פון זיי קען וואהרשיינליך זיין זאָפאָרט צו פאַרכאַפּען די רעגירונגס־מאַכט. דער גייסט און ברען פון אַזעלכע באַנייטע באַוועגונגען און זייער ענדליכער ערפאָלג אָדער דורכפאַל וועט אין אַ גרויסען גראַד אומפאַרמיידליך באַאיינפלוסט ווערען פון די פּאַסירונגען אין סאָוויעט־רוסלאַנד.

וואָרים וואָס פאַר אַן אונטערשיידען מ'זאָל ניט געפינען צווישען די רוסישע באַדינגונגען און דעם ספּעציעלען זאָרט סאָציאַליזם וואָס זיי האָבען פּראָדוצירט, און די באַדינגונגען אין מערב און דעם זאָרט סאָציאַליזם וואָס מ'ערוואַרטעט זאָל פון זיי אויסוואַקסען, די גרויסע וועלט וועט שטענדיג אָהן שום מחזקות אוועקשאַרען אַלע אַזעלכע אונטערשיידען אָן אַ זייט. פאַר די גרויסע מאַסען אַרבייטער און ניט אַרבייטער וועט סאָוויעט־רוסלאַנד שטענדיג זיין אַ פּראַקטישער באַווייז פון סאָציאַליזם ווי ער דינט אין דער ווירקליכקייט, און דער מוסטער פון אַלע סאָציאַליסטישע רעגירונגען. די ערפאָלגען פון דעם רוסישען קאַמף וועלען באַגייסטערען און אויפמונטערען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג פון אַלע לענדער. און רוסלאַנד'ס נידערלאַגעס וועלען זיין אַ דירעקטער צוריקשטויס פאַר'ן גאַנצען אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליזם.

אַ חוץ דעם, ווען די אייראָפּעאישע אַרבייטער וועלען אַריינ־טרעטען אין מאַכט, וועלען זיי זיך דאַן נאָך מעהר נויטיגען אין סאָ־וויעט־רוסלאַנד׳ס שטיצע ווי אין דער צייט פון קאַמף פאַר פּאָליטי־שער הערשאַפט. די עקזיסטענץ פון יענער נייער סאָציאַליסטישער רעפּובליק אין אייראָפּע וועט, ווי ס׳איז שוין אָנגעוויזען געוואָרען אין פריהערדיגען קאַפּיטעל, זיין דירעקט אָפּהענגיג אָן דער עק־זיסטענץ פון אַ סאָציאַליסטישען רעזשים, אָדער אַם וועניגסטענס אַ שטאַרקען סאָציאַליסטישען איינפלוס אין איין אָדער מעהר דער־בייאיגע לענדער. אָבער די טעטיגע הילף פון אַ מעכטיג לאַנד ווי רוסלאַנד וועט זיין פון אומשעצבאַרען ווערטה אין די קאַמפען געגען די אַטאַקעס פון אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטען.

די פּאָרטגעשריטענע אַרבייטער פון דער וועלט פיהלען דערי־בער מיט׳ן גאַנצען הארצען צו שטיצען סאָוויעט־רוסלאַנד ניט נאָר ווייל דאָס איז אַ נאַטירליכער געפיהל צו דער ערשטער סאָציאַ־ליסטישער רעפּובליק, נאָר אויך ווייל דאָס איז אין זייערע קלאַסען־אינטערעסען.

פון צווייטען זייט, ווידער, איז דער שיקזאַל פון סאָוויעט־רוס־לאַנד ענג פאַרבונדען מיט׳ן ערפאָלג אָדער דורכפאַל פון דער סאָ־ציאַליסטישער באַוועגונג אויסער איהרע גרענעצען. כל זמן רוס־לאַנד איז די איינציגע סאָציאַליסטישע לאַנד אין דער וועלט, וועט זי תמיד פאַרבלייבען דער ציל־ברעט פאַר קאַפּיטאַליסטישע אַטאַ־קעס, און יעדער צייטווייליגער אָפּמאַך, וואָס איהר וועט געלינגען צו שליסען מיט אויסלענדישע מעכטע, וועט זיין העכסט געפעהרליך.

בלויז ווען נאָך סאָציאַליסטישע רעפּובליקען וועלען זיך גרינ־דען אין אייראָפּע, קען מען ערווארטען, אַז דער אינטערנאַציאָנאַ־לער קאַפּיטאַליזם זאָל שלום מאַכען מיט דער נייער אָרדנונג.

ביז אַזעלכע רעפּובליקען וועלען זיך ניט גרינדען, וועלען די קאַפּיטאַליסטישע קלאַסען פון די סאַמע מעכטיגסטע לענדער נאָך אַלץ פּרובירען׳ ביי יעדער גינסטיגער געלעגענהייט אָנצופאַנגען נייע באַוואָפענטע אַטאַקעס, סיידען שטאַרקע און אָנטשלאָסענע אַר־בייטער אָרגאַניזאַציאָנען אין זייערע אייגענע לענדער וועלען זיי צו דעם ניט דערלאָזען אויס סימפּאַטיע צו דער סאָוויעט־רעפּובליק.

אין קיין צייט האָט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג זיך ניט שטאַרקער געגויטיגט אין איינשטימיגער קאָאָפּעראַציאָן פון אַלע איהרע צווייגען, און אין קיין צייט איז זי ניט געווען אַזוי צעריסען ווי אין אָט דעם קריטישען פּעריאָד פון איהר געשיכטע.

די סאַמע דרינגענדסטע און זאָפאָרטיגע אויפגאַבע, וואָס די סאָציאַליסטען פון דער וועלט האָבען פאַר זיך, איז אויפצובויען אַ פעהיגע אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציאָן, און די דאָזיגע אויפ־גאַבע פאָדערט די באַוועגונג זאָל באַזיצען די גרעסטע שאַרפזיניג־קייט און שטאַטסמאַנשאַפט פון ברייטסטען בליק.

אום אָפּצורופען זיך אויף די נויטווענדיגקייטען פון די הייג־טיגע באַדינגונגען פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, מוז דער נייער אינטערנאַציאָנאַל הויפּטזעכליך זיין אַן אָרגאַניזאַציאָן פון טאַט, פּונקט ווי דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך מעהר־סטענס באַשעפטיגט מיט דעבאַטירען און דיסקוטירען און דער צווייטער מיט פּראָפּאַגאַנדע און אָרגאַניזאַציאָן, אין איינקלאַנג מיט די פאָדערונגען פון זייערע טעטיגקייטס־פּעריאָדען. די פּראָבע פאַר מיטגלידערשאַפט אין דער נייער אינטערנאַציאָנאַלער קערפּערשאַפט דאַרף דעריבער זיין שטרענגער ווי אין די פריהערדיגע. זיי מוזען אָנטהאַלטען אַן אַבסאָלוטע פאַרפּליכטונג טעטיג צו שטיצען סאָ־וויעט־רוסלאַנד און אַלע אַנדערע סאָציאַליסטישע רעגירונגען, וואָס וועלען שפּעטער געגרינדעט ווערען, און צו שטעלען זיך געגען איר־גענד וועלכע אַטאַקעס, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען וועלען אויף זיי מאַכען. זיי מעגען פאַרוועהרען סאָציאַליסטען צו באַטייליגען זיך אין בורזשואַזע רעגירונגען, און פאָדערען אַ גרע־סערען גראַד פון פּראַקטישער צופּאַסונג צו די באַשלוסען פון אינ־טערנאַציאָנאַלער טאַקטיק, ווי דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל האָט עס געהאַט.

אָבער איינפיהרענדיג עס אין דער אַלגעמיינער טאַקטיק פון אַן אינטערנאַציאָנאַלען כאַראַקטער, מוז אַ פאַרנינפטיגע וועלט־אָרגאַ־ניזאַציאָן פון מאָדערנעם סאָציאַליזם ערלויבען אַלע אָנגעשלאָסענע פּאַרטייען דיזעלבע אומאָפּהענגיגקייט פאַר באַשטימען זייערע נאַ־ציאָנאַלע טאַקטיק, אָרגאַניזאַציאָנס־פאָרמע און קאַמפּס־מעטאָדען,

ווי דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל האָט עס געטאָן. די באַדינ־גונגען און אויפגאַבען פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין די פאַרשיידענע לענדער האָבען זיך אין דער צייט פון צווייטען אינ־טערנאַציאָנאַל אונטערשיידעט גיכער אין גראַד ווי אין תוך. שטאַרק צי שוואַך, יונג צי אַלט, זיינען זיי אַלע געווען באַשעפטיגט מיט פּראָפּאַגאַנדע־טעטיגקייט און אינדוסטריעלע און פּאָליטישע קאַמפּען כמעט אויף דעמזעלבען וועג. עס לעגט זיך אויפ'ן שכל, אַז ס'איז געווען מעגליך, כאָטש ס'איז קיינמאָל ניט געפּרובירט געוואָרען, צו פאָרמולירען אַן אַלגעמיינעם שולחן־ערוך פון טאַק־טיקען פאַר זיי אַלעמען.

די מלחמה און די רעוואָלוציעס האָבען אַנטוויקעלט נייע און ראַדיקאַלע אונטערשיידען צווישען די סאָציאַליסטישע פּאַר־טייען פון די פאַרשיידענע לענדער. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז ביי היינטיגען טאָג די הערשענדע פּאַרטיי אין רוסלאַנד, אַן אַרונטערגעזעצטע פון טהראָן אין אונגאַרן און פינלאַנד, אַ מעהר־הייטס־פּאַרטיי אין עטליכע גרויסע אייראָפּעאישע לענדער, אַ שוואַ־כע מינאָריטעטס־פּאַרטיי אין אַ הויך־אַנטוויקעלטען קאַפּיטאַליס־טישען שטאַט, ווי ענגלאַנד און אַמעריקע, אָדער נאָך אין די ווינ־דעלאַך מיט אומבאַשטימטע שטריכען, ווי אין די לענדער פון וויטען מזרח. צו פּרובירען צוזאַמענשמעלצען אָט די אַלע פּאַר־שיידענע פּאַרטייען אין איין סאָרט פּראָגראַם, מעטאָדען און אָר־גאַניזאַציאָן, אָדער אָנצופיהרען זייערע טעטיגקייטען פון איין מיטעלפּונקט, — צו פּרובירען אַזאַ זאַך וואָלט הייסען צו מקריב זיין די ווירקליכקייט צוליב טעאָרעטישע פּלענער.

דער נייער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל מוז אחוץ דעם זיין אינטערנאַציאָנאַליסטיש אַזוי גוט ווי סאָציאַליסטיש, אינטער־נאַציאָנאַליסטיש אין זיין פאָרמע און עובדא אַזוי גוט ווי אין זיינע שטרעבונגען. ער טאָר ניט באַהערשט ווערען פון דער באַוועגונג פון איין לאַנד און ער מוז דינען די אינטערעסען פון אַלע לענדער גלייך. דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל איז באַהערשט געוואָרען מעהרסטענס פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, און ווען די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט זיך אונטערגעגעבען דעם 4טען

אויגוסט, 1914, איז צוזאַמענגעפאַלן דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער בנין. דער נייער אינטערנאַציאָנאַל דאַרף זיך ניט האַלטן צו שטאַרק אָנגעשפּאַרט אויף רוסלאַנד, אויב מ'וויל איהם אויפבויען אויף אַ פעסטערען פונדאַמענט, ווי זיינע פאָרגעגנגער. טאַקע צוליב די ווייט־גרייכענדע ווירקונג פון דעם רוסישען ביישפּיל אויף די אַרבייטער פון דער גאַנצער וועלט, דאַרפען די סאָציאַליסטען פון רוסלאַנד האַלטען טייער זייער מאַכט אַלס אַ פאַרטרויטער אוצר פאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון אַלע לענדער. זיי מוזען אויסאַרבייטען זייער טאַקטיק אין שייכות מיט אָט דער ווירקונג און אין דער מעגליך־גרעסטער מאָס מיט דער באַראַטונג און טעטיגער מיטווירקונג פון דעם שטרייטענדען אַרבייטער־קלאַס פון אַלע לענדער.

די רוסישע קאָמוניסטען האָבען געהאַט אַן אויסערגעוועהנליכע געלעגענהייט צו זיין די אָנפיהרער אין דער אויסבעסערונג פון דעם סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל, אָבער זיי האָבען זיך, צום באַדויערען, ניט אויפגעהויבען צו אַזאַ שטופע. דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער איז באַשאַפען געוואָרען אונטער זייער באַגייסטערונג, איז הינטערשטעליג אין אַלע ממשות'דיגע פאָדערונגען אַלס אַ ווירקזאַמער ווערקצייג אין די מאָדערנע קאַמפען פון'ם אַרבייטער־קלאַס. ווי ער איז צוזאַמענגעשטעלט און ווערט פאַרוואַלטעט, איז ער ניט אינטערנאַציאָנאַליסטיש, נאָר קלייזעלדיג און סעקטאַנטיש. ער איז דורכאויס רוסיש אין געבוי, באַגריף, און פּראָגראַם.

זיין שטענדיגער פּלאַץ איז אין רוסלאַנד, זיינע הויפּט־באַאַמטע זיינען רוסישע, און זיין מעכטיגער עקזעקוטיוו קאָמיטעט ווערט רעגירט פון רוסען. פון די צוואַנציג מיטגלידער, פון וועלכע ער באַשטעהט, זיינען פינף פאַרטרעטער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (מיט נאָך פינף „שטעלפאַרטרעטער“), און די איבעריגע פופצעהן זיינען אויסגעטיילט צווישען אַלע אַנדערע לענדער, צו איין פאַרטרעטער אויף אַ לאַנד, קיין אונטערשייד ווי גרויס אָדער וויכטיג די לאַנד איז. ווען מען נעהמט אין אַנבאַטראַכט, אַז צווישען אָט די פופצעהן געפינען זיך עטליכע, וועלכע פאַרטרעטען קיין

קערפערשאפטען ניט; אז די גאנצע ארבייט פונ'ם עקזעקוטיוו קאָמיטעט ווערט אין דער ווירקליכקייט פינאנסירט פון רוסלאנד, און אז די מאיאָריטעט פון איהר ביוראָ, וואָס באַשעפטיגט זיך מיט דער געוועהנליכער, אַל־טעגליכער ארבייט, באַשטעהט פון רוסען, דאַן מוז ווערען קלאָר, אז דער קאָמוניסטישער אינטערנאציאָנאַל שטעלט מיט זיך פאָר ניט פיל מעהר ווי די אינטערנאציאָנאַלע דיקטאטור פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פון רוסלאנד. די באַריכטען פון אלע פארהאנדלונגען פון זיין עקזעקוטיוו קאָמיטעט און זיינע קאָנגרעסען צייגען, ווי שטארק אָט די רוסישע הערשאפט ווייזט זיך ארויס אין דער ווירקליכער ארבייט.

דער אבסאָלוטער קאָנטראָל פון דעם קאָמוניסטישען אינטערנאציאָנאַל איז באַזונדערס שעדליך צוליב דעם, וואָס דער רוסישער פראָלעטאריאַט איז דער הערשענדער קלאַס.

דער סאָציאַליסטישער אינטערנאציאָנאַל איז, ערשטענס, א קאמפס־ארגאניזאציאָן פון רעוואָלוציאָנערע אָפּאָזיציאָנס־פארטייען, וואָס זיינען פאראייניגט אין דעם אלגעמיינעם קאמף געגען די הערשענדע קאפּיטאליסטישע קלאסען פון דער וועלט. די פּאָליטישע פארטייען פון דער בורזשואזיע דארפען ניט האָבען קיין אינטערנאציאָנאַלע אָרגאניזאציע צו באשיצען זייערע אלגעמיינע קלאסען־אינטערעסען. די רעגירונגען זאָרגען זיך דערפאר דורך דיפּלאָמאטישע פארבינדונגען אָדער דורך זייער נאציאָנען־ליג. ווען דער סאָציאליסטישער רעזשים וועט פארנעהמען די גרעסערע טייל פון דער וועלט, וועט דער קעמפענדער סאָציאליסטישער אינטערנאציאָנאַל אָפּגעשאפט ווערען און זיין פּלאץ וועט פארנעהמען אן אינטערנאציאָנאַלע פעדעראציע פון סאָציאליסטישע רעגירונגען. אין דעם איבערגאנגס־פּעריאָד, ווען די סאָציאליסטישע באוועגונג אנטהאלט איינע אָדער עטליכע פארטייען אין מאכט צווישען אַן אָרגאניזאציאָן פון מינאָריטעט־פּארטייען אין דער אָפּאָזיציע, דאַן איז די לאגע פון דעם אינטערנאציאָנאַל אַ העכסט־דעליקאטע, ווייל ס'וועט ניט אלע מאָל זיין אזא לייכטע אויפגאבע אָפּצוזונדערען זייער אינטערנאציאָנאַלע סאָציאליסטישע טאקטיק פון דער פראקטישער פּאָליטיק פון דעם אויסערן־מיניסטעריום פון זייער רעגירונג.

איך האָב אַ געלעגנהייט אָנצוצייגן אויף אָט דער געפאַהר אין דער שטעלונג פון דעם קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל צו די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען פון וויטען מזרח. אַן עטוואָס עהנליכע געפאַהר שטעקט אין זיינע באַציהונגען צו די סאָציאַליסטישע באַוועגונגען פון אייראָפּע און אַמעריקע.

די האָפנונג פאַר אַ זאָפאָרטיגען אויסברוך פון אַ וועלט־רעוואָלוציע, וואָס איז געווען אַזוי נויטיג פאַר דער עקזיסטענץ פון סאָוויעט־רוסלאַנד און אויף וואָס איהרע אינערליכע און אויסערליכע פּאָליסים האָבען זיך געשטיצט, האָט אויך באַגייסטערט די אָרגאַניזאַציאָן און די פּראָגראַם פונ'ם קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל. אָבער וועהרענד די באָלשעוויסטישע פיהרער האָבען אין גאַנצען אויפגעגעבען די דאָזיגע האָפנונגען און טעאָריע אין זייער אינערליכער פּאָליטיק, האַלטען זיי זיך פאַר דעם מיט אַ זאָנדערבאַרער איינגעשפּאַרטקייט אין זייער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָגראַם. די פּלאַטפאָרמע־רעזאָלוציאָן פון צווייטען קאָנגרעס פון דעם קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל האַלט זיך נאָך אַלץ מיט דער מיינונג, אַז די וועלט שטעהט אויפ'ן שוועל פון אַן אַלגעמיינער פּראָלעטאַריער־רעוואָלוציע, און די באַריהמטע „איין־און־צוואַנציג פּונקטען", די באַדינגונגען צו פאַראייניגען זיך מיט זיי, שטעלען מיט זיך פאָר אַ מלחמה־פּלאַן, וואָס ווערט אַרויסגעגעבען פון אַן אינטערנאַציאָנאַלען גענעראַל־שטאַב.

„דער וועלט־פּראָלעטאַריאַט געפינט זיך ערב אַנטשיידענע שלאַכטען", פּראָקלאַמירט די פּלאַטפאָרמע־רעזאָלוציע. „מיר לעבען איצט דורך אַן עפּאָכע פון דירעקטע בירגער־קריגען. אָבער די אַנטשיידענדע שטונדע איז נאָהענט. כמעט אין אַלע לענדער, וואו ס'איז נאָר פאַראַן אַ באַדייטענדע אַרבייטער־באַוועגונג, שטעהט דעם אַרבייטער־קלאַס אין דער נאָהענטער צוקונפט פאָר אַ רייהע פון פירכטערליכע צוזאַמענשטויסען. דער אַרבייטער־קלאַס נויטיגט זיך איצט מעהר ווי ווען פריהער אין אַ פעסט־פאַראייניגטער אָרגאַניזאַציאָן. דער אַרבייטער־קלאַס מוז זיך אומאויפהערליך האַלטען אין צופערטיגען צום אָנקומענדען אַנטשיידענדען קאַמף, ער טאָר ניט פאַרלירען קיין איין שטונדע פון דער שעצבאַרער צייט וואָס פאַרבלייבט".

אין די איין־און־צוואנציג פונקטען ווערט אָט־די באהויפּטונג געמאכט זאָגאר נאָך שארפער: „דער קלאסען־קאמף כמעט אין יעדען לאנד פון אייראָפּע און אמעריקע טרעט אריין אין דער תקופה פון בירגער־קריג".

אויב ווערטער האָבען עפּעס א באדייטונג, דאן מיינען די דאָזיגע באהויפּטונגען, אז די ארבייטער־קלאסען שטעהען גרייט פאר אן אנטשיידענדען באוואפענטען געשלעג אום זאָפאָרט צו פארכאפּען די פּאָליטישע מאכט אין כמעט יעדען לאנד אין אייראָפּע און אמעריקע, ד. ה. אין די פאראייניגטע שטאטען און אין קענעדע, אזוי ווי אין די מיטעל־ און דרום־אמעריקאנער רעפּובּליקען. און אויף אָט דער פאנטאסטישער השערה איז געגרינדעט דער גאנצער פּראָיעקט פון דער אָרגאניזאציאָן פונ'ם קאָמוניסטישען אינטערנאציאָנאל.

„בירגער־קריג פאָדערט מיליטערישע טאקטיק. דער קאָמוניסטישער אינטערנאציאָנאל איז ביז איצט הויפּטזעכליך געווען אן אָרגאן פאר פּראָפּאגאנדע און אגיטאציע. איצט ווערט דער קאָמוניסטישער אינטערנאציאָנאל א קריגערישע אָרגאניזאציאָן, וועלכע וועט דארפען איבערנעהמען די אָנפיהרערשאפט פון דער באוועגונג אין די פארשיידענע לענדער". זינאָוויעוו אנאָנסירט*) און די „פאראייניגונגס־באדינגונגען" פאָרמולירען אזוי די לאָגישע אָנווענדונג פון אָט־דער פּאָליטישער טעאָריע:

„אין דער איצטיגער צייט פון שארפען בירגער־קריג וועט די קאָמוניסטישע פּארטיי זיין אימשטאנד צו טאָן אין גאנצען איהר פליכט בלויז דאן, ווען זי איז אָרגאניזירט אויף א געניגענד־גרינדליכען אופן, ווען זי באזיצט אן אייזערנע דיסציפּלין, ווען דער פּארטיי־צענטער וועט געניסען דעם פולען צוטרויען פון די פּארטיי־מיטגלידער, וועלכע דארפען געבען דעם צענטער פּאָלקאָמענע מאכט, דעה און פולע רעכט.

דער אויסדרוק „אייזערנע דיסציפּלין" איז אין קיין פאל ניט קיין מליצה בלויז. די „פאראייניגונגס־באדינגונגען" לעגען ארויף

*) אויפ'ן צווייטען קאָנגרעס פון קאָמוניסטישען אינטערנאציאָנאל.

אויפ'ן אינטערנאציאָנאַלען קאָמוניסטען־פאראיין א גאַנצען שולחן ערוך פון דינים און כללים, וואָס האָט א נאָהענטע עהנליכקייט ניט נאָר צו די געוועהנליכע מיליטערישע פאראָרדנונגען, נאָר אויך צום „פאָרשריפט איבער געהאָרכזאמקייט" פון דעם שארפזיניגען גריג־דער פונ'ם יעזואיטען־אָרדען. די קאָמוניסטישע פארטייען ווערען געהייסען פון צייט צו צייט „בודק־חמץ" זיין, איבערזיפען די מיט־גלידער, אויסראַמען די פסולת פון דער פארטיי, פטור ווערען פון די „קליין־בורזשואזע עלעמענטען". זיי זיינען אויך מחויב צו „אונטערזוכען זייערע פארלאַמענטס־פאָרשטעהער און באזייטיגען פון דאָרט די ניט־פארטרויענסווערטע טיילען." די גאַנצע פארטיי־פרעסע מוז רעדאגירט ווערען פון „טרויענסווערטע קאָמוניסטען" אונטער דער שטרענגער אויפזיכט פון די פארטיי־באַאמטע, און אַלע נאציאָנאַלע פלאַטפאָרמעס אָדער פראָגראַמעס מוזען גוטגע־הייסען ווערען פון דעם נעקסטען קאָנגרעס פון קאָמוניסטישען אינ־טערנאציאָנאַל אָדער זיין עקזעקוטיוו קאָמיטעט.

פון דעמזעלבען יעזואיטישען גייסט נעהמט זיך אויך די אונ־טאָלעראַנץ צו קריטיק און די איינצוימונג פון מיינונגען אין אונזער סאָציאַליסטישער באוועגונג. אַלע סאָציאַליסטען, וואָס זאָגען ניט קיין אָמן אויף יעדען ארטיקעל און יעדע מיינונג פון דער נעאָ־קאָמוניסטישער אמונה, ווערען געשטעמפעלט אַלס „פאַר־רעטער" און „אַגענטען פון דעם קאפיטאַליסטישען קלאַס". און די פארטייען, וואָס ווילען זיך אָנשליסען אָן דעם קאָמוניסטישען אינטערנאציאָנאַל, ווערען געווארנט, אז זיי וועלען מוזען „דורכ־אויס און פאָלקאָם זיך אָפזאָגען פון רעפאָרמיזם און פון דער טאַקטיק פון די צענטריסטען", און אז זיי וועלען מוזען עס פרע־דיגען צווישען די ברייטסטע קרייזען פון די פארטיי־מיטגלידער.

פאַר דער סאָציאַליסטישער באוועגונג פון דער וועלט האָט דער קאָמוניסטישער אינטערנאציאָנאַל געבראַכט ניט שלום, נאָר דעם שווערד. אין א צייט, ווען די באוועגונג, אָן אָפגעשוואכטע און א צעבראָכענע פון דער מלחמה, נויטיגט זיך אַם שטאַרקסטען אין אייניגקייט און ווידער־אויפבויאונג, שלאָגט דער קאָמוניסטי־שער אינטערנאציאָנאַל פאַר ַא בלינדע, פאנאטישע פאָליסי פון ברעכען און אויסשליסען.

און די נייע טאַקטיק ווירקט אויסגעצייכענט. אין די ערשטע צוויי יאָהר פון דעם קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל'ס ענערגישע טעטיגקייט איז די סאָציאַליסטישע באַוועגונג פון יעדען לאַנד אין דער וועלט ערפאָלגרייך „צעבראָכען געוואָרען".

וואָס די קאָמוניסטען פון רוסלאַנד האָבען בייגעשטייערט צו דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון דער וועלט דורך דער באַגייסטערונג וואָס זייער סאָוויעט־רעפּובליק האָט ארויסגערופען, האָבען זיי א סך מעהר שאדען געבראַכט דורך די ברעכערישע טעטיגקייטען פון זייער אינטערנאַציאָנאַל. דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל, ווי ער באַשטעהט ביי היינטיגען טאָג, קען מיט רעכט אָנגערופען ווערען א ווערקצייג, מיט וועלכען די סאָוויעט־רעפּובליק צעשטערט איהר אייגענע ווירקזאַמקייט פאַר דער פּראָלעטאַריער וועלט־רעוואָלוציע.

פון צווייטען זייט, ווידער, זיינען אַלע פאַקזוכען ווידער אמאָל צוזאַמענצושטעלען א שטאַרקען סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל פאַרלויפיג געווען א דורכפאַל. אפּנים, אז מ'קען עס מיט גוואַלט ניט שאַפען. מען מוז וואַרטען די צייט זאָל פאַרהיילען די וואונדען, און די האָפנונגספולע אָפּטימיסטען זעהען שוין ווי די וואונדען הויבען זיך אָן צו היילען.

די נייע ווענדונג פון די קאָמוניסטען אין רוסלאַנד וועט זיך מיט דער צייט מוזען אָפּענטפערען אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

ווען ס'וועלען אויפהערען די אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטישע אטאַקעס אויף דער ארבייטער־רעפּובליק און אַלע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען אין רוסלאַנד וועלען דורכפאַלען, וועט סאָוויעט־רוסלאַנד מוזען אומפארמיידליך אויפגעבען די טאַקטיק פון טעראָר און אונטערדריקונג, און זיך נעהמען פאַר די קאָנסטרוקטיווע אויפגאַבען אויפצובויען די עקאָנאָמישע און קולטורעלע סיסטעם פון לאַנד. דאָס וועט פאַר זיי געווינען די אויפריכטיגע שטיצע פון די רוסישע סאָציאַליסטען פון אַלערליי שאַטירונגען און ס'וועט פיהרען צו קאָאָפּעראַציאָן און פּראַקטישע ארבייט.

דאָס זעלבע קען מען ערוואַרטען, אז ווען ס'וועלען זיך ווידער אָנפאַנגען טעטיגע רעוואָלוציאָנערע קאַמפען אין די מערב־לענדער,

וועלען זיך דאָרט פאַראייניגען די פאַרשיידענע סאָציאַליסטישע פראַקציעס, און אייניגונג אין דער היים וועט זיכער פיהרען צו אינטערנאַציאָנאַלער אייניגונג.

נאָך דער אויפלעזונג פון ערשטען אינטערנאַציאָנאַל, האָט געדויערט אַרום פופצעהן יאָהר צווגרייטען דעם באָדען פאַר דער שאַפונג פון צווייטען אינטערנאַציאָנאַל. די געשעהענישען געהען אַ סך שנעלער אין אונזער אויפגערעגטער צייט. די אויפלעבונג פונ'ם סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל איז אפשר אַ סך נע־הענטער ווי ס'ווייזט אויס פון די אויסערליכע סימנים.